# ס ט ו ד י אָ

פערטל - יערלעך
פאַרלאַג "אַליין"
נ ו י אָ ר ק

# 2

אָקטאָבער-דעצעמבער
1 9 3 4

STUDIO
Literary Quarterly
Vol. 1, No. 2
Oct.-Dec., 1934

Published and Edited by
LAMED SHAPIRO
166 Second Avenue
New York, N. Y.
Subscription Price $2.00 a Year

אינהאַלט:

129 ש. ניגער: וועגן עסעי
144 ראובן אייזלאַנד: פון ריינער קונסט צו נאַציאָנאַל משיחיזם
157 ב. ריווקין: דאָס ליד וואָס ווערט באַלד מקוים
167 פּרץ הירשביין: ערד
175 צבי הירשקאַן: ביאַליק און אחד־העם
אליעזר גרינבערג, י. גויכבערג, א. טאַבאַטשניק, מלכה ח. טוזמאַן, נפתלי גראָס, נחום פּאָזנער:
196 לידער
212 א. טאַבאַטשניק: דער ברוגז־טאַנץ
218 י. זאָלאָט: צווישן שרייבער
223 א. גרינבערג: צוויי קאָנגרעסן
252 יוד זיין: צייטשריפטן
257 לאַמעד שין: שרייבטיש
265 אָפּרופן וועגן „סטודיאָ"

POSY-SHOULSON PRESS
19 W. 21st St., New York, N. Y.

אַ מתנה פון
ליפּע לעהרער
ניו יאָרק

סטודיאָ
פערטל־יערלעך
געפירט פון
ל. שאַפּיראָ

נומער צוויי
אָקטאָבער — דעצעמ.
1934

ש. ניגער

# וועגן עסעי

א.

אַן עסעי איז אין ענגליש, ווי אין ארץ ישראל אָדער אין קאָרפו אַן אתרוג, — נישט קיין יחוס: ער וואַקסט דאָרטן. אינעם ענגלישן ליטעראַרישן באָדן האָט זיך דער עסעי גוט צוגענומען, כאָטש ער איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן פון יענער זייט קאַנאַל: איז דאָרט אַ מוראדיק נערעטעניש אויף „עסעיס". די רייפסטע פאָרמען פון געדאַנקענשפּיל און שטימונגסאויסדרוק זענען עסעיס — און קינדערשע קאָמפּאָזיציעס אין „סקול" זענען אויך „עסעיס". אַבי ס'איז נישט קיין פּאָעזיע און נישט קיין בעלעטריסטיק, איז עס „עסעי". אַזוי איז עס אין דער ענגליש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. ביסלעכווייז ווערט עס אויך באַ אונדז אַזוי.

וואָלט אפשר נישט געשאַדט ארומצוצאַמען — נישט ארומשערן, ניין, נאָר ארומצאַמען — אָט די אײַדעלע פלאַנצונג. זאָל זי זיך וואַקסן פריי און אומגעשטערט, זאָל זי זיך האָבן לופט און ליכט; זאָל מען זיך אָבער קאָנען אָפּשטעלן און זאָגן: אָט דאָס איז אַן עסעי און אָט דאָס דאָרטן איז נאָר ענלעך דערצו; עס האָט דעם אויסזען, אָבער נישט דעם טעם און דעם ריח פון אַן עסעי... עס וואָלט נישט

געשאַדט דאָס צו טון, אָבער עס איז דאָ די געפאַר אַריינגעצויגן צו ווערן אין דער פאַרפּרווירענער וועלט פון אַזוי אָנגערופענע דעפיניציעס, און פאַרן עסעי־שרייבער וואָלט אַ דעפיניציע געווען האַרבער, האַרטער און פּראָסטיקער, ווי פאַר יעטווידן אַנדערן שרייבער. ער וואָלט זיך געלאָזט אפשר נעמען אויפן פאַרהער פון איר שטרענגער עקסעלענץ, דער דעפיניציע, אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז מער ווי אַ שמייכל וועט זי פון אים נישט אַרויסקריגן. זי וועט אים מושטירן, אָבער — אָנשטאָט צו טון, וואָס זי הייסט אים, וועט ער זיך גראַציעז און שמייכלענדיק פאַרנייגן — און דווקא נישט אין איר זייט — און זי וועט, נעבעך, פאַרשעמט ווערן.

די איינציקע דעפיניציע וואָס דער עסעי וואָלט געקאָנט פאַרטראָגן איז — אַז דאָס איז אַזאַ איידעלע פאָרם פון שאַפן וואָס פאַרטראָגט נישט קיין דעפיניציעס. דאָס איז נישט איינמאָל, אגב, געזאָגט געוואָרן אויך וועגן אַנדערע סאָרטן ליטעראַטור, דערהויפּט וועגן פּאָעזיע. אָבער דאָס וואָלט נישט אויסגעמאַכט. עסעאיסטיק האָט אַ שייכות צו אַנדערע פאָרמען פון ליטעראַרישן שאַפן, דערהויפּט טאַקע צו פּאָעזיע. און עס איז גאָרנישט, וואָס פּאָעזיע ״קלינגט שטאָלץ״ און עסעאיסטיק פראַוועט עניוות: ס'איז נאָר אַ פאַרזוך, אַ פאַרזוכן. עס מאַכט נישט אויס, וואָס עס זענען דאָ צווישן זיי נאָך אַנדערע, טיפערע אונטערשיידן. מיך אינטערעסירן דאָ ענלעכקייטן — און זיי זענען אויך דאָ. די וויכטיקסטע פון זיי באַשטייט טאַקע דערין, וואָס סיי עסעי, סיי פּאָעזיע זענען אַזוי דין, אַזוי צאַרט און לופטיק, אַז דאָס פיינסטע דעפיניר־צווייגל וואָלט עס נישט געקאָנט אָנבאַפּן. וויפיל שלייערן איר וועט נישט אַראָפּציען פון אַ לירישן ליד, וועט עס נאָך אַלץ זיין פאַרשלייערט, און אַזוי וועט איר אויך נישט אַרויסכשופן דעם לעצטן שמייכל פונם עסעאיסטס געזיכט. עס איז אַ שמייכל אין אַ שמייכל. שטראַלן פון אונטער אַ וואָלקנדל: אָט זענען זיי דאָ און אָט דאָרטן. און אָט די ניטשטענדיקייט אָדער ניטבאַשטימטקייט איז שייך צום עצם כאַראַקטער פונם עסעי, נישט בלויז צו זיין כאַראַקטעריסטיק. לויט זיין עצם נאַטור איז דער עסעי עפּעס, וואָס איז ניט־סטאַביל, ניט־פעסט, און אויב שוין יאָ וועלן באַשטימען, וואָלט מען געדאַרפט אפשר אָנהויבן טאַקע דערפון, וואָס עס איז



אומבאַשטימט און וואָס אָט די אומבאַשטימטקייט איז זיין באַשטימונג, זיין שטימונג. דאָס וואָלט אונדז צוריק אומגעקערט צו דעם פאַרגלייך צווישן עסעי און ליריק. וואו ליגט באַהאַלטן דער כשוף פון ליד, אויב נישט אין דעם חן פון זיין ״אומקלאָרקייט״, אויב נישט אין די אומענדלעכע נאָכקלאַנגען פון זיין קלאַנג? וואָס וועקט אונדז אין פּאָעזיע? וואָס בינדט־אויף און מונטערט־אויף אַזוי פּלוצלונג אונדזערע געדאַנקען? פאַרוואָס הערן די ״פליגלען פון פאַנטאַזיע״ אויף צו זיין מליצה, ווען מיר קומען אין באַרירונג מיט אַן אמתן פּאָעט? ווייל זיין פלי־קראַפט טראָגט אונדז? ניין. מיר ווערן אַליין דערהויבן. וואָרים ער ברייגנט אונדז נישט צו קיין באַשטימטן ציל, ער פירט אונדז אַרויף אויף אַ וועג און ער טוט אין יעדן פון אונדז אַריין אַ ווילן און אַ כוח און אַ כשוף צו טראָגן זיך איבער אָט דעם וויטן וועג און צו דערגרייכן מיט אייגענע מעגלעכקייטן אייגענע צילן ... מיט אַנדערע, איינפאַכערע, ווערטער: דער פּאָעט גיט אונדז נישט קיין פאַרטיקע אָפּגעקילטע זאַך צום ״געניסן״. ער לאָזט אונדז איבער מיט זיינע הייסע סוגעסטיעס, מיט זיינע פייערדיקע סטימולן, און זיי צינדן אונדז און לאָדן אונדז אָן מיט קרעאַטיוון אומרו, מיט שעפערישן אימפּעט ...

אַזוי איז דעם דיכטערס ווירקונג און אַזוי — סוגעסטיוו, וועקנדיק און צינדנדיק — איז די קראַפט פונם עסעאיסט. ער גיט אונדז נישט קיין פאַרטיקן אמת. ער קומט צו אונדז נישט מיט זיין איינאונאיינציקן זין. ער האָט אים אפשר גאָרנישט. ער האָט טראַכטענישן, איינדרוקן, איבערלעבונגען, זכרונות, סברות, השערות, אפשרס. און ער שיט דאָס אַלץ אויס פאַר אונדז האַלב־ערנסט, האַלב־שפּילנדיק זיך. שפּילנדיק מיטן ערנסט, מיינענדיק ערנסט מיטן שפּיל. ער כאַפּט אַ קוק אויף זיך אַליין, אין זיך אַליין, ער טענהט זיך אויס מיט זיך אַליין, און שמועסט דערווייל מיט אונדז, נישט מאַכנדיק קיין אויספירן, נישט פאָרמולירנדיק קיין לאָזונגען און קיין פּראָגראַמען. קיין זאַך איז אים נישט אַזוי פרעמד, ווי אַ פּעדאַנטישער טעזיס און אַ פאַרגליווערטע פאָרמולע. ממילא, איז ער ווייט פון דעם, וואָס מען רופן־אָן עקזאַקטקייט און וויסנשאַפטלעכקייט. וויסנשאַפט ווייסט. ער פרעגט. ״וואָס ווייס איך״? פרעגט ער אינאיינעם מיט מאָנטענען,

דעם גרויסן שאפער פונם עסעאיסטישן סטיל, — וואָס איז, אגב, אַ סטיל פון דיינקען, נישט נאָר פון שרייבן אַליין. "ווער עס זוכט גרינט־וואו זי געפינט זיך, זאָגט ער אינאיינעם מיט מאָנטענען, מוז זי זוכן פון נאָך אַ זאַך מיט וועלכער איך זאָל זיך אַזוי ווינציק באַשעפטיקן. אָט דאָס דאָ איז — מיינע אייגענע איינפאַלן, און איך בין אויסן ארויס־עסעי "וועגן ביכער"). פון זיך אַליין קומט צו אונדז דער עסעאיסט, אַזוי ווי דער לירישער פּאָעט. דער עסעאיסט איז, אַזוי ווי דער ליריקער, אַ באַשטימטער סאָרט מענטש, נישט נאָר אַ באַשטימטער סאָרט שרייבער, און זיין הויפּט־אויפּטו באַשטייט אין דעם, וואָס "ער האָט דעם מוט צו זאָגן אַלס שרייבער וואָס ער פילט אַלס מענטש", — דעם מוט, וואָס דער גרויסער פראַנצויזישער עסעאיסט האָט געהאַט, — לויט וויליאַם העזליט. דאַכט זיך, וואָס איז דער קונץ? אָבער פּרובירט עס טון, וועט איר זען, אַז עס איז נישט בלויז אַ קונץ, עס איז אַ קונסט, אַ גרויסע און אַ וואונדערלעכע קונסט, צו זאָגן אַלס שרייבער וואָס מען פילט אַלס מענטש.

דאָס איז דעם עסעאיסטס קונסט, און דאָך (אָדער אפשר טאַקע דערפאַר) צייכנט ער זיך אויס מיט זיין נישטזיכערקייט און מיט זיין נישט־וועלן אָפּפּסקענען אַ זאַך. טאַקע ער האָט קיין מורא נישט צו זאָגן אַלץ וואָס ער פילט, אָבער אַלס מענטש און אַלס שרייבער איז ער איינער פון יענע, וואָס טשאַרלז לעם, אפשער דער טיפּישסטער ענגלישער עסעאיסט אין 19טן יאָרהונדערט, כאַראַקטעריזירט זיי אויפן פאָלגנדיקן אופן: "...זיי האָבן אַ געדאַנק, וואָס איז מער נוטה אָנצואווינקען אויף אַ זאַך, ווי זי אויסצושעפּן. זיי פּרעטענדירן נישט אויף צופיל קלאָרקייט און פּרעציזקייט אין זייערע אידייען אָדער אין דעם אופן ווי זיי ברענגען ארויס זייערע אידייען. זייער אינטעלעקטועלער גאַרדעראָב, מוז מען צוגעבן, האָט אין זיך ווינציק גאַנצע זאַכן. זיי באַנוגענען זיך מיט פראַגמענטן, מיט שטיקלעך און ברעקלעך אמת" און ווייטער: "דאָס ליכט וואָס לייכט זיי איז נישט קיין שטענדיק ליכט, נישט קיין פּאָלאַר ליכט. עס האַלט זיך אין איין



ענדערן, אין איין איבעררוקן זיך פון איין אָרט אויף אַ צווייטן. אָט גייט עס אויף און אָט פאַרגייט עס... זיי קאָנען נישט ריידן אַלעמאָל ווי ווען זיי זאָלן זיין אונטער אַ שבועה. מען מוז נעמען וואָס זיי ריידן אָדער שרייבן מיט געוויסע רעזערוואַציעס. זיי וואַרטן נישט ביז עפּעס זאָל באַ זיי צייטיק ווערן, זיי ברענגען עס אויפן מאַרק גרינערהייד".

אַזוי טוען זיי, — און אַזוי פירט זיך אויף אויך דער טיפּישער עסעאיסט. ער גיט אונדז צו פאַרזוכן די צייטיקע און אויך די נישט גאָר צייטיקע פרוכט פון זיין געדאַנק. ער איז נישט אויסן אונדז צו זעטיקן. ער וויל אפשר, פאַרקערט, נאָר וועקן אונדזער אַפּעטיט — און אפשר דאָס אויך נישט. ער פירט זיינע געשפּרעכן מיט אונדז (און מיט זיך אַליין) אָן אַ באַשטימטן ציל, אָן אַ תכלית. ער שמועסט, ווייל ער האָט ליב צו שמועסן. ער האָט הנאה פון דערציילן זאַכן און פון דיינקען הויך, אויפן קול, אַזוי אַז אַנדערע זאָלן הערן. ער רעדט זיך אַראָפּ פון הארצן, און קיין זאַך איז נישט אַזוי ווייט פון זיינע כונות, ווי דער פאַרלאַנג אונדז איינצורעדן עפּעס אָדער איבערצורעדן אונדז, אַז מיר זאָלן איבערגיין דאַווקע אויף זיין זייט, ווען עס איז דאָ עפּעס אַ מיינונגספאַרשיידנהייט. אפשר זאָל ער גאָר צושטיין צום אַנדערן צד? איז ער אַזוי זיכער, אַז ער איז גערעכט? ער קוקט זיך צו צו מענטשן, ווייסט ער ווי אָפט זיי ריידן זיך איין זאַכן וואָס נישטגעשטויגן, נישטגעפלויגן. ער איז אויך, ווייסט ער, "נישטמער ווי אַ מענטש". פּרעטענדירט ער גאָרנישט אפילו אויף "אַלגעמיינגילטיקייט". ער איז סוביעקטיוו — און ער באַהאַלט עס נישט פון קיינעם.

ער איז אַ איך־מענטש, אַזויווי דער ליריקער, אָבער — און אָט דאָ הויבט זיך אָן דער אונטערשייד צווישן זייביידן — דער לירישער פּאָעט רעדט וועגן זיך אַליין דערפאַר, ווייל ער איז זיכער, אַז מיט זיין מויל ריידן די געטער. זיין איך איז אַלץ, גלויבט ער, און אַלץ איז באַ אים איך, נאָר איך, רק איך. אַנדערש איז דער עסעאיסט; כאָטש אויך ער "מאָלט נאָר זיך אַליין", ווי מאָנטען האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט טאַקע ליב צו ניצן די ערשטע פּערזאָן פון פּערסאָנעלן פּראָנאָמען, אָבער ער מיינט עפּעס אַנדערש. ער מיינט צו זאָגן: "ווערט

נישט נתפעל, דאָס איז, סך־הכל, אַ פּערזענלעכער איינדרוק. אַ קליין
שטיקעלע דערפאַרונג . . . דאָס איז געווען דאַן און דאַן, דאָרט און
דאָרט. איך האָב עס נישט פאַרגעסן, איך זע עס נאָך איצט מיט
מיינע אויגן. אויב איר ווילט, קאָן איך עס אייך דערציילן. יעדערער
פון אונדז האָט עפּעס צו דערציילן. עס וואָלט נישט געשאַדט, מען
זאָל איינע די אַנדערע אויסהערן אַביסעלע אָפטער. אפשר וואָלט
מען נענטער געוואָרן צווישן זיך. אפשר וואָלט מען אויך געוואָרן
געדולדיקער איינער צום אַנדערן. און טאָמער נישט, מאַכט אויך
נישט אויס. עס איז סיי־ווי טשיקאַווע צו הערן, וואָס איינער האָט
איבערגעלעבט . . . מײַן דערציילונג איז אַזאַ. הערט, אויב איר האָט
צייט. הערט — און טראַכט אייך וואָס איר ווילט. מײַן קוק איז
אַזאַ . . .״

און ער דערציילט אייך אַן עפּיזאָד פון זיין לעבן, אַ דעראינערונג, אַן
איבערלעבעניש, און ער זאָגט, וואָס ער טראַכט וועגן דעם. ער רעדט
געמיטלעך, מיט אַ שטילן הומאָר. ער רעדט נישט צו לאַנג, עס זאָל
נישט זיין לאַנגווייליק. ער אַמוזירט זיך אַליין מיט זיין שמועסן —
און ער וויל אויך אונדז נישט פאַרנודיען. פאַרקערט, ער וויל, מיר
זאָלן גוט פאַרברייינגען מיט אים די צייט.

זיין טיש איז געגרייט פאַר אונדז, כאָטש ער האָט נישט קיין שולחן ערוך,
און מיר נעמען אָן זיין איינלאַדונג. מיר גלויבן אין זיין פריינטלעכ־
שמייכל. ער איז תמיד געמיטלעך. אָפט איז ער האַרציק. ער היט
זיך אָבער צו ווערן סענטימענטאַל. ער פירט אונדז גלייך אַריבער
אויף אַן אַנדער טעמע אָדער ער רירט אָן עפּעס אַן אַנדער פונקט,
ווי נאָר ער דערפילט, אַז עס ווערט אַביסל צו וואַרעם. דאָס קאָן זיך
אַ ליריקער פאַרגינען צו קאָכן זיך און צו בלייבן צעקאָכט. אויך אַ
פריידיקער האָט עס ליב. אָבער נישט דער עסעאיסט. ער היט זיך
צו בלייבן צו לאַנג, אַ פאַרכשופטער, אין איין שטימונגסוועלט, אַזוי־ווי
ער מיידט אויס צו פאַרהאַלטן זיך אַ לייַנגערע צייט אין איין און דעמ־
זעלביקן קרייז פון אידייען. ער קילט־אָפּ די אינטימיטעט פונם ליריקער מיט דער רואיקייט און דער פילזייטיקייט פונם דערציילער. ער



האָט אין זיך עפּעס פון זיי ביידן. ער געפינט זיך אויפן גרעניץ צווישן
זיי ביידן.

ער איז בכלל — אויפן גרעניץ. ער שטייט נישט ״אויפן סאַמע גרעניץ
צווישן זשורנאַליזם און ליטעראַטור״, ווי לאַמעד שין שרייבט (אין
״סטודיאָ״, יולי־סעפּטעמבער, 1934), — ניין, ער געפינט זיך אי־
נעווייניק אין דער ליטעראַטור, נישט אויף איר גרעניץ, אָבער אינע־
ווייניק אין איר געפינט ער זיך אויפן שיידוועג צווישן אַלערליי ליטע־
ראַרישע פאָרמען און פריער ווי אַלץ — צווישן דעם ציטערדיקן חן פון
ליריזם און דער געלאַסנקייט פון עפּיק . . .

דעם עסעאיסטס שטיין־אויפן־גרעניץ מאַכט אַז דעם עסעי זאָל זיין
נאָך שווערער צו דעפינירן ווי די ליריק, וואָרים דעפינירן מיינט
איינשליסן אין גרעניצן. און ווען דער שרייבער פון די שורות זאָל
געהערן צום ריין־עסעאיסטישן טיפּ מענטש (דאָס איז, חזר איך איבער,
אַ מענטשלעכער, נישט נאָר אַ שריפטשטעלערישער טיפּ), וואָלט ער
פאַרזוכט און געגעבן אַנדערע צו פאַרזוכן דעם טעם פון עסעי, אַנ־
שטאָט צו ריידן וועגן עסעי. אָבער אפילו איצט, ווען ער איז אינער־
לעך נישט אינגאַנצן מסוגל צו שרייבן אינם ריינעם עסעי־גוסט, וואָלט
ער דאָך געקאָנט פּרובירן ניצן אַ מער עסעאיסטישן נוסח און ווייזן,
אַנשטאָט צו באַווייזן, וואָס עס איז דער תוך פון אָט דעם נוסח. ער
וואָלט געקאָנט אָנצייכענען, אַ שטייגער, שטריכן אין זיין כאַראַקטער,
מאָמענטן אין זיין דערציאונג, וועלכע שטערן אים צו ריידן בלשון
איך און צו שרייבן (און צו דיינקען) אַזוי ליריש־אינטים, אַזוי דער־
ציילעריש־קאָנקרעט, אַזוי פריי און שפּילעוודיק, ווי עס פּאַסט זיך פאַרן
אמתן עסעאיסט. ער וואָלט געקאָנט בולט מאַכן די געהעריקע שטריכן
פון זיין כאַראַקטער מיט דער הילף פון אַ פּאָר קורצע מעשהלעך,
אַנעקדאָטן, ביישפּילן פון פערזענלעכן לעבן. עס וואָלט אים נישט
שווער געווען קלאָר צו מאַכן די אייגנאַרטיקייטן פון זיין דערציאונג
דורך געמיטלעך־דערציילטע דערינערונגען, דורך לייכט־אָנגעוואָרפענע
פּאָרטרעטלעך פון זיינע רביים, חברים, פריינט. ער וואָלט, קורץ, גע־
קאָנט אָנשרייבן אַן עסעי אויף דער טעמע : ״פאַרוואָס איך שרייב נישט
קיין עסעי״. דאָס וואָלט געקלונגען ווי אַ ווידערשפּרוך, אָבער . . .

עסעאיסטן ווערן נישט נתפּעל פון ווידערשפּרוכן. ("ווידערקלאַנגען און ווידערשפּרוכן" האָט דר. קאַראַלניק אָנגערופן איינס פון זיינע עסעאיסטישע ביכער). וואָלט דאָס אפשר געוויזן, אַז ער האָט אין זיך יאָ עפּעס פון אַן עסעאיסט, והא ראיה, אים אַרט נים, וואָס ער איז זיך אַליין סותר (ער שרייבט אַן עסעי אויף דער טעמע: "פאַרוואָס איך שרייב נישט קיין עסעי"). אָבער... צו לאָזן גרויסע סתירות הייסט נאָך נישט זיין אַ גרויסער עסעאיסט. עס זענען נויטיק דערצו נאָך אַנדערע חסרונות — און אַנדערע מעלות אויך. און זיי (כ'מיין נישט, פאַרשטייט זיך, די חסרונות, כ'מיין די מעלות) זענען בײַ מיר נישט אין אַן אַנטוויקלטן צושטאַנד, — ווי דער דער לעזער קאָן עס זען פון דעם אַבסאָלוט נישט־עסעאיסטישן, ווייל נישטגראַציעזן פּלאָנטער פונם לעצטן פּאַראַגראַף...

וועל איך אַלע ווייטערדיקע באַטראַכטונגען וועגן עסעי שרייבן אַזוי ווי די פריערדיקע, נישט אינם ריין־עסעאיסטישן, נאָר אינם — מער פאַר מיר צוגעפּאַסטן — היסטאָריש־קריטישן סטיל.

ב.

איך וועל אויסנוצן אַ פאַקט אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור, כדי קלערער צו מאַכן אייניקע — דערמאָנטע און נישט קיין דערמאָנטע — שטריכן אינם עסעאיסטס געזיכט. עס איז אַ פאַקט, אַז דער ריינער עסעי האָט זיך באַוויזן אין דער אידישער ליטעראַטור זייער שפּעט. ער איז עד היום נאָך בײַ אונדז אַ זעלטענער גאַסט. מיר לייענען דאָ און דאָרט אַן אַרטיקל, וואָס האָט אין זיך סמנים פון אַן עסעי. (איך וואָלט געקאָנט אפילו אָנרופן מיט די נעמען יענע אידישע שרייבער, וועלכע זענען אָפטער ווי אַנדערע געחתמעט אויף אַזעלכע אַרטיקלען. איך וואָלט געקאָנט, אַשטייגער, דערמאָנען ראובן בריינינען, דר. א. קאַראַלניקן, אפשר אויך צביונען און אַנדערע, וועלכע שרייבן לייכט אויף שווערע טעמעס. אָבער ווען איך זאָל עס טון, וואָלט איך געדאַרפט אַריינלאָזן זיך אין דערקלערונגען, פאַרוואָס איך דערמאָן גראָד די נעמען און נישט קיין אַנדערע. איך וואָלט אויך געדאַרפט פאַרטייטשן, וואָס מיין איך, ווען איך זאָג אַז אייניקע אַר־טיקלען זייערע האָבן אין זיך סמנים פון אַן עסעי, אָבער קיין עסעיס אין פולן זינען פונם וואָרט זענען זיי נישט... דאָס קאָן איך דאָ נישט טון, און איך האָב שוין חרטה, וואָס איך האָב דערמאָנט נעמען. איך האָב איינדעראמתן געוואָלט נאָר זאָגן, אַז אויך איצט זענען אין בעסטן פאַל דאָ בײַ אונדז בלויז עסעאיזירנדיקע שרייבער, נישט קיין עסעאיסטן אין יענעם אייגנאַרטיקן זינען, אין וועלכן מיר האָבן דאָ גערעדט וועגן זיי.) קיין פולבלוטיקע עסעאיסטן האָבן מיר נישט.

און ביזן סוף פאָריקן יאָרהונדערט זענען נישט געווען בײַ אונדז אפילו קיין שיר־נישט־עסעאיסטן. מען וואָלט געקאָנט אפשר אויפזוכן אַ זייטל, אַן אָפּשניט, וואָס שמעקט מיט דער געמיטלעכקייט און דער אינטימיטעט פונם עסעאיסטישן שטייגער שרייבן, — אין דעם אָדער אין יענעם מוסר־ספר, אין די מעמוארן פון אַ גליקל פון האַמעלן. מען וואָלט געקאָנט זען אַן עסעאיסטישן ניצוץ אין געוויסע ווערטלעך פון חסידישע גוטע אידן, דערהויפּט אין די קורצע, אָפּט אויטאָביאָגראַפישע, מעשהלעך פון אַ רב נחמן בראַסלאַווער, אַ ר' נפתלי ראָפּטשיצער. בכלל אָבער איז די אַלטע אידישע ליטעראַטור געווען צו פרום פאַרן עסעי. זי איז געווען צו אומפּערזענלעך צו האָבן אין זיך עפּעס פון יענעם אינטימען חן, מיט וועלכן דער עסעי צייכנט זיך אויס. זי איז געווען צו נאָענט צום שולחן־ערוך צו פאַרגינען זיך פרייען שפּיל פון פרייען געדאַנק, צו דאָגמאַטיש פאַר געמיטלעכע שמועסן. מער קריטיש און מער פריי איז געווען דער געדאַנק פון אונדזער וועלטלעכער מוסר־ליטעראַטור — דער ליטעראַטור פון די משכּילים, אָבער אויך זי איז געווען אַ מוסר־ליטעראַטור. ממילא, איז נישט געווען אין איר קיין פּלאַץ פאַר אַ שרייבער, וועלכער וויל נישט שטראָפן און פּריידיקן, לאַכן און וויינען, נאָר — זען און פאַרשטיין. די השכלה־שרייבער זענען געווען זיכער אין זיך, בעת דער עסעאיסט איז נישט זיכער אפילו, אַז ער איז... אַן עסעאיסט. יענע האָבן געשריבן און געשריען און געמאָנט אין נאָמען פון עפּעס אַ העכערן אויטאָריטעט, דעם אויטאָריטעט פון "וויסנשאַפט", פון "קולטור", פון "פּראָגרעס", בעת אַ מישעל דע מאָנטען ווערט נישט נתפּעל אפילו פון די אויטאָריטעטן, וועלכע ער אַליין האָט ליב צו ציטירן. די משכּילים זענען געווען אָנגעצויגן, טויט־ערנסט; ווי לערער און וועג־ווייזער, זענען זיי געשטאַנען אויף אַן עסטראַדע, שאַרף

אָפגעטיילט און אָפגעגרעניצט פון די, צו וועמען זיי האָבן גערעדט און וועמען זיי האָבן געזוכט אויפצוקלערן און אויסצובעסערן, בעת דער עסעאיסט זיצט מיט אונדז בא איין טיש, זיצט און שמועסט אָן אָראַטאָרישע תנועות, אָן פאַרגלאָצטע אויגן — און אָן קיין שום מחיצה צווישן אים און אונדז. ער האַלט אונדז פאַר זיינסגלייכן און ער דעקט־אויף פאַר אונדז די אינטימסטע ווינקעלעך פון זיין עמאָ־ציאָנעלן און אינטעלעקטועלן לעבן. ער טראָגט נישט קיין שטריימל, קאָן ער זיך פאַרגינען צו גיין אין שטעק־שיך. דער השכלה־שרייבער האָט זיך עס נישט געקאָנט פאַרגינען: ער איז געווען אין אַ שטריימל. זיין לעזער האָט געשטאַמט פון דעם "אומוויסנדיקן המון", בעת ער איז געווען "אויפגעקלערט". היינט ווי האָט ער געקאָנט קומען מיט אים אין אינטימער און אוממיטלבאַרער באַרירונג?

האָט טאַקע געפעלט בא אונדז דער פרייערער און אינטימערער סאָרט שרייבן, דער סאָרט שרייבן פונם עסעאיסט, ביז... עס איז געקומען פרץ.

אָבער איך מוז גלייך זאָגן, אַז איך קלייב זיך נישט אָנצוטון אַ נייע קרוין אויף פרצעס קאָפּ. ער האָט שוין גענוג קרוינען. אגב, געהער איך נישט צו די וועלכע האַלטן אַז פרץ איז געווען אַלץ. ער איז נישט געווען בא מיר קיין רבי, און, לויט מיין מיינונג, איז ער בטבע נישט געווען קיין רבי, כאָטש חסידים האָבן זיך געמאַטערט אים אַוועקצו־זעצן אויף אַ רבנישן שטול. אָבער טאַקע דערפאַר ווייל ער איז בטבע נישט געווען קיין רבי, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס אָנ־שטאָט אויסצוהערן דעם לעזער, ווי אַ דאָקטאָר הערט אויס אַ חולה, האָט ער געוואָלט, אַז אימיצער זאָל אים אַליין אויסהערן. דער ערשטער צווישן די השכלה־שרייבער, וואָס האָט געזוכט אַ לעזער, אויף וועלכן ער זאָל נישט דאַרפן קוקן פון אויבן אַראָפּ, — אַ לעזער צו חברן זיך מיט אים. אַזאַ לעזער האָט זיך דאַן ערשט גענומען ווייזן אויפן אידיש־ליטעראַרישן האָריזאָנט, אָבער פרץ איז געווען גענוג ווייטזיכטיק אים צו דערזען און צו דערנענטערן, און ער האָט שוין נישט געדאַרפט זיך איבערטון, ווען ער האָט געשריבן אויף דער שפּראַך פון פאָלק, ווי עס האָט זיך איבערגעטון **ש. י. אַבראַמאָוויטש**, פאַרשטעלנדיק זיך



פאַר מענדעלע מוכר ספרים. ניין, פרץ איז געקומען צום אידישן לעזער ווי ער שטייט און גייט — אין זיינע היימישע בגדים. ער איז געקומען צו אים אויסלעבן זיך גייסטיק, נישט נאָר מוסר זאָגן, און ער האָט געבראַכט מיט זיך זיין גאַנץ פאַרמעגן, אפילו זיינע וואַקלענישן. ער האָט זיך נישט געשעמט צו זיין אומזיכער און אומ־קלאָר. ער האָט געשריבן "מיט פינטעלעך". באַנוגנט זיך מיט אַ וואונק, אַ שפּיל געטון זיך, געחנט זיך... ער האָט פון אָנהויב אָן געהאַט עפּעס אין זיין שרייבן וואָס האָט אינטריגירט דעם לעזער, נישט געלאָזן רוען זיין געדאַנק, געוועקט זיין פאַנטאַזיע, אָנשטאָט צו קומען צו אים, ווי אַנדערע משכילים, מיט אייביקע טענות און פאַרטיקע אמתן. ער האָט אויך געהאַט טענות און תביעות, אָבער עס האָט זיך געפילט, אַז ער מאָנט עפּעס בא זיך אַליין אויך, אַז ער איז מיט זיך אַליין אויך נישט שווה בשווה, אַז עפּעס פעלט אים, עפּעס גייט אים אָפּ, עפּעס איז נישט גלאַט בא אים, עפּעס זוכט ער — און דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז ביסלעכווייז זאָל אויפגעדעקט ווערן זיין אינטים־היימישע פערזענלעכקייט, נישט נאָר ווי בא מענ־דעלען — זיין שרייבערישע אינדיווידואַליטעט. און פון דער אינטים־היימישער נישט־שטייפער, — נישט־אָנגעצויגענער, נישט־פאַרשפּי־ליעטער — פערזענלעכקייט איז דאָך נאָר איין שריט צום עסעי. איז טאַקע פרץ געווען דער ערשטער, וואָס איז פייאיק געווען צו מאַכן אָט דעם שריט. (אמת, לינעצקי איז אין זיין שרייבן אויך נישט געווען שטייף און אָנגעצויגן און פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך, אָבער דאָס איז געווען די אומגראַציעזע "צעכראַסטעטקייט" פון איינעם וואָס איז מיט אַלעמען "אויף דו", נישט די שאַרמאַנטע אינטימיטעט פונם עסעאיסט). אָבער אויך פרץ איז נישט געווען קיין עסעאיסט אינם פולן זינען פונם דאָזיקן וואָרט. ער האָט געהאַט נאָר איינציקע עסעאיסטישע שטריכן (און זיי האָט ער געהאַט אויך אין זיינע דער־ציילונגען). עס איז נישט געווען בא אים קיין עמאָציאָנעלע, בלויז אַן אינטעלעקטועלע, אינטימיטעט (אפילו אין זיינע זכרונות זאָגט ער אונדז מער סודות פון זיין טראַכטן, ווי פון זיין געפילס־לעבן). ער האָט הנאה געהאַט פון שמועסן מיטן לעזער און מיט זיך אַליין, וואָס דאָס איז אַן עסעאיסטישער שטריך, אָבער דאָס פירן געשפּרעכן, דאָס דיאַלאָגיזירן, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, איז געווען

ניט אָן תכלית, ניט אָן אַ שטרעבן צו אַן אויספּיר. עס האָט אים געפעלט די קונסט, די גראַציע, מיט וועלכער דער עסעאיסט פאַרשלייערט זיין ציל, אפילו ווען ער האָט אים און וויל אים דערגרייכן.

דער עסעאיסט איז "קינסטלער", בעת פּרץ איז געווען "דיכטער", לויט זיינעם אַן אייגענעם אויסדרוק: "פריי איז דער קינסטלער. ער מעג וועלן דעם אויפגאַנג, דעם אונטערגאַנג פון דער זון; ים, שטורעם און סטעפּ; נאָכיאָגן זומערפייגעלעך, פונקען פון קוימען באַם שמיד; גאָלד־גלאַנצן פון אויגן אויף בלאַסע געזיכטער באַזינגען. ניט פריי איז דער דיכטער: זיין וועג איז דער טוריסטנוועג, וואָס שלייגלט זיך צווישן פעלזן און אָפּגרונטן און אויף דער הויך, וואו עס שפּילט זיך די הויכע מענטשלעכע טראַגעדיע, וואו צווישן שרעקן, געפאַר און שגעון ווערן געוואויגן די גרעסטע מענטשלעכע פּראָבלעמען: "וואָס איז לעבן? וואָס איז טויט? ווער בין איך און וואוהין פירט מיין וועג?" ("דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער"). דאָס איז דעם "דיכטערס" וועג — און דאָס איז פּרצס וועג. דאָס איז ניט דער עסעאיסטישער וועג. דער עסעאיסט איז נעענטער צום טיפּ "קינסטלער" ווי צום "דיכטערישן" טיפּ. דער עסעאיסט קאָן אויך פרעגן: וואָס איז לעבן? "וואָס איז טויט? ווער בין איך? און וואוהין פירט מיין וועג?" אָבער ער פרעגט נאָר. ער איילט זיך ניט צו ענטפערן. און ער מאָנט בא אונדז ניט קיין באַלדיקן ענטפער. דערצו האָט ער ליב אַראָפּצונידערן פון דער הויך, וואו "צווישן שרעק, געפאַר און! שגעון ווערן געוואויגן די גרעסטע מענטשלעכע פּראָבלעמען", — אַראָפּצונידערן און "נאָכיאָגן זומערפייגעלעך, פונקען פון קוימען באַם שמיד" א. ד. ג. דער עסעאיסט רעכנט, אַז (ווי פּרץ אַליין האָט אין אָנפאַל פון "עסעאיזם" געשריבן) — "ניט וואָר און ניט פאַלש זענען אידייען, נאָר פריש און אַלט, בליענדיק אָדער פאַרוועלקט". פּרץ האָט אויך ליב געהאַט פרישקייט, בליענדיקייט, חן, — און אין דעם זינען איז ער געווען עסעאיסטיש, ער האָט אָבער ליידנשאַפטלעך געזוכט "וואָרע", ניט נאָר פרישע אידייען, ער איז געווען אַן עטישע, ניט קיין עסטעטישע נאַטור, און דאָס האָט אים געשטערט צו זיין אַ הונדערטפּראָצענטיקער עסע־



איסט. אַ שטער איז געווען אויך דאָס וואָס ער איז געווען צו ווינציק הומאָריסט. (אינם טיפּישן עסעי ליגט באַהאַלטן הומאָר).

נענוג הומאָר, גענוג אינטימע געמיטלעכקייט, אויך גענוג "קינסטלערישקייט" אינם פריער־דערמאָנטן זין האָט געהאַט אין זיך ה. ד. נאָמבערג, — און דער, וואָס וועט וועלן שאַפן אַן אַנטאָלאָגיע פון אידישע עסעים וועט אין נאָמבערגס פעליעטאָנען, רייזעבאַשרייבונגען און קריטיקן האָבן פאַר זיך אַ היבש ביסל פּאַסיקן מאַטעריאַל. ער וועט עס געפינען אויך ביי בעל מחשבותן. איך צווייפל, צי ער וועט עס געפינען, אויב ער וועט קוקן אויפן עסעי אַזוי ווי איך קוק אויף אים — בא דר. עליאַשעווס עלטערן קאָלעגע, בא דוד פרישמאַנען. פרישמאַן איז געווען צו זיכער, צו האָפּערדיק, צו פאַרביטערט, אויך צו איינזייטיק צו שרייבן עכטע עסעים. ער האָט — ניט געקוקט אויף דער אָפּגעלאָזנקייט פון זיין אידיש — געהאַט אַ מער געשליפענעם און בעסער קולטיווירטן סטיל ווי בעל מחשבות. בעל מחשבות איז געווען אָבער ווייכער, שטילער, רואיקער, און אין זיינע "שטריכן און געדאַנקען", אויך אין אַ טייל פון זיין קריטיק, איז דאָ דער שאַרם פון ערנסט און שפּילעוודיקייט, ווען זיי באַהעפטן זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן, — דער חן פון עסעאיסטיק. בעל מחשבות איז, אפילו דאַן ווען ער איז איראָניש, נעענטער צום הומאָריסטישן ווי צום סאַטירישן געמיט, און דאָס ברענגט אים אין באַרירונג מיט דעם עסעאיסטישן מענטשן.

אַ נאָענטע שייכות צום גייסט און גוסט פון עסעאיזם האָט אָן קיין שום ספק (און דאָס וועט זיין דאָס לעצטע קאָנקרעטע ביישפּיל) דר. א. קאַראַלניק. ער הייבט אויף לייכט דעם שווערסטן קעגנשטאַנד און, פאַרקערט, פון דער לייכטסטער זאַך ווערט בא אים אַ האַרבע סוגיא. אים אַרט ניט ווענן וואָס ער שמועסט, ווענן וואָס ער פילאָזאָפירט, אַבי שמועסן מיט דער פּען אין האַנט, אַבי פילאָזאָפירן. קונסט, ביכער, פּאָליטיק, ציישונגסניים, רעליגיע, שבת און וואָך, אייביקייט און טאָגטעגלעכקייט — אַלץ איז פאַר אים אַ טעמע, אַלץ איז מאַטעריאַל פאַר דעם שפּיל פון זיין געדאַנק, פאַר דער קונציקער אַקראָבאַטיק פון זיין — ווייכער, כאָטש ניט געגזעגנער — פּעדער. אים איז קיין זאַך ניט פרעמד, קיין זאַך איז אים ניט שווער. אַלע

פראגן געפינען בא אים ענטפערס, אלע ענטפערס — פראגן. א פיר מיט דער פען, א שנעלער געדאנקען־שפרונג — און פון יא ווערט ניין, פון ניין — יא. ער שפילט נישט מיט זיין געדאנק, דערלויב איך זיך צו ציטירן זיך אליין, ער "שפילט אויף זיין געדאנק, ווי מען שפילט אויף א פידל, און ער איז ערנסט, ווען ער שפילט"... דאס מאכט אים פאר אן עסעאיסט.

נאך בעסער וואלט געווען, ווען מען זאל קאנען זאגן וועגן אים, ווי מען קאן זאגן וועגן דעם גאר און גאר ווערטפולן עסעאיסט, אז ער איז נישט נאר ערנסט, ווען ער שפילט, נאר אז ער שפילט, ווען ער איז ערנסט. אן אמתער עסעאיסט איז טיף־ערנסט. ער האט מיינונגען, נישט נאר ער זאגט א מיינונג. ווייל ער האט איבערצייגונגען, איז אזוי אנגענעם זיין נישט לאזן זיי פארפרוירן ווערן. ווייל ער גלויבט אין וואס ער זאגט, איז אזוי שיין דער שמייכל, מיט וועלכן ער זאגט עס. ווייל ער האט א רוקנביין, איז צו באוואונדערן זיין ווייכקייט און זיין עלאסטיציטעט. (אן א רוקנביין איז קיין קונץ נישט צו זיין ווייך און בייגיק). עס איז א טעות צו טראכטן, אז דער עסעאיסט איז א מהיכי־תיתי־מענטש. ניין, עס גייט אים אין לעבן יעדעס ווארט, וואס ער זאגט, און נאר ווייל ער האט א חוש פאר הומאר, שטעלט ער זיך נישט אוועק אין דער פאזע פון א פריידיקער. ער מעג זיך זאגן אינאיינעם מיט דר. קאראלניקן: "איך גלויב נישט אין אויסשעפנדיקע ענטפערס, און אויך נישט אין אלזייטיקע באלייכטונגען. מיין וועלט איז נישט אין ליניעס, נאר אין פאסעטן, און וואו דער שטראל פאלט — זעט זי אנדערש אויס. היינט אזוי, מארגן — אנדערש. און קיינמאל נישט גלייך" ("דאס בוך פון ווארצלען"). ער מעג זיך אזוי זאגן און מעג זיך עס מיינען אויך, דאך איז עס מער געחנ'ט ווי געמיינט. ווארים ער גלויבט אין ענטפערס, דער עסעאיסט, ווען אפילו אין נישט קיין אויסשעפנדיקע ענטפערס. ער גלויבט אין ענטפערס, ווייל ער גלויבט אין די פראגן וועגן וועלכע ער שמועסט מיט אונדז אזוי געמיטלעך. ער וואלט זיי נישט אנגערירט, ווען זיי זאלן אים נישט האבן אנגערירט. ער וואלט נישט געשריבן סתם אין דער וועלט אריין קיין מאמרים. ער איז נישט קיין מאמריסט. עס טוט אים וויי, כאטש ער האט א שמייכל אויף די ליפן. ער איז זיך שטענדיק



נמעט מתודה פאר אונדז, כאטש ער שרייט נישט הויך אויפן קול און שלאגט זיך נישט אין הארצן: "חטאתי". ער דעקט־אויף פאר אונדז זיין טרויער און זיין פרייד. ער לאזט פון זיך ארויסשמייכלען זיין אמת, זיין גאנצן אמת. אפילו זיינע ספקות זענען אמת, טיף־פערזענלעכער, שארף־אויסגעוויטיקטער אמת. איך קאן זיך נישט פארשטעלן אז ער זאל וועגן זיך אליין זאגן, וואס דר. א. קאראלניק האט געזאגט וועגן אים, — אז: "ער האט נישט געפלאנצט און קאן נישט ווארטן אויף פירות. ער האט נישט קיין פרוכט, ער האט בלויז בלעטער" ("ווידערקלאנגען און ווידערשפרוכן"). ניין, ער האט געפלאנצט און ווארט אויף פרוכט. ער האט געפלאנצט אין דעם פרוכטבארסטן באדן — דעם באדן פון זיין לעבן. וואס ווייכער זיין פען איז, אלץ מער גיט זי אונדז צו פילן די הארטקייט פון דעם לעבנס־שטאף, וועלכן זי מאדעלירט אזוי שיין, אזוי גראציעז. וואס לייכטער זיין פען איז, אלץ מער געפעלט אונדז די באחנטקייט, מיט וועלכער ער טראגט די שווערע לאסט פון לעבן...

אבער נישט אין יעדער ליטעראטור, אויך נישט אין יעדער עפאכע, איז דא לופט פאר אים. אין א ליטעראטור פון קעמפער, פון פריידיקער, אפאסטאלן, נביאים, אין אזא ליטעראטור. ווי עס איז, זאגן מיר, די רוסישע, און אין אזא עפאכע ווי עס איז געווען די השכלה־עפאכע און ווי עס איז די איצטיקע צייט פון פראפאגאנדע און אגיטאציע, איז נישטא די גלאסנקייט, די געמיטלעכקייט, וועלכע איז נויטיק פארן עסעאיסט. עס איז אויך שווער צו געפינען איצט א פובליקום, וואס זאל זיין אויפגעליינט צו שטילער מעדיטאציע. דערהויפט איז שווער צו געפינען אזא לעזער אין אונדזער אידישער סביבה. בא אונדז לייענט מען, אויב מען לייענט, — מיט א תכלית. ביזטו א שרייבער, ווייז מיר דעם וועג, פיר מיך צו א ציל, זאג וואס דו ווילסט. סתם אזוי זיצן און באטראכטן די וועלט, סתם אזוי פארשן און וויסן וואס עס טוט זיך ארום אונדז, אין אונדז, סתם אזוי זוכן אן אויסדרוק פאר מענטשלעכע דערפארונגען, געדאנקען, חלומות, נעכטיקע טעג — וואס איז דער תכלית דערפון?

ה. אייזלאַנד

# פון ריינער קונסט צו נאַציש משיחיזם

## (די טראַגעדיע פון סטעפאַן געאָרגע)

### 1

פונקט ווי מיט געטען אין זיין צייט, און ווי מיט היינען אין זיין
צייט, הויבט זיך אויך אָן מיט סטעפאַן געאָרגע א ניי בלאַט אין דער
דייטשישער דיכטונג. נאָך אים קאָן שוין קיין דייטשישער דיכטער
מער נישט שרייבן ווי מען האָט געשריבן פאַר אים. מען קאָן שרייבן
— און מען שרייבט — אנדערש ווי סטעפאַן געאָרגע. מען קאָן אָבער
שוין נישט שרייבן ווי פאַר דעם איידער ער איז געקומען. די גאַנצע
דייטשישע דיכטער־שפּראַך איז דורך אים געוואָרן אַן אנדערע. ער
האָט זי באַנייט, פאַראיינגערט, געגעבן איר א נייע דיקציע, נייע מענ־
לעכקייטן און נייע אויסדרוקסמיטלען, וואָס אָן זיי וואָלט זי איצט
אויסגעזען בלוט־אָרים, פאַרעלטערט, דין און וואַסערדיק־צעקראָכן.

ניין ביכער לידער האָט סטעפאַן געאָרגע פאַרעפנטלעכט בא זיין לעבן,
אחוץ עטלעכע ביכער־איבערזעצונגען פון ענגליש, פראַנצויזיש און
איטאַליעניש. און יעדעס פון די דאָזיקע ביכער שטעלט מיט זיך
פאָר א נייע קינסטלערישע דערגרייכונג און א נייעם קינסטלערישן
נצחון איבער זיך אליין. אין צוויי פון אָטדי ביכער ("דאַס יאהר דער
זעעלע" און "דער טעפּיך דעם לעבענס"), האָט ער לידער פון סוב־
יעקטיוו־לירישע איבערלעבונגען (אין ערשטן) און אָביעקטיוו־עפּישער
שויאונג (אין צווייטן) וואָס מוזן בא אַן אנדער דיכטער ארויסרופן
קנאה ביז צום פאַרשטומען. "דאַס יאהר דער זעעלע" איז אייגנטלעך
נישט מער ווי א בוך פון ליבע־לידער, אָדער, בעסער געזאָגט, א בוך
פון לידער אין וועלכע עס ווערט אויף צענדליקער אופנים געשילדערט
ווי אזוי דער דיכטער האָט געליטן, ווי ער האָט געהיט, ווי ער האָט
זיך געווערט, און ווי ער האָט ענדלעך ביינגעקומען און איז באַפרייט



געוואָרן פון אַן איינזייטיקער ליבע. עס וואָלט אָבער געווען פּראָפאַן
די דאָזיקע לידער צו רופן שילדערונגען. יעדעס ליד איז אַן אויפ־
זאמלונג און איבערשאַפונג פון אלע דינסטע אינערלעכע רעגונגען
פון א געגעבענעם מאָמענט, וואָס קריגן דרויסנדיקן אויסדרוק אמאָל
אין א וואָרט און אמאָל אין א גאַנצן זאַץ, אמאָל אין א בליק, אמאָל
אין א באַוועגונג און אמאָל גאָר אין א חפץ — ווי א רינג,
וואָס געפינט זיך אויפן פינגער פון דער געליבטער, און
אלעמאָל קלינגען זיי אָפּ, די דאָזיקע אינערלעכע רעגונגען, אין דער
ארומיקער לאַנדשאַפט, ווערן איינס מיט איר און קריגן פון איר
צוריק אָפּקלאַנג און פולענדונג. "דער טעפּיך דעם לעבענס" איז א
פּאַרזוך אין א קאַרגן צענדליק בילדער איבערצוגעבן די וויכטיקסטע
מאָמענטן פון דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דער מיטל־איי־
ראָפּייאישער קולטור־געשיכטע, פון די ערשטע פּאָרהיסטאָרישע צייטן
אָן ביז דער ניי־צייט. און ווידעראַמאָל זענען דאָס נישט קיין געוו־
וויינלעכע "היסטאָרישע" מאָמענטן, ווי מיר זענען געוואוינט צו זען
ווייל אזוי האָבן אונדז געלערנט די פּאַטענטירטע היסטאָריקער, נאָר
אַן אייגענער פּרואוו אליין פאַר זיך צוריק אויפצולעבן די געשיכטע
מיט דער הילף פון בלוט וואָס איז דורך דורות געשפּייזט געוואָרן
פון מיפן און סאַגאַס און מיטן זאַפּט פון דער ערד. דאָס ערשטע
בילד ווייזט בלויז ווילדערניש פון אונטן, וואָלקנס פון אויבן און א
גאָט, וואָס יאָגט דורכן כאַאָס אויף א פייערדיק פערד און דריקט צו
זיך — נישט מיט ליבע, נאָר געטלעך אומבאַרמהאַרציק — די גע־
שטאַלט פון א פרוי. דאָס צווייטע בילד ווייזט א פעלד באַזוימט מיט
א וואַלד. צוויי רויב־פייגל פליען ארויס פון וואַלד און פאַרשווינדן;
אין דער ווייט. א וואָלף מיט א וועלפּין קומען ארויס פון וואַלד
קוקן זיך ארום און באַהעפטן זיך. א סטאַדע הירשן קומען טרינקען
צו א קוואַל, דערזעען די רויב־חיות און גאַלאָפּירן אוועק אין שרעק.
נאָר איין הירש דערפילט, אַז זיין פּרואוון אנטלויפן איז אומזיסט —
בלייבט ער פאַרגליווערט אויפן אָרט און גיט זיך אונטער דעם גורל.
די ווילדקייט איז דאָ נאָך הערשערין. נאָר פון דער ווייטנס גלימערצט
שוין אַן אייזן אנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון. א פּויער שטייט
אָנגעבויגן און גראָבט די ערד. אָן א זייט, בא א בידל, קניט א פרוי

און מעלקט אַ בהמה. דאָס גאַנצע בילד מיט דעם גאַנצן געשען ווערט איבערגעגעבן אין אַ צענטל פון די ווערטער וואָס איך באַנוץ דאָ — אַזוי איינג, קאַרג און דאָך אַזוי פול און פּלאַסטיש, אַז עס דאַכט — מען קאָן עס מיט דער האַנט אָנטאַפּן, און דאָס גאַנצע בילד ווערט פאַרשלאָסן מיט צוויי שורות, וואָס דריקן אויס ליריש־פילאָזאָפיש דעם גרויסן היסטאָרישן אמת, אַז אָטדי צוויי אורמענטשן זענען די אָנהויבער און באַגרינדער פון דעם גאַנצן מיטל־אייראָפּייאישן היס־טאָרישן און קולטור־לעבן.

## „ערד־פאַטער גרוב, ערד־מוטער מאָלך ◇ דאָס שיקזאַל נעהרענד פיר איין גאַנצעס פאָלק".

דערנאָך קומען בילדער פון דעם אָנהויב פון אַ מענטשלעך צוזאַמענ־לעבן. פון די ערשטע אַבערגלויבנס געבוירן אין שרעק פאַר פרעמדע מענטשן. פון דעם גאָטישן פעריאָד, פון דעם פעאָדאַלן פעריאָד, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז די העכסטע שפּיצן פון אָטדעם קולטור־בוים — די גייסטיקע ריזן; די בילד־שטיין־און־וואָרט־קינסטלער.

אין אָטדי צוויי ביכער האָט געאָרגע דער קינסטלער דערגרייכט דאָס העכסטע וואָס אַ דיכטער קאָן זיך ווינטשן: די פולסטע באַהערשונג פון זיין קינסטלערישן מעדיום — דאָס דיכטערישע וואָרט. די שפּראַך איז אים שוין געווען איינגאַנצן אונטערטעניק, ווי דאָס ליים דעם סקולפּטאָר. ער האָט שוין געקאָנט טון מיט איר וואָס אים האָט זיך געוואָלט און קנעטן זי און איבערשאַפן לויט זיין גוסט און גייסט. דאָ האָט ער שוין שטענדיק דאָס פּאַסיקסטע וואָרט אויפן פּאַסיקסטן אָרט. ער קאָן באַלייבן דעם אַבסטראַקסטן באַגריף און באַלעבן דעם טויטסטן שטיין. די שפּראַך איז בא אים פולטאָניק און פילטעניק. רייך אין קלאַנג, פאַרב, בילד, אין ניואַנס, און שטענדיק קאַרג און פּרעציז. קיין איבעריק וואָרט. קיין אונטערבעטן, אויסציען אָדער איינציען צוליב ריטמישן עפעקט. יעדעס וואָרט מוז בא אים לעבן פאַר זיך, און נאָר מיט זיין לעבן צוגעבן צו דעם ריטמישן לעבן פון דער שורה.



מיט אָטדעם גרויסן כוח איז ער צוגעטראָטן צו זיינע ווייטערדיקע ווערק. און די שפּראַך האָט אים דערנאָך געדינט נאָך געטרייער און אונטערטעניקער ווי ביז אַהער. אָבער דאָ איז עפּעס געשען אין זיין לעבן: וואָס האָט דעם קינסטלער פאַרוואַנדלט אין אַ נביא, גאָט־אַנט־פּלעקער און גאָט־אָנזאָגער. און דאָ הויבט זיך אָן די טראַגעדיע פון סטעפאַן געאָרגע, און צוזאַמען מיט אים אפשר אויך די טראַגעדיע פון דייטשישן פאָלק.

2

סטעפאַן געאָרגע האָט קיין דייטשלאַנד געבראַכט דעם קולט פון „ריי־נער" קונסט, געבויט פאַר איר אַ טעמפּל (די „בלעטער פיר די קונסט") וואו ער איז געוואָרן דער כהן גדול און אויפגעשטעלט אַ דור, וואָס האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין גאַנצן קינסטלערישן לעבן פון דייטשלאַנד.

ווי אַלע אַפּאָסטאָלן פון דער ריינער קונסט, איז אויך געאָרגע אין אָנהויב געווען אַמאָראַליש און אַסאָציאַל. פראַגן פון מאָראַל, עטישע באַציאונגען און סאָציאַלן יושר האָבן אים נישט פאַראינטערעסירט. אַזוי ווייניקסטנס האָט ער דעמאָלט געמיינט. ער איז געווען אַ תלמיד פון פרידריך ניטשע, און ווי בא ניטשען דער אויבערמענטש, האָט געאָרגע געהאַלטן, אַז אויך דער קינסטלער שטייט, אָדער דאַרף שטיין „אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס". ער איז געווען אַ תלמיד פון די פראַנצויזישע פאַרנאַסיאַנער און סימבאָליסטן, די שאַפער און פריידיקער פון דער קונסט־פאַר־קונסט טעאָריע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דעם קינסטלער דאַרף איבערהויפּט גאָר נישט אָנגיין אחוץ זיין קונסט. „די קונסט איז גענוג גרויס, אַז זי זאָל פאַרנעמען דעם גאַנצן מענטשן", האָט געשריבן פלאָבער אין איינעם פון זיינע בריוו. אָבער ווי אַ גרויסער טייל פון די קונסט־פאַר־קונסט־אַפּאָסטאָלן — פלאָבער אַריינגערעכנט — איז אויך געאָרגע מיט דער צייט געוואָרן פון אַמאָראַליש — אַנטי־מאָראַליש און פון אַסאָ־ציאַל — אַנטי־סאָציאַל. (דזשאָרדזש מור האָט אין זיינע „קאָנפעס־שאָנס אָוו איי יאָנג מען" געוואָלט באַווייזן, אַז די וויכטיקסטע קונסט־

ווערק זענען אַנטשטאַנען אַלס פֿאָלגן פֿון אַ געוויסן אַנטי־סאָציאַלן און אַנטי־מאָראַלישן אַקט). און פֿאַרענדיקט האָט געאָרגע דאַווקע אַלס מאָראַל־פּריידיקער. אָבער די מאָראַל וואָס ער האָט אָנגעהויבן פּריידיקן נאָך מיט עטלעכע יאָר פֿאַר דער וועלט־מלחמה און פֿאַרקערפּערט אין אַ תורה וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט אין יאָר פֿון מלחמה־אויסברוך איז די דורך־און־דורך מענטשן־פֿיינטלעכע "הערן־מאָראַל" פֿון דער פּויסט, וואָס ווערט איצט אַזוי ברוטאַל דורכגעפֿירט אין לעבן דורך היטלערן און זיינע לייט, וואָס אַ גרויסער טייל פֿון זיי — און דאַווקע די בעסטע, און דעריבער די געפֿערלעכסטע, ווי עס באַמערקט מיט רעכט קלאַוז מאַן — האָבן זיי געשעפּט דירעקט פֿון קוואַל אין דעם אין דייטשלאַנד אַזוי באַרימטן "געאָרגע־קרייז".

ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז געאָרגע, דער אינדיפֿערענטער צו יעדער מאָראַל, זאָל פּלוצים ווערן אַ מאָראַל־פּריידיקער, און דער קעמפֿער פֿאַר ריינער קונסט, דעם העכסטן און שענסטן מענטשן־ציל, זאָל זי דערנאָך פֿאַרוואַרפֿן צוליב נאָך אַ "העכערן" ציל?

טיילווייז לאָזט זיך דאָס דערקלערן דערמיט, וואָס אין תוך איז ער קיינמאָל נישט געווען אַזוי אינדיפֿערענט צו מאָראַל ווי ער האָט געוואָלט איינרעדן זיך און אַנדערע. אין תוך האָט ער גלייך אין אָנהויב שוין געהאַט פֿאַר זיך אַ באַשטימטן מאָראַלישן ציל און שוין דעמאָלט איז דאָס געווען די ניטשעאַנישע "הערן־מאָראַל". דעמאָלט האָט ער זי נאָך נישט געפּריידיקט, אָבער אין וואָרט און בילד האָט ער זי שוין פֿאַרהערלעכט. שפּעטער איז נאָך צוגעקומען אַ ריין סוביעקטיווע פּערזענלעכע פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונג וואָס האָט אים פֿאַרוואַנדלט אין אַן אָפֿענעם פּריידיקער פֿון דער דאָזיקער מאָראַל.

אין איינעם פֿון זיינע פֿריעסטע ביכער באַגעגענען מיר שוין אַזאַ גע־שטאַלט ווי "אַלגאַבאַל" אין וועלכער געאָרגע פֿאַרהערלעכט און שטעלט אַרויס פֿאַר אַ מוסטער פֿון אַ גרויסן מערקווירדיקן מענטשן אַזאַ גרויזאַמען, אויסגעלאַסענעם און איינגנוויליקן דעספּאָט, וואָס קאָן אין קאַלטסטן בלוט דערשטעכן זיין געטרייען דינער נאָר דער־



פֿאַר, וואָס יענער שטערט אים אויף אַ רגע דאָס פֿאַרגעניגן פֿון פּיטערן זיינע טויבן, און וועלכער צווייבערט אַרויס פֿאַר זיך מיט געוואַלטיקער הנאה אַ וויזיע, ווי מען פֿירט צו דער הינריכטונג זיין אייגענעם לייב־לעכן ברודער נאָר ווייל אין זיין הארצן האָט זיך אויף איין מאָמענט אַריינגעכאַפּט אַ חשד, אַז דער ברודער טראַכט אפשר וועגן פֿאַרכאַפּן די מלוכה. אַלגאַבאַל איז אַ פּאָעטישע איבערשאַפֿונג — און ממילא אויך אַן איבערשאַצונג—פֿון דער היסטאָרישער פֿיגור פֿון העליאָגאַבאַלוס, איינעם פֿון די שפּעט־רוימישע קייזאָרים, וואָס האָט נאָך בײַ זיין לעבן מיט זיין אויסגעלאַסנקייט און מיט זיינע גרויזאַמע מעשים שאָקירט און אויפֿגעבראַכט אפֿילו דאָס דעמאָלטדיקע אויסגעלאַסענע רוים און איז דורות און דורות נאָך זיין טויט נאָך אַלץ פֿאַרהאַסט און פֿאַרשאָלטן געוואָרן אַלס סימבאָל פֿון דער ערגסטער פֿאַרדאָרבנקייט און גרויזאַמער דעספּאָטיע. געאָרגע פֿאַראוואַט נישט פֿאַרגלעטן זיינע מעשים, ער ווייזט אים, אדרבא, אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט און מאָראַלישער פֿאַרדאָרבנקייט. אָבער ער ווייזט אים אונדז אַזוי, ווי מיר וואָלטן אים געדאַרפֿט נעמען פֿאַר אַ מוסטער פֿון אויבערמענטשלעכקייט, וואָס איז פּונקט אַזוי גרויס אַלס זעער ווי אַלס הערשער און קאָן פֿאַר זיך פּונקט אַזוי שאַפֿן אַן אייגענע, פּאָעטישע און קינסטלעכע וועלט ווי ער קאָן באַהערשן זיין אימפּעריע. יעדע פֿאַרווערזטאַט זיינע, יעדער אוממענטשלעכער וואונטש און יעדער דערווידערדיקער חלום אַלגאַבאַלס ווערט בײַ געאָרגען איבערגעגעבן אין אַזאַ טאָן, אין אַזוינע הערלעכע פֿאַרבן און מיט אַזאַ אַנטציקן, אַז די גרעסטע געמיינהייט זיינע ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ טוגנט. אין אָט־דער שפּעט־אַנטיקער געשטאַלט געאָרגעס זעען מיר שוין אין בילד דאָס, וואָס געאָרגע האָט שפּעטער געפּריידיקט אין זיינע "נייע לוחות": זיינע שליחותן און נביאותן, וואָס מיר באַגעגענען אין זיין זיבעטן און אין זיין אַכטן בוך לידער "דער זיבענטע רינג" און "דער שטערן דעם בונדעס". נישט אומזיסט ווערן די דאָזיקע צוויי ביכער געאָרגעס פֿאַררעכנט בײַ די היטלעריסטן פֿאַר די "הייליקע שריפֿטן", דאָס עוואַנגעליום פֿון נאַציזם.

אויפֿן ערשטן פֿון אָטדי "הייליקע שריפֿטן" לוינט זיך אָפּצושטעלן אַביסל לייגער, ווייל דאָ געפֿינען מיר דעם שליסל צו דער

פּסיכאָלאָגישער רעטעניש פון גערגעס פאַרוואַנדלונג. אין ״דער זיבענטע רינג״ אַנטפּלעקט זיך צום ערשטן מאָל דער ״נייער גאָט״, וואָס געאָרגע ווערט זיין פאַרקינדיקער און זיין נביא און וואָס אין זיין נאָמען ווערן דאָס געגעבן די ״נייע לוחות״. ״מאַקסימין״ הייסט דער נייער גאָט בא געאָרגען. (אינטערעסאַנט וועט זיין צו באַמערקן, אַז דער דאָזיקער ״הייליקער״ און ״געטלעכער״ נאָמען ווערט בלויז איינמאָל דערמאָנט, און דערנאָך ווערט ער ערפּאָרכטיק פאַרשוויגן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די נעמען פון אסך געטער).

ווער איז געווען דער דאָזיקער ״מאַקסימין״ און מיט וואָס האָט ער זוכה געווען פּראָקלאַמירט צו ווערן פאַר אַ גאָט? כדי דאָס צו פאַרשטיין, וועט נויטיק זיין זיך נאָכאַמאָל אומצוקערן צו געאָרגעס פערטן בוך ״דאָס יאָהר דער זעעלע״. אויבן איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז אין דער לידער־זאַמלונג האָט געאָרגע אויף אַ מיסטערהאַפטן אופן פאַרדיכטעט זיינע ליבע־איבערלעבונגען. עס איז אָבער נישט דערמאָנט געוואָרן, אַז פון אָטדי אַלע וואונדערלעכע ליבע־לידער, ווי פון אַנדערע פריע לידער געאָרגעס, קלינגט און קלאָגט ארוים אַ באַהאַלטענער יאָמער פון אַנטוישונג. אין וואָס איז באַשטאַנען די דאָזיקע אַנטוישונג? געאָרגע אַליין גיט נישט קיין שליסל צו איר. ווי עס ווייזט אָבער אוים איז געאָרגע געווען געשלאָגן מיט עפּעס אַ פיזישן חסרון, וואָס האָט אים נישט געלאָזט זיך געשלעכטלעך באַפרידיקן מיט פרויען. זיינע פאַרערער און פאַרגעטערער, צווישן זיי אויך דער איד פרידריך גונדאָלף, זוכן צו פאַרטושן דעם דאָזיקן אמת. אויף אַ מיסטיש־מעטאַפיזישן אופן זוכן זיי צו דערקלערן, אַז געאָרגע האָט נישט געקאָנט האָבן די פולע געשלעכטלעכע באַפרידיקונג בא פרויען, ווייל ער האָט אין זיך פאַרקערפּט דעם העכסטן מענלעכן פּרינציפּ — דעם גייסט, וואָס קאָן זיך נישט דערנידעריקן און פולשטענדיק אַראָפּלאָזן צום ווייבלעכן פּרינציפּ — דעם וויסטן חומר. אזוי צי אזוי, אין זיינע מיטעלע יאָרן האָט זיך געאָרגע סוף־כל־סוף אינגאַנצן אָפּגעקערט פון דעם פרויענגעשלעכט און אָנגעהויבן זוכן ליבע בא אינגלעך. יעדע טאַט פאָדערט אַ זין, אַ באַרעכטיקונג. בפרט ווען די טאַט איז אַזאַ וואָס גייט קעגן דער נאָרם, און קעגן דער אָנגענומענער



מאָראַל. געאָרגע האָט זיך אין זיין גאַנצן לעבן געהאַלטן פאַר אַ ״העלענער״, וואָס די אָנגענומענע קריסטלעכע און געזעלשאַפטלעכע מאָראַל פון זיין צייט גייט אים נישט אָן. אָבער ווי עס ווייזט אוים, האָט געאָרגע בא זיין גאַנצן „העלענענטום״ פאָרט נישט געקאָנט ארוים פון זיין דייטש־קריסטלעכער הויט. אַנדערש ווען ער האָט בלויז פאַרהערלעכט האָמאָסעקסואַליזם דיכטעריש אין אַזאַ געשטאַלט ווי אַלגאַבאַל, און ווידער אַנדערש ווען ער האָט אַליין אָנגעהויבן פּראַקטיצירן האָמאָסעקסואַליזם. דאָ האָט וואַרשיינלעך דער דייטש און קריסט אין דעם ״העלענער״ געאָרגע זיך דערפילט שולדיק און זינדיק, און כדי צו פאַרטויבן דאָס דאָזיקע שולד־ און זינד־געפיל אין זיך האָט ער די טאַט געמוזט סובלימירן. האָט די האָמאָסעקסואַליטעט געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן פון אַ זינד אין אַ העכערער טוגנט. דער נידעריקער מאַן גייט צו דער פרוי. דער העכערער, קינסטלערישער און גייסטיקער מענטש קאָן זיך נאָר באַהעפטן מיט דער פולקאָמער לייבלעכער שיינקייט, און די פולקאָמע לייבלעכע שיינקייט געפינט מען נאָר באַם מאַן. די אייגענע נייגונג צו האָמאָסעקסואַליטעט ווערט בא געאָרגען פאַרוואַנדלט אין אַ קולט, וואָס אַלע העכערע און באַרופענע דאַרפן פאָלגן. דער קולט פון האָמאָסעקסואַליזם ווערט פון איצט אָן געפּריידיקט און געפלעגט אין דעם געאָרגע־קרייז, ווי פריער דער קולט פון ריינער קונסט.

(אויך דאָ קאָן מען זען דעם דירעקטן איינפלוס פון געאָרגען און זיין קרייז אויף דעם קרייז וואָס האָט זיך געזאַמלט ארום אַדאָלף היטלער).

ארום 1907 באַגעגענט געאָרגע אַ יונג, שיין און אַטלעטיש אינגל, פאַרליבט זיך אין אים, לעבט מיט אים און וואַנדערט מיט אים. באַשיינקט אים מיט מתנות און צערטלעכקייטן און באַזינגט אים אין הערלעכע לידער. אָבער, ווי עס ווייזט אוים, האָט דאָס אינגל געהאַט געזונטע נאַטירלעכע אינסטינקטן, און דאָס ווילדע אומנאַטירלעכע איז אים געוואָרן דערווידער און עקלדיק. וואָרים אין איין שיינעם טאָג האָט מען אים געפונען אַ דערטרונקענעם, און אַלע סמנים האָבן געוויזן אַז ער האָט זיך דאָס לעבן גענומען. געאָרגע האָט זיך סטתמא דאָ

ווידעראַמאָל דערפילט זינדיק און שולדיק. אָבער צוגעבן די שולד מיינט דאָך דאָס אויך צוגעבן, אַז ער, דער גרויסער, שטאָלצער און געפייערטער דיכטער איז געוואָרן עקלדיק אַ פשוטן, נישטיקן אינגל, און דאָס וואָלט נאָך צום שולד־געפיל צוגעגעבן אַ פיינלעך געפיל פון שפלדיקייט, דאַרף מען ווידער געפינען אַן אַנדערן "זין" פאַר דער גאַנצער טראַגישער און פאַר געאָרגען טאָפלט פיינלעכער געשעעניש. האָט ער באַרעכטיקט דעם אינגלס טויט מיט דעם, וואָס ער האָט דאָס אינגל דערהויבן און אים פראָקלאַמירט פאַר אַ גאָט.

ווי קאָמיש די דאָזיקע גאָט־פּראָקלאַמירונג זאָל נישט אויסזען, האָט זי אָבער געאָרגע גענומען זייער און זייער ערנסט. און מיטן זעלביקן ערנסט ווי ער האָט פריער פאַרשפּרייט צווישן זיינע תלמידים און פאַרערער דעם קונסט־פאַר־קונסט־פּרינציפּ האָט ער איצט גענומען פאַרשפּרייטן צווישן זיי די גאָט־אַנטפּלעקונג פון דעם אינגל, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן "מאַקסימין". און אַז דער רבי האָט דעם ענין גענומען ערנסט האָבן אים די חסידים זיינע אַוודאי ערנסט גענומען. בפרט נאָך ווען די מערסטע פון די איצטיקע מענטשן אין דעם געאָרגע־קרייז זענען אַליין שוין האָמאָסעקסואַליסטן און פּונקט ווי זייער רבי און מייסטער דאַרפן זיי אַליין אַ באַרעכטיקונג און אַ זין פאַר זייער פּערווערזיטעט — און וואָס פאַר גרעסערער זין קאָן זיין ווי אַ געטלעכער?

דער ערשטער טראָט איז געמאַכט געוואָרן. אַ נייער גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט אויף דער ערד. דאַרף די בשורה צעטראָגן ווערן, פריער אין דעם אייגענעם אייגנן קרייז און דערנאָך פון דאָרטן אין אַלץ ברייטערע קרייזן, ביז זיין הערלעכקייט וועט פאַרקינדיקט ווערן אויף דער גאַנצער ערד. אין אָרגל־טענערדיקע דיטיראַמבישע פערזן ווערט אָנגעזאָגט דאָס קומען פון דעם נייעם גאָט און דערנאָך ווערט געוויזן זיין אַנטפּלעקונג. אַ לייבהאַפטיקער גאָט אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשן. איינער פון יענע געטער וואָס פלעגן פאַרצייטנס אין דער אַנטיקער גערמאַנישער וועלט אַרומשפּאַצירן צווישן די מענטשן. די דאָזיקע געטער לעבן אייביק. דאָס קריסטנטום — דאָס אומגליק



פון דער אייראָפּייאישער וועלט — האָט זיי בלויז געקאָנט פאַרטריבן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. פון צייט צו צייט, ווען דאָס אָרט איז צוגעפּאַסט און ווען כאָטש איינער פון דעם דור איז ראוי צו ווערן זיין נביא און פאַרקינדיקער, באַווייזט זיך ווידער איינער פון זיי אויף דער ערד און ברענגט נייע לעבן פאַר וועלט און מענטשן. באַווייזן באַווייזט ער זיך, ווי אַמאָל, אין דער געשטאַלט פון אַ יונגן און אויסערגעוויינלעך שיינעם מענטשן. נאָר אַזוי ווי די ערדישע מענטשלעכע געשטאַלט קאָן נישט שטענדיק בלייבן שיין, און אַזוי ווי גאָט קאָן נישט בלייבן שטעקן אין אַ לייב וואָס ווערט העסלעך, שאָקלט ער פון זיך באַצייטנס אָפּ דאָס ערדישע, נאָך איידער עס האָט פאַרלוירן זיין שיינקייט, און שטייגט צוריק אַרויף אין די העכערע ספערן.

אין אַנדערע ווערטער: דאָס שיינע אינגל איז נישט געווען גלאַט אַ שיין אינגל, נאָר אַ גאָט פון די הערלעכע און אייביקע פּאַגאַנישע געטער. ער האָט זיך נישט גענומען דאָס לעבן, נאָר איז אַנטלאָפן פון דעם ערדישן לייב איידער עס איז מיאוס געוואָרן. אָבער איינמאָל האָט זיך דער גאָט לייבהאַפטיק באַוויזן אויף דער ערד און דאָ געפונען אַ מענטשן מיט וועמען ער האָט געפייערט קאָמוניאָן, בלייבט זיין געטלעכער גייסט וואַלטן אויף דער ערד אין דער געשטאַלט פון דעם אַנדערן מענטשן מיט וועמען ער האָט זיך באַהאָפטן און וועלכער האָט איבערגענומען די געטלעכע שליחות. יעדער נייער גאָט ברענגט מיט זיך אַ נייע תורה מיט נייע געזעצן. אָטדי תורה און די געזעצן ווי אַ טייל פון דעם געטלעכן גייסט ווערן פון דעם נביא און שליח איבערגעגעבן צו די מענטשן וואָס שליסן זיך אָן אָן זיין קרייז. יעדער איינער פון דעם קרייז נעמט אויף אין זיך אַ טייל פון דער געטלעכקייט און אַ טייל פון דער שליחות דורך נייע באַהעפטונגען און דורך מקיים זיין די געזעצן פון דער נייער תורה. דער קרייז איז ווי אַ פייערדיקער קוגל, וואָס האָט אין זיך דעם מאַגנעטישן כוח אַריינצוציען אין זיך אַלץ מער און מער תלמידים און אָנהייננגער. דער צענטער פון דער קוגל איז דער נביא. אַלע איינצלנע פון דעם קרייז ציען צום צענטער און פון צענטער גייט אויס לעבן און געטלעכקייט ביז צו די ראַנדן און פליסט צוריק צום צענטער מיט פאַרגרעסערטע כוחות.

**"אוים דיעזעם ליעבעסרינג דעם ניכטם ענטפאַלע, ◈ האָלט קראַפט זיך יעדע נויע טעמפּלייז, ◈ אונד זיינע אייגענע — גרעסערע — שיעסט אין אַלע ◈ און פלוטעט וויעדער ריקי ווערטס אין דען קרייז".**

.3

געפונען א נייעם גאָט און דערזען דאָס "אמתע" ליכט, האָט אים מער נישט געקאָנט באַפרידיקן דאָס בלויז שיינע אין דער קונסט. די "שיינע קונסט" ווערט פאַרוואָרפן צוליב "דאָס שיינע לעבן". "דאָס שיינע לעבן שיקט מיך צו דיר ווי א שליח". די קונסט מוז אים איצט דינען פאַר א "העבערן" און "הייליקערן" ציל. דעם דיכטער־קראַנץ פאַרבייט ער אויף דעם מאַנטל פון א נביא, וואָס האָט א שליחות צו זיין פאָלק. אָט ווי ער קינדיקט עס אָן אין "דאס יאהר דער זעעלע":

**"איך ליעס מיך פאָן דען שולען קרענען. ◈ זי היעסטען ווערט מיך איהרער ווירדען... ◈ די צייט דער איינפאַלט איזט ניכט מעהר. ◈ דאַן קאַם דער אַנפאַנג עכטער לעהרע...**

**איין וויזער איזט נור ווער פאַם גאָט אוים ווייס. ◈ דורכס הייליגע פעלד קאַם איך גערימען ◈ מיט דיר דעם הייליגען ציעלע צו".**

וואָס איז דער נייער הייליקער ציל? צוגרייטן די ערד פאַר דער נייער געטלעכקייט. נישט קיין הימליש קעניגרייך קומט ער פאַרקינדיקן אויף דער ערד. דאָס גאַנצע אומגליק פון דער וועלט נעמט זיך פון יענעם הימלישן קעניגרייך, פון יענעם אבסטראַקטן גאָט, וואָס איז נישט מער ווי א געשפּענסט, אַן אויסוואוקס פון דעם מדבר, וואו אַלץ איז אויסגעגלייכט אין ווילדער נישטיקייט, וואו דער מענטש קאָן זיך נישט אויסלעבן אין דער הייטערקייט און ריינקייט פון גאָט און בילד. אַלע וואָס דינען דעם דאָזיקן גאָט־געשפּענסט פאַרלירן דאָס לעבן.



א מתנה פון
ליפּע לעהרער
ניו יאָרק

**"איהר אויסערסטע, פאָן ווינדאומאוסטער קליפּע ◈ אונד שנעאיגער בראכע! איהר פאָן גליענדער וויסטע ◈ שטאַמ־אָרט דעם גאָט געשפענטעס גלייך ענטפערנטע ◈ פאָן הייטערעם מעער אונד בינען וואָ זיך לעבען ◈ צו ענדע לעבט אין וועלט פון גאָט אונד בילד!... ◈ בלאָנד אונד שוואַרץ דעמזעלבען שאַס ענטשפּרונגענע, ◈ פערקאנטע ברידער זוכענד אייך אונד האסענד ◈ איהר אימער שוויי־פענד און דרום ניע ערפילט!"**

די ערד דאַרף ווידער ווערן דער וואוינפּלאַץ פון אמתע לייבהאַפטע געטער. דאָס לייב מוז פאַרגאָט ווערן און גאָט מוז פאַרלייבט ווערן. מען טאָר נישט זוכן קיין אומענדלעכקייט, ווייל דאָס לעבן ווי אַלץ אויף דער ערד איז ענדלעך. מען דאַרף נאָר זען אַז אין די געגעבענע ענדלעכע גרעניצן זאָל מען זיך גאַנץ און שיין אויסלעבן. מען טאָר נישט טראַכטן וועגן דער צוקונפט און זיכער טאָר מען נישט מקריב זיין דעם איצט פאַר דעם שפּעטער, ווייל יעדער איצט דאַרף און מוז געלעבט ווערן גאַנץ און שיין. מען טאָר נישט טראַכטן וועגן גלייכקייט, ווייל די וועלט באַשטייט דורכאויס פון אומגלייכקייטן און פאַר יעדער זאַך ווי פאַר יעדן מענטשן איז פון פאַראויס באַשטימט די גרעניץ אין וועלכער מען מוז זיך אויסלעבן. פון דער גרעניץ טאָר מען נישט חלומען וועגן אַרויסגיין. מען טאָר זיך נאָר נישט קלאָגן אויף נויט און הונגער, ווייל די ערד איז פול מיט כל טוב, נאָר די מענטשן פאַרזעען עס אין זייער בלינדקייט.

**אַלץ האָבנדיק, אַלץ וויסנדיק, זיפצן זיי: ◈ א קאַרג לעבען! נויט און הונגער אומעטום! ◈ שפּע פעלט! —**

**פון שפּייכלער ווייס איך איבער יעדן הויז ◈ וואו ס׳פּליסט און הויפט זיך אָן דער קאַרן — ◈ קיינער נעמט ניט.**

**פון קעלערן ווייס איך אונטער יעדן הויז ◈ וואו ס׳שפּילט און אין זאַמד פאַררינט דער איידעלער ווייַן — ◈ קיינער טרינקט ניט.**

**טאָנען ריין־גאָלד וואַלגערט זיך אין שטויב: ◈ המון אין שמאַטעס פאַרשאַרט עס מיט דער פּאָלע — ◈ קיינער זעהט ניט.**

מען טאָר זיך ניט פאַרמעסטן צו הויך. די הויכע פאַרמעסטונג וועט פירן דערצו אַז

**"צען טויזענד וועלן געשלאָגן ווערן פון הייליגען שגעון. ◈ צען טויזענד וועלן פאַרכאַפּט ווערן פון דער הייליגער מגפה. ◈ און צען טויזענד פון הייליגען קריג".**

נאָך די אַלע פאַרבאָטן קומט ווידער אַ גאַנצע ריי פון געבאָטן וואָס מען דאַרף און מען מוז טון. מען מוז איינזען דאָס הייליקע געטלעכע געזעץ פון אומגלייכקייט. מען מוז דינען די געטער און זיין אונטער־טעניק די הערשער. מען מוז זיך לאָזן פירן און פאַרערן די פירער. מען דאַרף פון זיך אָפּוואַרפן אַלץ וואָס קומט פון גייסט און זיך נאָר צוהערן צום געבאָט פון בלוט. מען מוז אָפּטרייסלען פון זיך אַלץ וואָס איז פרעמד און רייניקן די פאַמיליע פון "פרעמדן ווייב". מען מוז זיין שיין, שטאַרק און שטענדיק גרייט צום קריג. אפילו אין אַ שטרויס בלומען דאַרף מען אויך האַלטן גרייט דעם קינזשאַל.

ווי איר זעט — די גאַנצע תורה, וואָס ווערט איצט אַזוי ברוטאַל דורכגעפירט אין דייטשלאַנד פון די נאַצים.

אָט אַזוי האָט געאַרגע פאַרענדיקט זיין וועג. פון ריינער קונסט איז ער דערגאַנגען צו נאַצישן משיחיזם. איז די קונסט־פאַר־קונסט טעאָריע שולדיק דערין? איז געאָרגע אַליין שולדיק דערין?

די פראַגע לאָז איך אָפן. איך אַליין האָב זיך נאָך נישט דערגרונטעוועט צו קיין ענטפער.




ב. ריווקין

# דאָס ליד וואָס ווערט באַלד מקוים

## II

שליסנדיק דעם פאָריקן קאַפּיטל, האָב איך אַזוי פאָרמולירט מיין פאָדערונג צום נייעם ליד:

"אַ ליד זאָל אַזוי באַשאַפן ווערן, עס זאָל טון באַשעפערישע אַרבעט אין לייענער — נישט נאָר ערגעץ וואו אים אַ קיצל טון. אַ ליד וואָס באַשאַפט אַ יש מאַין אין אַ רגע צייט — אַ מאַגיש ליד — דאָס איז דער פולער באַטייט פון דעם לאָזונג: דאָס ליד זאָל גלייך מקוים ווערן אין לייענער".

און נאָך אַ באַדינגונג האָב איך געהאַט געשטעלט: דאָס ליד זאָל ענטפערן דעם געמיט־צושטאַנד פון היינטיקן לייענער; עס זאָל דערערדן זיין וועלט־געפיל; עס זאָל אים צוטראָגן דעם חלק מענטש, וואָס פעלט אים צו שטורמער־שלאָגלער, צוקונפט־בויער — אַנדערש וועט דאָס ליד נישט ווירקן אויפן לייענער באַשעפעריש; וועט נישט ווערן בלוט און פלייש אין אים.

אין פלוג, אויפן ערשטן קוק, איז קיין נייעס נישטאָ, נישט אין דער פאָדערונג: — דאָס איז דאָך די געוויינלעכע פאָדערונג צו יעדן גוטן ליד! — און נישט אין דער באַדינגונג: — דאָס איז נאָר מיט אַנדערע ווערטער איבערגעזאָגט, וואָס עס ווערט לעצטנס געמאָנט פון ליד אין נאָמען פון פּראָלעטאַרישקייט.

און אַזוי טאַקע האָבן אָפּגעפּסקנט די קריטיקער, וועלכע האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, אַז אַן אַריינפיר־קאַפּיטל איז נישט מחויב אויסצושעפּן דעם גאַנצן ענין. לויט זיי, האָב איך גאָרנישט, גאָר־נישט מחדש געווען . . .

מחדש געווען צי נישט — דאָס וועט מען שפּעטער זען. דאָך, עס איז דאָ מער אין דער פֿאָדערונג און אין דער באַדינגונג, וויפֿיל עס קאָן זיך דוכטן אויפֿן ערשטן בליק. עס האַנדלט זיך נישט אַזוי וועגן דעם ציל פֿון ליד, ווי וועגן דעם מעטאָד, דעם וועג צום ציל; און נישט אַזוי וועגן דעם וואָס, ווי וועגן דעם ו ו י אַ ז ו י מען קומט צום ליד. — דאָס זאָל אין צווייטן קאַפּיטל דערוויזן ווערן.

איך האָב פֿריִקן מאָל געהאַט פֿאַררעכנט פֿאַר אַ מעלה פֿון ליד זיין אויסקויפֿערישע פֿונקציע: דאָס ליד קויפֿט אויס דעם לייענער פֿון דער ביליק־קאָנקרעטער האַנדלונג, וואָס סימבאָליזירט אָפּט פֿאַר דעם אָרימען מענטשן זיין ניטאויסגעזונגען ליד. אָבער אויסקויפֿן זיך האָט אַ טאָפּלטן זין. אויסקויפֿן זיך פֿון ביליקער קאָנקרעטיזירונג איז דער בעסערער זין. עס קאָן אָבער זיין אַן אויסקויפֿן זיך אין ערגערן זין אויך — ווען מיטן ליד קויפֿט מען זיך אויס פֿון דער מער קאָסטבאַרער קאָנקרעטיזירונג — פֿון דער טייערער, איידעלער, הייליקער האַנדלונג; פֿון דער טאַט, וואָס איז די העכערע מדרגה פֿון ליד — ליד אין לעבעדיקער פֿאַרקערפּערונג. דער לייענער וויל אָפּקומען מיטן ליד, וואָס קאָסט אים גאָרניט, פֿאַר מעשים, וואָס וואָלטן געפֿאָדערט פֿון אים קרבן. דער לייענער שעפּטשעט איבער אין זיך, אין געמיטלעכן "אינדערשטיל", אין געשמאַקן פֿאַרגעפֿיל — די גבֿורהדיקע טאַט, וואָס ווערט געמאָנט און פֿאַרלאַנגט פֿון אים. און ער קריגט דערפֿון אַן עסטעטישע הנאה. און ער איז נאָך שטאָלץ דערויף. אַן אויסדערוויילטער מענטש איז ער — מיט דינע, פֿיינע, שיינע שטימונגען און פֿאַרגעפֿילן.

דאָס איז ביליק. וואָרט אַנשטאָט מעשים. דאָס איז די ליטעראַטור וואָס, אונטער סכּנה פֿון אונטערגאַנג, דאַרף זי גלייך פֿאַרבראַקירט ווערן. אונטער די אומשטענדן פֿון היינטיקן אידישן וועלט־טאָג איז עס שעדלעכע ליטעראַטור, וואָס גלייכט זיך אויס אין שעדלעכקייט מיט דער רעליגיע, וואָס באַשמירט מיט כשר־בוימל־גוטסקייט דעם שפּיץ פֿון אַ דבֿר־אַחר'שן האַרצן.



דאָס איז אַ מציאה געכאַפּט. דאָס איז פּליטה געמאַכט. און עס איז פֿאַראַן אַ ליטעראַטור וואָס דאָס איז איר גאַנצע כּונה — צו דערלאָזן אַז וואָרט זאָל ווערן טאַט. אַזוי ווערט די ליטעראַטור פֿאַרטראַכט און אַזוי ווערט זי פֿאַרפּאַסט — איבערצוריַיסן דעם לעבעדיקן אָדער, וואָס בינדט וואָרט מיט טאַט. דאָס איז די ליטעראַטור ספּעציעל פֿאַר עסטעטישער הנאה. אַנדערש — זאָגן אָט די ליטעראַטן־עסטעטן — ווען די טאַט קלעפּט זיך און שלעפּט זיך נאָכן וואָרט — קאָן גאָר קיין עסטעטישע הנאה ניט זיין, וואָס דאָס איז פֿאַר זיי דער עיקר שבעיקר.

די וואָג פֿון אַזאַ עסטעטישער שרייבעריי איז ניט פֿיל מער פֿון דער וואָג פֿון פּאַפּיר וואָס דינט איר פֿאַר אַן אונטערשלאַק. דאָס איז זי, די ליטעראַרישע פּאַפּירענע ליטעראַטור, די ליטעראַרישע פּאַפּירענע פּאָעזיע, וואָס דאָס נייַע ליד קומט פֿאַרדריינגען.

האָבן מיר געוואונען אַ דעפֿיניציע: דאָס אַלטע ליד — וואָרט במקום טאַט; דאָס נייַע ליד — וואָרט־טאַט.

אַזאַ ליד־טאַט איז אין פֿולן קאָנטראַסט צו דעם אָנגענומענעם באַגריף פֿון ליטעראַטור; אַזאַ ליד איז די פֿולע פֿאַרלייקענונג פֿון ליטעראַרישער ליטעראַטור.

וואָלט איך דאָ געקאָנט פֿאַרגינען זיך אַ באַרימעריי: "העי, פּאַעטן, איר זעט וואָס אַ קריטיקער ניט קען? אָט האָב איך אַנטדעקט אַ נייַעם מין ליד — אָבער פּונקט ווי פֿאַריקן מאָל האָב איך זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון דעם כּבֿוד צו זיין דעריעניקער וואָס האָט צעשמעטערט די עסטעטישע פּאָעזיע — ניט איך, נאָר די צייט האָט עס געטון, און עס האָט איר גענומען גאַנצע צוואַנציק יאָר — מוז איך זיך אויך איצט אָפּזאָגן פֿון דעם כּבֿוד צו זיין דעריעניקער וואָס צייכנט דאָס נייַע ליד. — דאָס נייַע ליד האָט זיך שוין אַליין אָנגעצייכנט — צום ביישפּיל: באַ לייוויקן. און — אַלע פּאָעטן

צו לייענגערע יאָר — בא משה לייבן. (ווייל לעצטנס האָב איך זיך מיט זיי ביידן באשעפטיקט, רוף איך דערווייל אָן בלויז די צוויי; פאראַן נאָך א צאָל פּאָעטן — אָנקינדיקער פון נייעם אידישן ליד). ווייל אין די לידער פון אָט די צוויי און נאָך א פּאָר זענען שוין דאָ מער אָדער ווייניקער קענטיקע אָנצוהערענישן אויף דעם נייעם ליד — דאָס ליד וואָס האָט מאגיק, וואָס כישופט איבער וואָרט און טאַט.

ווי זשע קומט מען אָבער צום מאגישן ליד פון וואָרט־טאַט? — פון לייוויקן און משה לייבן לערן איך: ווען דער פּאָעט לעבט זיין אייגן ליד; ווען פריער פון אלץ ווערט אין אים אליין מקוים, אז וואָרט איז טאַט; יעמאָלט ווירקט עס מאגיש אויף דעם לייענער אויך. דאָס ליד איז דער אויסדרוק פון דעם גאנצן אמת אין אים; דאָס ליד גיט דאָס פולע געשען אין אים. דאָס קאָן נאָר געשען, ווען דער פּאָעט האלט אָפן זיין הארץ צו דער וועלט וואָס ארום אים; ווען ער לאָזט די סביבה אין וועלכער ער לעבט און אָטעמט, מיט אלע אירע שארפע פּראָבלעמען, זיך דורכשניידן דורך זיין הארץ.

און נאָך א תנאי: ווען דער פּאָעט שניידט זיך אליין אויף שטיקער. ער פּאלמעסט זיך; ער איז אָפנהארציק מיט זיך ביז רציחה. און זיין יעדעם ליד איז א פיינלעכע ווידוי, וואָס איז מכפּר אויף דער פּיין און לייזט אויס פון פּיין; זיין יעדעם ליד — א שטיק קאַטאָרגע און די אויסלייזונג פון קאַטאָרגע.

[אָט די צוויי תנאים — די קאַטאָרגע פון דער וועלט און די אייגענע קאַטאָרגע — געפינען מיר בא לייוויקן און משה לייבן; בא לייוויקן אָפענער און קאָנטיקער; ביי משה לייבן באהאלטענער; ער האָט נאָך ניט געהאט זיך אליין פול אנטפּלעקט. און עס וועט זיין די אויפגאבע פון דער קריטיק אים ארויסצוקריגן פון זיין באהעלטעניש — און, אנטפּלעקטע, וועלן זיינע לידער ערשט געווינען זייער פולע וואָגיקייט].



ווען די צוויי תנאים זענען דערפילט, איז דעם פּאָעטס ליד ניט קיין אָפּגעזייטע, אָפּגעצאצקעטע, עסטעטישע אָפּשפּיגלונג פון דער איבערלעבונג אויף פּטור צו ווערן פון איר, נאָר דאָוקע פארקערט: דאָס ליד איז דעם פּאָעטס מיטל אויף צו באהעפטן זיך מיט דער איבערלעבונג. דורך דעם ליד ווערט די איבערלעבונג דורכגעלויכטן, דורכגעלייטערט, אויסקריסטאליזירט — מסוגל איינצופּאסן זיך אין זיין "איך", און בלייבן איינגעפּאסט ווי זיין שטענדיקער באשטאנד־טייל.

דער פּאָעט וואקסט דורך זיין ליד. יעדעם ליד אן עקספּערימענט אין וואקסן. יעדעם ליד א דערגרייכונג; א טרעפּ ארויף, אן ארויפגאנג. און די פּראָצעסיע פון לידער ביי אזא פּאָעט איז א פּראָצעסיע פון אלץ שטייגנדיקע איבערלעבונגען; א טרעפּן־גאנג, אן עליה. ניט נאָר אין אינהאלט, נאָר אויך אין דער פאָרם פון ליד. און ניט נאָר דער קינסטלער, נאָר אויך דער מענטש אינם פּאָעט איז געשטיגן.

ווען מען פארגלייכט די ערשטע לידער לייוויקס אָדער משה לייבס מיט די לעצט־געשריבענע, זעט מען ערשט דעם מהלך וואָס זיי זענען דורכגעגאנגען. די לידער — אלץ זעטיקער, זאפטיקער, געדיכטער; אינהאלטרייכער און פאָרמרייכער. אין פארגלייך מיט די לעצט־געשריבענע, שלאָגן אָפּ די ערשטע מיט אזא שיטערקייט און לויזקייט! — הגם פאר זיך אליין קאָנען זיי זיך זיין גאָרנישט קיין שלעכטע לידער, און אין זייער צייט האָבן זיי געמאכט א געהעריקן רושם.

די עליה קאָן גאָר אנדערש ניט — זי מוז זיין א גלייכצייטיקער פּראָצעס סיי אין דעם אינהאלט — דער איבערלעבונג פון ליד, און סיי אין דער פאָרם פון ליד. ווייל דאָס איז די ליד־פאָרם וואָס האָט מעגלעך געמאכט אָט דעם טאָפּלטן פּראָצעס. דאָס איז די ליד־פאָרם, וואָס שפּירט אויס די איבערלעבונג, הערט אויס די אלע אָנצוהערענישן, וואָס זענען פון פריער אין איר ארייננגעלאָפן. דאָס איז די ליד־פאָרם וואָס כפּלט איבערלעבונג אויף איבערלעבונג און ציט ארויס זייער סך הכל דורך וואָרט־ריטם, וואָרים אין אן אנ־

דערער, ריין לאָגישער, פאָרם לאָזט זיך דאָס גאָרניט אויפנעמען. און צו לעצט איז דאָס די ליד־פאָרם וואָס פרעסט שטימונגס־אַראָ־מאַט אין הארטן פסיכישן פאַקט.

דערום בא אַ פּאָעט וואָס פאַרגלעזערט ניט זיינע איבערלעבונגען ווי אין אַ מוזעאום־קעסטל — איז יעדעס ליד ווי אַ סך הכל פון זיין גאַנץ לעבן ביז אהער; דער ענד־פּראָדוקט פון אַלע זיינע ראַנגלע־נישן. אַ כסדרדיקער כפל; די פולע ענדגילטיקע דערלעבניש אַ כפל כפלימדיקער רעזולטאַט.

דערפון די אַלץ קאָנצענטרירטערע עסענץ; די אַלץ געדיכטערע אָנגעלאָדנקייט פון ליד.

עס מיינט ניט דאַווקע אַז אַלץ קאָמפּליצירטערע ליד־פאָרם; עס איז ניט די אויסגעזוכט קונציקע טעכניק, אויף וועלכער עס קלינגלען זיך די פּאָעטן וואָס האָבן פאַרגלעזערט זייערע איבערלעבונגען; די פאָרמע קאָן דווקא ווערן אי איינפאַכער, אי נאַטירלעכער; נאָר עס פאַרמערט זיך איר ווירקונגס־קראַפט, איר דערלאַנגונגס־גבורה.

און דאָס מיינט: עס ווערט מקוים אין לייענער, וואָס איז פריער מקוים געוואָרן אין פּאָעט.

דער ערשטער נאָמען וואָס עס גלוסט זיך מיר געבן די פּאָעטן פון אָט דעם שניט — אָט די וואָס שטרעקן זיך צום ליד פון וואָרט־טאַט — איז פּאָעטן — מאַרטירער, פּאָעטן — קאַטאָרזשניקעס, באָרנדיק די באַצייכונג פון לייוויקס ביאָגראַפיע. ווייל זיי זענען כסדר אין ראַנגלעניש; כסדר אין פיין; און זיי מוזן צוערשט דורכגיין דעם עקסטאַז פון פיין, ביז זיי דערגייען צום עקסטאַז פון פרייד.

אזוי אָבער ווי דער קאַטאָרגע־שטריך איז אַ ספּעציעלע כאַראַק־טעריסטיק פון לייוויקן, וואָלט איך די פּאָעטן פון דעם שניט בעסער אָנגערופן: פּאָעטן פון נביאישן גאַנג.





ווייל זייער ליד מוז זאָגן דעם אמת און בלויז דעם אמת, און ווייל ליד האָט זיך אָפּגעוואוינט פון זאָגן דעם אמת — האָט אזוי לאַנג געדינט פאַר אַ באַפּוצונג און באַצירונג פון אמת, ביז עס איז געוואָרן זיין צווייטע טבע צו פאַרוואַנדלען יעדן אמת אין פוץ און ציר, אין אַ שפּילצייג אויף אוועקצושפּילן זיך פון אמת — קומט כסדר פאָר בא די פּאָעטן פון דעם שניט אַ ראַנגלעניש צווישן פּאָעט־עסטעט און נביא — אמת־זאָגער.

דאָס איז אַ גרונט־שטריך בא מערערע אידישע פּאָעטן: בא פרצ'ן, ביאַליק'ן, יהואש'ן.

אַז די ראַנגלעריי איז אויך אָנגעגאַנגען אין משה לייב'ן, באַווייזט דער רעזולטאַט — די לעצטע דערגרייכונג, צו וועלכער ער איז געקומען; ער האָט זיין ליד דערפירט צו אַ פּראָזע וואָס איז גלייכ־צייטיק פּאָעזיע; אַ רייכער אויפשפּיל פון פאַנטאַזיע אויף פּראָסט־פּראָסטן אמת — אַ הויפּט־סימן פון ביבליש־נביאישן סטיל.

און אַ פאַרביסענע האַרטנעקיקע ראַנגלעריי צווישן פּאָעט — עסטעט און נביא — אמת־זאָגער איז כסדר אָנגעגאַנגען אין לייוויקן — אָפן, פאַר די אויגן פון די לייענער. אויבן־אויף האָט עס אויסגעזען, אַז איינער זוכט גובר צו זיין דעם אַנדערן; אַז איינער שטיינט אויפן חשבון פון אַנדערן; אַז אין פּאָעט גופא — וועגט אַריבער דאָ דער צד פון עסטעט, דאָ דער צד פון אמת־זוכער. אין תוך אָבער האָבן זיי איינער דעם אַנדערן געשפּייזט, געהאָדעוועט און גע־שטאַרקט — ביז זיי דערנעענטערן זיך איצט צו אַ שלום אין שותפות — צו אַ ליד וואָס איז אויפגעזונגענער „אמת־שיין".

דאָס ליד וועט באַקומען אַ נייע שליחות: דער ניי־געוואונענער, אויס־געראַנגלטער, פאַרגרעסטער, פאַרטיפטער מענטש־מהות, וואָס האָט זיך אויפגעזוכגען אין פּאָעט, זאָל דורכן ליד זיך אַריבערזינגען אין לייענער. די מענטש־זעאונג פון פּאָעט, וואָס ער האָט אין ראַנגלע־נישן אויסגעטראָגן און אין ווייטיקן געבוירן; אָט די אויבער־

געשטאַלט, וואָס ער האָט הויך געהאַלטן איבער זײַן קאָפּ און זי געלאָזט זיך אָנזויגן מיט דער פּײַן פון אַלע מענטשן, כדי איבערצושמעלצן זי אין פרייד; אָט דעם מענטשנס צוקונפט־געשטאַלט זאָל דורכן ליד זיך אָנטון ווי אַ לבוש אויפן לייענער, און אַלץ מער זיך אײַנלייבן אין אים, ביז ער וועט זי פאַרקערפּערן.

דאָס וועט זײַן אַ ליד וואָס וועט דירעקט ווירקן — מענטש פורעמענדיק, מענטש בויענדיק, אָפּטוענדיק דעם מענטשן דעם וואונדער פון מעשי בראשית. דאָס וועט זײַן אַ ליד וואָס וועט ווירקן נביאיש. נבואה האָט געהאַט דעמזעלביקן צוועק — מעשי בראשית: דעם מענטשנס ניי־באַשאַפונג און ניי־געשטאַלטונג.

נבואה איז געווען די עכט־אידישע קונסט; קונסט — ניט ווי מען מיינט מוסר־זאָגעריי און אמת־זאָגעריי — אין אַבסטראַקט, אין דער לופטן, אָן אַן אדרעס; קונסט — נאָר אָנגעווענדט אויפן לעבעדיקן מענטשן, אָנשטאָט אויף פאַרב, ליים און שטיין; אָנגעווענדט אויף לעבעדיקער מענטשן־מאַסע — אויף פאָלק, פעלקער, מענטשהייט. — און נבואה האָט זיך באַנוצט מיט אַלע נאַטירלעכע גרונט־עלעמענטן פון קונסט — מיט ריטם, בילד, פאַנטאַזיע — אויף איבערגעשטאַלטן לעבעדיקע מענטשן אין מאַסן — און ווי מיר ווייסן, איז עם איר מערערע מאָל געלונגען.

ווען עם וועט קומען צו אַ סינטעז צווישן נבואה און ליד, וועט די נאַטירלעכע קונסט פון דער נבואה נאָך פאַרשטאַרקט ווערן מיט דער קינסטלעך־קינסטלערישער טעכניק, וואָס איז אין ליד אַרײַנגעאַרבעט געוואָרן דורך דורות פּאָעטן; וועט איר באַווירקונגס־כוח זיך פאַרפילפאַכן. — נאָך קיינמאָל האָט די ריינע קונסט זיך ניט געשטעלט אַזאַ ריזיקן ציל — די איבערגעשטאַלטונג פון מענטשן אין מאַסן; די נבואה וועט איר דעם ציל געבן; און די קונסט פון איר זײַט וועט דער נבואה אַנטקעגנגעבן איר מעטאָד פון אויגנבליקלעכער באַאײַנפלוסונג. דעמלט וועט מקוים ווערן דאָס מאַגישע ליד וואָס מאַכט תיכף ומיד דאָס וואָרט צו טאַט. דאָס



נבואה־ליד וועט אַרויסטראָגן דרויסן דעם אינערלעכן מענטש־שאַפונגס־פּראָצעס — פאַר קינסטלער־נביאים באַוואוסטזיניק אָנצוווענדן, אין מאָמענטן פון איבערברוך — ווען מענטש־איבערגעשטאַלטונג אין מאַסן, און אָן פאַרזאַמונג, וועט דרינגענדיק נייטיק ווערן.

אייגנטלעך גייט די נביאישע קונסט מיט דער פּראָלעטאַרישער אין איין ריכטונג — נישט מער וואָס די נביאישע קונסט וויל דורכדרינגען ווײַטער פון דער אויבערפלאַך — זי וויל דורכגרונטעווען זיך ביז צו דער טיפסטער טיפעניש פון מענטשלעכן וועזן, כדי דורכצופירן אין אים אַ גרינטלעכע איבערקערעניש. און ווידער האָט די נביאישע קונסט זיך אָנגענומען מיט מער הייליקער העזה; זי וויל איבערנעמען דעם הויפּט־חלק פון דער אַרבעט וואָס די פּאַרטיי פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע האָט זיך אונטערגענומען. — אָבער וואָלט דען די פּראָלעטאַרישע קונסט זיך אָפּגעזאָגט דערפון, ווען זי וואָלט געגלויבט, אַז זי קאָן און מעג עם!

אין דער אידייע איז צווישן די ביידע קונסט־ריכטונגען קיין פּרינציפּיעלער ווידערשפּרוך ניטאָ. — אין דער פּראַקטיק אָבער נעמען די משגיחים איבער פּראָלעטאַרישער קונסט אַוועק ביים פּאָעט די פרייהייט צו עקספּערימענטירן. און דאָס איז שלעכט. דעם פּאָעט דאַרף געגעבן ווערן די פּריווילעגיע פון זוכן און בלאָנדזשען; אים דאַרף אפילו דערלויבט זײַן צו מאַכן "אָפּנויגן"... וואָרים ערשט דורך עקספּערימענטירן און זיך לאָזן פאַרפירן וועט ער דערטאַפּן די טעכניק, וואָס זאָל מאַכן זײַן ליד ווירקן מיט טאָפּלטן עפעקט. פאַרן פּאָעט דאַרף די אײַנשטעלונג זײַן אויפן ציל־וואוהין — ניט אויף טאָגטעגלעכער דיסציפּלין. — אָבער לאָמיר וועגן דעם ענין זיך ניט אַמפּערן צו לאַנג. עם קאָן אַראָפּפירן פון וועג.

לייוויק און משה לייב האָבן פון אָנהייב אָן זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון נביאיש־פּראָלעטאַרישער קונסט. דאָס ליד נאָך וועלכן זיי האָבן געגאַרט, זייער אינטימע כונה איז אַלעמאָל געווען — דער אמת, וואָס איז אין זיי דורכן ליד מקוים געוואָרן, זאָל אויך מקוים ווערן אין לייענער — צוהערער.

משה ליבס גאַנג איז אונטערגעבראַכן געוואָרן.

לייוויק האַלט שוין נאָענט צום ציל. עס זענען שוין פריער אויך געווען ביי אים דערנעענטערונגען צו לידער פון דעם מין, אָבער אין דער "גאולה־קאָמעדיע" זענען שוין פאַראַן מערערע אַזעלכע לי־דער פון דירעקטער פעולה, פון כישופדיקן היפנאָז. לידער וואָס היילן. לידער — ברכות, לידער — תפילות. די לידער־דיאַלאָגן צווישן חנינה און דבורהלען; די לידער־הימנען פון יאָסעלען, ספּעציעל אין דער סצענע, וואו ער זינגט זיך אריין אין פאַלש־משיחיסטישער לייב־הפקרות — אַ דערמאָנונג אָן די פראַנקיסטישע ליבע־אָרגיעס. אויך אַ צאָל ארמילוס־לידער.

אַזעלכע לידער פּאַסן זיך זייער אַריין אין אַ ספּעקטאַקל, וואו פריי־ערדיקע האַנדלונגען און סיטואַציעס האָבן צוגעגרייט די צושויער, אַז דאָס ריכטיקע ליד אין ריכטיקן מאָמענט זאָל האָבן אויף זיי דעם פולן מאַגישן עפעקט. אויפגעשפּילטע אויף דער בינע, וואָלטן די לידער, גריילעך מעגלעך, דירעקט זיך אַריינהיפּנאָטיזירט אין די גע־מיטער. — אָבער עס קאָנען דאָך געמאָלט זיין לידער, וואָס שליסן איין אין זיך דעם ספּעקטאַקל אַ פּאַרטיקן — אָן דעם עס זאָל נויטיק זיין, אַז שוישפּילער זאָלן זיי אויפשפּילן. זיי מאַכן דעם לייענער אַליין פאַר דער הויפּטהאַנלענדיקער פּערזאָן אין אַ דראַמע. — אָט די לידער מיין איך עס.

איך וואָלט אַזעלכע לידער אָנגערופן לידער־ספּעקטאַקלען, אָדער צערעמאָניאַל־שפּילן; לידער, וואָס סדר'ן זיך, וואָס רוכנ'ען זיך אַריין אין די לייענער.

ל י ד ע ר ו ו אָ ס ז ע נ ע ן ע ב ו ד ה.



# פרץ הירשביין

## ערד

"ארורה תהיה האדמה בעבורך — — —
וקוץ ודרדר
תצמח לך — — —"

(בראשית ה')

.1

דער מענטש, וואָס האַלט דעם קאָפּ פאַרריסן צום בלויען, לופטיקן הימל, אַזוי גלויבט מען, ער האָט אין באַוואוסטזיין די אויבערהאַנט איבער דער ערד; און דער מענטש, וועמעס אויגן און קאָפּ זענען צו דער ערד גענייגט — אים האָט די ערד איבערגעגעבן דעם שלעכטן טעם פון דער אוראַלטער קללה: "פאַרשאָלטן וועט זיין די ערד פונדיינעט־וועגן — — — דערנער און ביטערע קרייטעכער וועט זי פונדיינעט־וועגן טון שפּראָצן".

בא דער ערד גופא, ווען מען זאָל בא איר פרעגן: ווי ווייט אָנגעלייגט דער מענטש איז בא איר, און צי איז איר נישט אָפּטמאָל פונקט אַזוי טייער דער ערדוואָרעם וואָס גראָבט זיין היים אין איר, ווי דער מענטש וואָס בויט זיינע הייזער אויף איר — מעגלעך, די ערד וואָלט געענט־פערט: נישט נאָר ביזטו פאַר מיר נישט אָנגעלייגטער פון וואָרעם, אפילו פון שטויבעלע אויך נישט, מחמת: "שטויב ביזטו און צו שטויב וועסטו צוריקקערן..."

דער מענטש האָט אין זיין באַוואוסטזיין די קללה: "פאַרשאָלטן וועט זיין די ערד פונדיינעטוועגן". דידאָזיקע קללה איז די פרוכט פון מענטשנס אומבאַהאָלפנקייט; און אַז די ערד וועט דעם מענטשן געבן בלויז טרוקענע דערנער און ביטערע קרייטעכער — דאָס זענען אויך פירות פון אַ דמיון וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן אין די הימלען, בשעת מיט דונערן און בליצן האָבן זיך געשפּילט די געטער אויבן.

.2

צו דער ערד נאָך דערנערונג האָט דער מענטש זיך געווענדט מיט זיין הונגער — ווי הונגער טרייבט זוכן דערנערונג דאָס ערשטגעבוירענע עופהלע, מענטש, חיה אָדער בהמה, צו דער מוטערס ברוסט. אָבער מיט אַ דאַרנדיקער ברוסט האָט זיך די ערד צום מענטשן ארויסגעבויגן; און ווען נאָך דונערן און בליצן האָט אַ שלאַקס רעגן אַ גאָס געטון און געמאַכט די ערד זאָל זיך מיט גרינגראָז באַדעקן — האָט דער מענטש א י ן ה י מ ל דערזען די ברכה; ער האָט דערבליקט דעם גאָט וואָס שיקט זיין ברכה צו דער ערד. נאָך מער: דער מענטש האָט אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מער כבוד דעם הימל; די געטלעכע קראַפט, וואָס גיט לעבן און טויט, האָט אויך דער מענטש „קלאָר" דערבליקט אין די הימלען.

אַזויאַרום האָט זיך דער הימל דערווייטערט פון דער ערד און מיט אים — די געטלעכע כוחות. און וואָס ווייטער און העכער זיי זענען אַוועק איבער דער ערד — ממש אַוועק אין דער וועלט פון די גרויסע ליכטער, שטערן און פּלאַנעטן — אַלץ אָרימער איז די ערד געוואָרן אין מענטשנס אויגן.

מאַמע־ערד איז פאַרשאָלטן פאַרן מענטשנסוועגן. אַ צולאָג דערצו קומט: „פון שטויב ביזטו געקומען און צום שטויב וועסטו זיך ווידערקערן..."

.3

נישקשהדיק לאַנג האָט דער מענטש מסתמא געקוקט מיט נייגיר צו מאַמע־ערד, געוואַרט פון איר זאָל פּאַרטיקס ארויסקומען — ווי פון מוטערס ברוסט קומט ארויס פּאַרטיק צום קינד אין מויל אריין די מילך. העט־העט, אַסך שפּעטער האָט דער מענטש דערפאַרן, אַז אַ קערנדל זריעה גיט אויך די ערד ארויס; ווען מען זאָל אויפשאַרן די ערד, אריינלייגן צוריק אין דער ערד אריין דאָס קערנדל — וועט





דערפון חיונה ארויסוואַקסן. נישקשהדיק לאַנג האָט באַדאַרפט דויערן ער זאָל דערגיין, אַז וואָס ווייכער מען מאַכט דאָס אָרט פון פאַרזייען — אַלץ געראָטענער געראָט דאָס פאַרזייעטע; און אַז מען קאָן אויך יוצא זיין ווען מען באַוואַסערט די ערד, פּונקט אַזוי גוט ווי מיט גאָסרעגן.

עס האָט דעם מענטשן אויך געדויערט לאַנג צו דערפאַרן, אַז דאָס ביסל מיסט וואָס הינטער זיך האָט אַ בהמה געלאָזן פאַלן מאַכט — אויף דעם אָרט זאָל גרינגראָז בעסער און שענער אויפקומען. אַזוי ווייט איז דאָס געגאַנגען, ביז מען האָט אויך געפונען די ברכה אין איינגענער צואָה — ווי דאָס טוען די יאַפּאַנער, וואָס באַמיסטיקן מיט מענטשן־צואָה זייערע רייזפעלדער. עס איז אויך די קו, די מילך- און- מיסטגעבערין הייליק געוואָרן — ווי בא די אינדוסן אין אינדיע.

דאָס האָט אויך געבראַכט דעם פרומען קוק צו דער ערד. דאָס האָט אויך געגאָלטן, אַז ווידער זאָל דאָס אויג פאַרנעפּלט ווערן מיט יענעם פרומען טוי וואָס איז צו טרערן ענלעך.

און פּונקט ווי אַ קינד, ווען עס וואַקסט אויס, באַקומט ציינער און קאָן שוין קייען — הויבט עס אָן אָפּצוניינען דאָס מויל פון מוטערס ברוסט; אַזוי האָט שוין שפּעטער צומאָל געטראָפן, ווי דער מענטש האָט אָנגעהויבן זוכן פּאַרטיק־אויסגעדראָשענע קערנער, פּאַרטיק ברויט, פּאַרטיקע פּירות; ער האָט ליב געקראָגן דאָס פּאַרטיקע. אים איז נאָר שווער געווען צו קריגן דאָס מיט וואָס ער זאָל קאָנען באַלוינען פאַר די פּאַרטיקע פּירות פון מאַמע־ערד.

געקומען דער שטאָט־מענטש — דער מענטש אויף אַספאַלט און שטיין!

.4

אַז די ערד האָט אין איר איינגעווייד סיי די ברכה און סיי די קללה — איז ניט צו פאַרלייקענען. פּונקט ווי דער מענטש פאַרמאָגט אין

זיין בלוט סיי דעם גוטן און סיי דעם שלעכטן ווילן. פייער און וואסער האַלט אויף די ערד אין איר איינגעווייד; ווי אין אַלדאָס לעבעדיקע ריזלט פייער און וואסער. רייב צוויי פייכטע העלצער איינס־אָן־אַנדערן — פליען פונקען; דריק זיי אונטער אַ פּרעס — קומט דאָס וואסער אַרויס. די שפּורן פון פייער און וואסער טראָגט מענטש אין זיין פּנים. די צייכנס פון פייער און וואסער — בּאַ מאַמע־ערד אויפן פּנים.

איעדן געוויקס וואָס מאַמע־ערד גיט אַרויס באַשיינקט זי מיט טעם און ריח, באַשיינקט זי מיט פאָרם און קאָליר. גרין דאָס בלאַט; רויט, געל צי פּורפּור — די בלום. דעם האָניקזיסן זאַפּט נאָגן די בינען אַפילו פון דעם עסיקזויערן ציטרינענבליט.

.5

אמת, דער הימל, אין די פאַרטאָגן און אין די פאַרנאַכטן, שפּילט ער זיך מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן, און דער רעגנבויגן גופא, וואָס בייגט זיך אויס מיט זיין פאַרבן־ספּעקטרא, בעת זונענשטראַלן פון מערב־ראַנד רייסן זיך אַריין אין די פייכטקייטן אין מזרח אַנטשיינקייט און האַרמאָנישע גאַנצקייט, און ער ליובט דערפאַר דעם גאָט דעם באַשעפער פאַר זיינע טאָג־טעגלעכע מעשי־בראשית — אָבער עכטע קינדער פון דער ערד, ווי פּרימיטיוו זיי זאָלן נישט זיין, האָבן אויפן פּנים פון מאַמע־ערד דערבליקט גאָר די שיינקייט, גאָר דעם איבערגוס פון פאַרבן — דערבליקט און אָראָפּגעלייענט:

ווער וואָלט פאַר וועלט און מענטש אַריינגעוועבט אין קליידונג די פאַרבן־פאַנטאַזיעס, סיי אין געאָמעטרישער גראַדליניקייט און סיי די רונדיקייט פון בלומען און פרוכט — אויב נישט די, וואָס האָבן זיך גוטע, ווי דאָס בייזע? פון עק וועלט ביז עק וועלט, וואו די ערד הויבט אָן בליען אין פרילינג, צייטיקן אין זומער און וועלקן אין



האַרבסט — דאָרטן האָט דאָס קינד פון דער ערד געזויגן אין זיך די קאָלירן, און שפּעטער עס אויסגעלערט אין געוועב אַריין, שפּעטער עס אויסגעלערט אין אַלערליי באַצירונגען.

.6

אָבער דער עיקר גיט די ערד אַרויס איר ברויט — דעם מענטשנס דערנערונג; זי גיט אים אויך אַרויס גרינסן און פּירות. דער עיקר גיט עס די ערד צו דעם, וואָס פאָדערט בּאַ איר.

ווער איז ער אָט דערדאָזיקער מענטש? איז ער דער ריז, וואָס האָט דעם קאָפּ אין וואָלקן, צי דער וואָרעם, וואָס האָט זיין לעבן אין שטויב? צי איז ער די בין, וואָס זאַמלט שטויבעלעכווייז דעם האָניק פון צווישן בליט און בלום?

פרעג דעם מענטשן פון אַלע צייטן:

— וואָס איז פאַר דיר די ערד, און וואָס ביזטו צו דער ערד? איז די ערד בלויז דער באָדן אונטער דיינע פיס, און אַלץ וואָס דו קאָנסט — **איז צו** צייכענען אויף איר מיט דיינע טריט שטעגן פריינטלעכע און שטעגן פון האַס און נקמה? אָדער די ערד איז אפשר — סיי בעט און סיי קישן אונטערן קאָפּ, היים פון גרינעם און צאַרטן גראָז און פון האַרטן, טרוקענעם קיזלשטיין?

.7

דערווייל:

דער מענטש, וואָס איז געגאָפּלט צו דער ערד, איז פאַרשאָלטן צו זיין דאָס קינד פון איר דלות. אַזוי באַדויערט דעם ערד־מענטשן דער מענטש וואָס האָט אונטער זיינע טריט געשפּרייט אַספאַלט און בעטאָן — מחמת די ערד איז צו ווייך פאַר זיינע טריט.

מחמת צו אים, צום שטאָט־מענטשן, קומען אָן פון פעלד טראַנספּאָרטן גאַנצע פון אירע גערטעניש; אים איז צומאָל זיס צום גומען דער האָניק און האָניקזיסע מאַנגאָ־פּרוכט; עס איז אים גוט צו נעמען פון פּאַרטיק־צעשניטענעם, ווײַס־ווײַצענעם לעבל ברויט און פון די קאָנסערווירטע, שוין אָפּגעשיילטע באַרן, פּאַרטיק שוין, מיט צוקער־פּאַרזיסטע, קאַרשן, מאַלינעס און פײַגן.

ער, דער מענטש אויפן אַספאַלט און שטיין, ווייסט שוין פון לאַנג נישט, ווי עס בליט דער עפּלבוים, באַרנבוים, קאַרשן און פלוים. דער ריח פון מאַמע־ערד, איר קילקייט נעמען אַרום זײַן לײַב נאָר דעמלט, ווען אַלע חושים זײַנע זענען שוין טויט, דעמלט, ווען אַרום אים זינגט מען: "פון שטויב ביזטו געקומען און צום שטויב קערסטו זיך אום".

ערד! וואָס ווערט אין דיר פון מענטשן, וואָס איז קלאָמערשט שטויב געווען בײַ זײַן לעבן?

איז דאָס טאַקע אמת, אַז אויף בית־עולמס, אויב מען זאָל אפילו נישט פאַרפלאַנצן בײַ די קברים, וואָלטן סײַווי אַרויסגעשפּראָצט און אַרויס־געוואַקסן אַלערליי ביימער, וואָס בליען אין פרילינג, צײַטיקן זייערע פּירות אין זומער און באַשײַנקען מיט אַלערליי פּרוכטן?

**.8**

איך זאָג: די אמתע גוטסקייט, וואָס מען וואָלט געקאָנט באַטיטלען פאַר מענטשלעכער גוטסקייט — איז באַם מענטשן פון דער ערד. דער וואָס איז צו דער ערד געווענדט מיט אַלע זײַנע חושים, באַשר אויף איר, און נאָר אויף איר, קאָן ער זיך פאַרלאָזן; ווען אפילו, עס טרעפט, זי האָט אים אַ קללה געגעבן אָנשטאָט אַ ברכה, פעלשט ער אַליץ נישט אין איר; ער, דער מענטש פון דער ערד, איז מאַן און די ערד איז צו אים פרוי און מוטער! ער אַקערט זי, ער זייט אין איר, פלאַנצט אין איר די זריעה, וואָס די ערד אַליין האָט אים אָנ־געטרויט...





אוי, ווי גרויס איז די לעבנס־שפע איבער זײַן פעלד אין פרילינג! מיסט פון שטאַל האָט ער געפירט אין האַרבסט און געשפּרייט אויף דער צעאַקערטער ערד; און נאָך אַמאָל געאַקערט און געבראָנעוועט, פאַרקנאָטן די מיסט מיט דער ערד — זענען פון דעם אין פרילינג די זיסטע ריחות אַרויסגעקומען.

ער, דער מענטש פון דער ערד, נעמט צונויף נאָר די ברכות, נאָר דעם חסד, וואָס די ערד האָט אים מיטן פולן האַרצן געגעבן, און צעשיקט עס צו די אַלע וואָס פרעמד איז זיי די ערד — צו דעם מענטשן פון דער שטאָט; און דעמלט, אין צײַט פון גערטעניש, איז שוין ממילא פאַר אים הימל און ערד איינס; דעמלט איז ער אַליין — כאָטש ער ווייסט נישט — גאָט און באַשעפער; גוטער גאָט און גוטער באַשעפער.

**.9**

וואָס ווערט ווערן פון מענטשן וואָס האָט אונטער זײַנע פיס דעם אַספאַלט פאַר אַ באָדן, ווי אַזוי וועט ער אין די ווײַטערדיקע דורות אויסזען — מיר איז דאָס שווער זיך אויסצומאָלן. אין גוטסקייט שטייט ער אָפּ פון דעם ערד־מענטשן; אין כּוח — אַוואַדע. און וואו עס איז פאַראַן אײַנגעבוירענע ערדישע גבורה — דאָרטן איז פאַראַן געדולד און וואו געדולד — דאָרטן געפינט זיך גוטסקייט.

די ערד שיקט אַמאָל דורכן אַספאַלט אַרויס אַ גראָז צום שטאָט־מענטשן. קיין קללה טראָגט דאָס גראָז נישט אויף זײַן איידעלן גרין; כאָטש די פאַרטיקע לעבלעך ברויט און די זיסע געבעקסן אין די פענצטער בײַ די בעקער — זיי דערציילן נישט פון ווײַטן און נאָנטן פעלד, דערציילן נישט פון ערד־מענטשן און זײַן ליבשאַפט, וואָס האָט קערנער בײַ מאַמע־ערד געקראָגן; מילן האָבן די קערנער שפּעטער גע־מאָלן, מעל אויסגעזיפּט — דער בעקער זאָל ברויט באַקן.

אויך באַם פּרוכטגעוועלב ליגן די פּירות אויסגעלייגט אין גלייכע שורות: עפּל, באַרן, וויינטרויבן, קאַוועגעס, קרויט, קאַרטאָפל און בוריקעס — זיי זענען אַלע פול מיט שווייגן. זיי דערציילן אָבער נישט דעם שטאָטישן קויפער פון ערד־מענטשן און זיין ליבשאַפט, וואָס האָט די אַלע פּירות און גרינסן באַ מאַמע־ערד אַרויסגערופן פון אירן אָדערן אַרויס.

פאַרקערט, די קויפער, שטאָט־מענטשן, זיי האָבן צום ערד־מענטש אַ רחמנות־געפיל; אָנען וועגן אים — ווי וועגן דעם קבצן אויף דער ערד; קלערן וועגן אים — ווי וועגן דעם ערד־וואָרעם, אָדער מויל־וואורף, וואָס האָט אין דער ערד זיין בלינדע היים.

.10

ווען דער ערד־מענטש און דער אַספאַלט־מענטש שטייען פּנים־אל־פּנים — דער ערשטער מיט זיין מגושמדיקן שווייגן וואָס שפּראָצט פון זיינע שווערע גלידער, און דער צווייטער — מיט דער באַרעדעוודיקייט און אומרואיקייט וואָס שפּראָצט פון אַלע זיינע גלידער — דעמלט קומט זיך צונויף קללה און ברכה. דער ערשטער — דער געבענטשטער מיט דער ברכה פון דער ערד אויף זיינע שווערע הענט; און דער אַנדערער — מיט קללה פון שטאָט אויף די שפּיצן פון זיינע צאַרטע פינגער.

עס וועט קומען די צייט ווען מאַמע־ערד וועט אויף איר האַרצן צונויפנעמען אַלע אירע קינדער, ווען אויף דעם אָרט פון דער קללה: "פאַרשאָלטן וועט זיין די ערד פונדיינעטוועגן, דערנער און ביטערע קרייטעכער וועט זי דיר געבן", וועט די מענטשלעכע גוטסקייט אויפגיין — ווי דער טוי קיל־געטראָפּנט אויף די גראָזנשפּיצן, און ווי די זון וואָס גייט אויף, דעם טוי אויסצוזויגן און די ערד דערוואַרימען.




צבי הירשקאַן

# ביאַליק און אחד־העם

.1

זיין פּאָעטישן באַרוף האָט ביאַליס קיינמאָל נישט געמאַכט פאַר זיין איינציקן פאַך. אין פאַרשיידענע צייטן האָט ער זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע פּראָפעסיעס:

אין זיין יוגנט איז ער געווען אַ ישיבה־בחור, אַ קעסט־אײדעם, אַ דרדקי־מלמד, אַ וואַלד־סוחר, אַ קוילן־הענדלער.

אין זיין רייפקייט איז ער געוואָרן —

1) אַ פאָרשער.

2) אַ פאַרלעגער.

די לעצטע צוויי מלאכות זענען עס פאַרבליבן זיינע צוויי גרעסטע עסקים.

.2

אויף זיין פאָרשונגסגעביט האָט זיך ביאַליס דערהויפּט באַשעפטיקט מיט אַלט־העברייאישער חכמה:

ער האָט סאָרטירט די תלמודישע לעגענדן פון דער באַבילאָנישער צייט.

ער האָט קאָרעגירט די העברייאישע דיכטונג פון דעם שפּאַנישן פּעריאָד.

ער האָט קאָמענטירט דעם אַגראַרישן טייל פון דער פּאַלעסטינעזישער משנה.

מיט זיין פארלאגס־ווען האט ביאליק פאקטיש אויפגעריכט די נייַ־
העברייאישע ליטעראטור:

אינם פארלויף פון עטלעכע אין דרייסיק יאר נאכאנאנד איז אין דער
העברייאישער שפראך נישט פובליקירט געווארן כמעט קיין איין בוך,
וואו אויף דעם פאדער־בלאט זאל נישט זיין פארצייכנט דער נאמען
ביאליק אלס דער ארויסגעבער און ניטזעלטן אויך אלס דער ארײַנ־
פירער.

.3

אין די דאזיקע צוויי פראפעסיעס האט עס ביאליק ארייגעטאן זיין
גאנצע ענערגיע. זיי זענען פאר אים געווען א לעבנס־מיסיע. אלץ
איבעריקס — א פארווײַלונגס־שפיל. אזש פון ציון איז אים געווען
טייערער העברייאיש.

וואוהין ביאליק איז נישט געגאנגען זענען אים נאכגעגאנגען מאנו־
סקריפטן און מאטריצן אין העברייאיש, ווי נאך א קריגער וועטעראנען
און טראפייען פון שלאכט. און אין וואס פאר א לאנד ביאליק זאל
נישט האבן ארייגעשטעלט א פוס איז דארטן באלד אויסגעוואקסן
א פארלאג. פארשטייט זיך — אין העברייאיש.

ביאליק האט פארלאזט דעם סאוועטנפארבאנד, כדי צו באזעצן זיך
אין דעם אידנלאנד. פאר אים איז עס געווען א "יציאת־מצרים". מיט
פערציק משפחות און מיט הונדערטער כתבים איז ער ארויס פון
אדעם.

דער דיכטער קומט אין זיין לאנד.

די נסיעה איז געווען דורך איסטאמבול. דער וועג איז געווען א טרי־
אומף. דעפוטאציעס פון ספרדישע חכמים. דעלעגאציעס פון ציונים־
טישע אנשטאלטן.



צעטיילט זיך אין איסטאמבול דער קאראוואן. די פערציק משפחות
גייען אוועק קיין ארץ־ישראל. און ביאליק מיט די הונדערטער כתבים
— קערט זיך אום קיין אייראפע. שטעלט ער זיך אפ אונטערוועגנס
אין בערלין. בלויז אויף א קורצער ווײַלע שטעלט ער זיך עס אפ.
ער קלייבט זיך, ביאליק, צו פארן קיין יפו דורך טריעסט. נאר ער
געפינט אויס, אז אין דייטשלאנד איז ביליק דרוק־פאפיר, אז לייפציג
פארמאגט זאץ־נקודות. איז עס פאר אים אזא מציאה, אז ער פאר־
קוקט די גאולה און פארבלייבט אין גלות. ביאליק בלייבט אין בערלין
און עפנט דא דעם "דביר". ווערט אויף א לאנגער צייט פרייסן זיין
היים. אנשטאט ירושלים — שארלאטענבורג.

נישט לייכט איז אים אנגעקומען, ביאליקן, צו ווארפן דעם ביכער־לאגער
צוליב דעם פארשפראכענעם לאנד. אחד־העם איז אן עדות. זיין עדות־
זאגן האט ער פאראייביקט, אחד־העם, אין זיינע דעמלטדיקע בריוו
צו ביאליקן גופא און אויך צו אנדערע.

עס איז כאראקטעריסטיש פאר ביאליקן, אזש סימבאליש, אז כמעט
זיין לעצטן אטעם האט ער אויסגעהויכט אויף א טיפאגראפישער
קארעקטור. איז דער קארעקטור־בויגן געווען א מדרש־אגדה.

.4

ביאליק איז לויט זיין נאטור א קאמבינאציע פון אזארט און חשבון.
די דאזיקע צוויי שטריכן זענען אין אים נישט קיין פאראלעלע ליניעס,
וואס יעדע איינע לויפט איר באזונדערן וועג, נאר צונויפגעוואקסענע
ארגאנען, וואס איינער אן דעם אנדערן קאן נישט פונקציאנירן. אום
ביאליק זאל אנטפלעקן זיין ליידנשאפטלעכן טעמפעראמענט, מוז ער
דערביי פארמאגן א פראקטישן צוועק. ער איז דורך און דורך אוטי־
ליטאריסטיש.

אזא צוועק האט ער אויך סיי אין זיין פארשונג, סיי אין זיין פאר־
לעגעריי. דער צוועק זיינער טראגט אין דעם געגעבענעם פאל א
טאפלטן כאראקטער — א נאציאנאל־קולטורעלן און א פערזענלעך־
מאטעריעלן:

פון איין זייט איז ער אויסן די אויפריכטונג פון דער העברייאישער שפּראַך.

פון דער צווייטער זייט איז ער אויסן די פאַרזיכערונג פון זיין איינע־נער עקזיסטענץ.

זענען ביידע זאַכן פאַר אים נישט קיין קלייניקייטן:

א פאָלק אָן אַן אַלטן, היסטאָרישן לשון איז פאַר ביאַליקן קיין פאָלק נישט.

א מענטש אָן אַ פעסטער, בכבודיקער חיונה איז פאַר ביאַליקן קיין מענטש נישט.

.5

א געוויסע ראָל אין זיין צווייענדיקער טעטיקייט — אַלס פאָרשער און פאַרלעגער — שפּילט בא ביאַליקן אויך אַ דריטער מאָטיוו. דער דריטער מאָטיוו איז — זיין פּיעטעט צום צווייטנס שאַפן.

ביאַליק האַלט נישט שטאַרק פון זיין אייגענער פּאָעזיע. אַ וועלט שרייט, אַז ער איז אַ געניאַלער דיכטער, אַ נביא־גייסט. טענהט ביאַליק, אַז ער איז נאָר אַ שוואַרצער אַרבעטער, אַ האָלץ־האַקער.

מיינט עס ביאַליק וואָס ער זאָגט. ווי ער מיינט אַלץ וואָס ער זאָגט: ער איז נישט דער מענטש, וואָס זאָל מאַכן אַן אָנשטעל, שפּילן אַ חנדל.

פּאָעזיע איז פאַר ביאַליקן — פאַר אַלעמען און נאָך אַלעמען — פאַכ־מענישע מייסטערשאַפט. קונסט אין דער ליטעראַטור הייסט פאַר אים — אַ קאָמפּליצירטער עפּאָס אין דער פאָרם פון אַן איינפאַכן פּראָ־טאָקאָל. באַקלאָגט זיך ביאַליק אויף זיין טעכנישער אומבאַהאָלפנקייט אין זיין קינסטלערישן שאַפן:



א פּרימיטיווער אויסדרוק — דערציילט ער וועגן זיך — קומט אים אָן מיט גרינער גאַל...

ער איז מער בריה — אָרגאַניזירט ער פון זיך — צו מאָלן אַ מלאך, איידער צו ווייזן אַ מענטשן...

און דערביי גיט ער צו:

די צרה מיט זיינע פּאָעמען איז, וואָס ער ווייסט קיינמאָל נישט, וויאַזוי פאַנאַנדערצעטיילן זיי אין קאַפּיטלען. עס קומט אים אָן שווער אָפּצושטעלן זיך. פאַר דעם לעצטן אַקאָרד פעלט אים תמיד אויס דער ריכטיקער טאָן...

בלויז איין ווערק זיינס שטעלט ביאַליקן מער אָדער ווייניקער צופרידן. דאָס איז די דערציילונג "אריה בעל־גוף".

— צען בעל־שם־טובס — זאָגט ער — וועט ער אַוועקגעבן פאַר דעם איינעם בעל־גוף...

ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך אין „אריהן" איז ביאַליק מער אַנטציקט פונם מאָדעל, איידער פונם בילד:

אַ שאָד, אַ שאָד — באַדויערט ער — וואָס ער האָט דעם דעמבענעם אידן אָנגערירט נאָר אויפן שפּיץ מעסער...

ביאַליק דערגייט אין זיין זעלבסטקריטיק אַזש צו זעלבסטמאָרד:

באַדאַרפט האָט ער — זאָגט ער אויף זיך — זיין אַ פילאָלאָג. דאָס וואָס ער איז. געוואָרן איז ער אַ פּאָעט. דאָס וואָס ער איז נישט. האָט ער צוליב דעם באַגאַנגענעם טעות פאַרטאַכלעוועט זיין געבוירענע שליחות...

איז פונקט ווי ביאַליק איז ברוטאַל־קריטיש צו זיך, אַזוי איז ער מילד אפּאָלאָגעטיש צו אַנדערע. ער איז אַ פּענאָמאַלער, ריכטיקער — גוניאַלער — פאַרגינער. אים איז אינגאַנצן אומבאַקאַנט דאָס געפיל פון אינטעלעקטועלער קנאה, וואָס האָט אין אַלע צייטן פאַרצערט אַזויפיל באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן. אומגעקערט: וואָס ווייניקער ביאַליק האַלט פון זיינע אייגענע פּאָעמען, אַלץ מערער האַלט ער פון פרעמדע גראַמען. מיט אָפענע אָרעמס שפּאַנט ער איבער דער ברייטער וועלט. און נישטאָ פאַר אים קיין גרעסערע באַפרידיקונג, ווי צו באַגעגענען כאָטש די קלענסטע באַגאַבונג. אַז עס קומט צו טאַלאַנטן מאַכט ער נישט קיין אונטערשייד צווישן שפּראַכן. ער שטעלט זיך נישט אָפּ אפילו בלויז בא גייסטיקע ווערטן. אים איז אויך טייער אַ שיינער שוך, נישט נאָר אַ קלוג בוך.

טיילווייז דעריבער איז עס ביאַליק פאַרטון זיין גאַנץ לעבן אין שטודירן און פּובליקירן פרעמדע ווערק:

דאָס איז דאָך די העכסטע שטופע פון פּיעטעט צום צווייטנס שאַפן. —

.6

אויף דריי מענטשן פון זיין צייט קוקט ביאַליק, נאָך בא זייער לעבן, ווי אויף אַ היסטאָרישער גרופּע. דאָס זענען:

1) משה לייב ליליענבלום.

2) מענדעלע מוכר־ספרים.

3) אחד־העם.

איז אחד־העם פאַר ביאַליקן די צענטראַלע פיגור אינם היסטאָרישן מאָנומענט.

ביאַליק רעספּעקטירט זייער ליליענבלומס כאַראַקטער:



— אָט, — זאָגט ער אויף ליליענבלום׳ן — ווער עס האָט אַרויפגעלייגט אַ לאַפּע אויף אַ דור...

ביאַליק באַוואונדערט שטאַרק מענדעלעס קונסט:

—ווי אַ סקולפּטאָר פון פאַרצייטן — רעדט ער וועגן מענדעלען — האָט ער אויסגעהובלט די געשטאַלט פון אַ פאָלק...

וואָס איז שייך מענדעלעס קונסט, איז ביאַליקס באַגייסטערונג פאַר איר אַזוי גרויס, אַז אייגנטלעך האָט זיך עס טיילווייז ביאַליק אַריבערגעקליבן קיין אָדעס אום איבערצוזעצן מענדעלען אין העברייאיש.

פונדעסטוועגן פילט ער זיך, ביאַליק, היימיש סיי מיט ליליענבלום׳ן, סיי מיט מענדעלען, ווי אַ נאָענטער, ווי אַן אייגענער. בעת ער שמועסט וועגן זיי אין אַ טאָן פון התפּעלות, רייסט זיך בא אים אויך דורך אַמאָל אַ נאָטע פון בראַוואַדע:

— אוי, דער איד מיט די קעלבערנע אויגן!... — זאָגט ביאַליק אַ וויץ וועגן ליליענבלומס פּשטות.

—עך, פאַרברענט זאָל ער ווערן, דער זיידע!... — רעדט ביאַליק מיט היץ וועגן מענדעלעס חכמה.

אַז עס קומט אָבער צו אחד־העמ׳ן סטייען נישט בא ביאַליקן קיין ווערטער. אויך זיין מאַניר איז גאַלאַנט. דער ליידנשאַפטלעכער רעדנער באַנוגנט זיך מיט אַן אויסגעשטאַמלטן זאַץ:

—ער האָט אַלץ געזאָגט... אַלץ!... אַלץ!... — חזרט איבער ביאַליק וועגן אחד־העמ׳ן תמיד איין און דעם זעלביקן אויסדרוק.

בעת־מעשה איז אויף ביאַליקס קיילעכדיקן פּנים אויסגעגאָסן אַ גליקזעליקער שמייכל. און די אויגן בא אים זענען צוגעשלאָסן, ווי זיי וואָלטן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די בלענדנדיקע שיין פון דער ליכטיקער זון.

### .7

אחד־העם איז פאַר ביאַליקן נישט אַ לערער אינם היינטוועלטיקן זינען, נאָר אַ רבי אויפן פאַרצייטיקן שטייגער. ער פירט זיך אַלס תּלמיד, ווי די "ראשונים" האָבן געלערנט, ווי די "אחרונים" האָבן געפּסקנט:

ווי פאַר גאָט דאַרף מען מורא האָבן פאַרן רבין.

ווי אַ קעניג דאַרף מען ערלעך האַלטן אַ רבין.

ווי דעם טאַטן דאַרף מען פאָלגן דעם רבין.

ביאַליק דערציילט, אַז בעת ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען אחד־העמ'ן אין פּנים, האָט ער נישט געקאָנט איינשטיין אויף די פיס: די פיס האָבן בײַ אים געציטערט פון שרעק.

דאָס איז געשען אין אָדעס, איידער ביאַליק איז נאָך געווען ביאַליק.

נאָר אָט אַ סצענע אין תּל־אביב, בעת ביאַליק איז שוין מער ווי ביאַליק:

אַ פרימאָרגן אין פרילינג. ביאַליק וואַרעמט זיין מאַסיוון קערפּער אויפן דאַך פון זיין פּרעכטיק הויז. ער פּרעגלט זיך אין וואָווילטיק. ער איז האַלב־נאַקעט. אויפן לייב — בלויז דאָס נאַכטהעמד. דערזעט ביאַליק אחד־העמ'ן פון דער ווייטנס. אחד־העם שאַרט פּאַוואָלינקע די דינע פיס און צופּט האַסטיק די דיקע סיגאַרעטן. ווי יעדן טאָג, אויף זיין טראַגישער עלטער, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט. שפּרינגט ביאַליק אַראָפּ פון הויז־דאַך און וואַרפט זיך אַריין אין אַלעגבײַ־גאַס. לויפט ער אַ היפּשן מהלך אין איין העמד. באָרוועס. צעכראַשצעט. ער איז אין זיין גלעאָף איינפאַך ווילד, ביאַליק:





ער וואַרפט אום מענטשן. ער ברעכט אויס שויבן.

— מר ביאַליק!... אדון ביאַליק!... וואָס האָט עס געטראָפן?...

— גאָרנישט!... גאָרנישט!... דאָס לויפט ער רעב אשרן אַנט־קעגן!...

צי אַזאַ מעשה:

ביאַליק פאַרלאָזט ארץ־ישראל. ער באַזוכט אַמעריקע. האָט זיין אָפּפאָר אַ בייגעשמאַק. ער ווייסט עס, ביאַליק, אַליין:

איינגנטלעך האָט דאָך עס אים נישט אין קיין קליינער מאָס פריער די רוסישע רעוואָלוציע, נאָכדעם דער דייטשישער קריזיס געבראַכט אין זיין אידישן היימלאַנד. און ווי לאַנג איז עס אַזוי אַז ער האָט זיך דאָ באַזעצט? סך־הכל איין יאָר. טראָגט ער זיך שוין אָפּ אין עק וועלט, נאָך איידער ער האָט דערוויזן אָנצואוואַרימען עס, דאָס היימ־לאַנד.

אַביסל שטערט אים אויך די געשעפטלעכע זייט פון דער ווייטער רייזע. אַן עסק מיט "קרנות". פון איין זייט דער "קרן־היסוד". פון דער אַנדערער זייט דער "קרן־הדביר". און ער, ביאַליק, אין דערמיט. זענען אים די קרנות אויף די נערוון. ער שעמט זיך אונטער פאַר דער וועלט.

קאָן ער אָבער נישטביישטיין דעם נסיון. וויל ער זיך אָנשפּאַרן אויף זיין רבין:

— אחד־העם — פאַרענטפערט זיך ביאַליק — הייסט עס אים פאָרן קיין אַמעריקע!...

.8

די באַציאונגען צווישן ביאַליקן און אחד־העמ'ן זענען קעגנזייטיקע: פונקט ווי ביאַליק בוקט זיך פאַר אחד־העמ'ן, אַזוי בייגט זיך אחד־העם פאַר ביאַליקן.

אחד־העם איז זייער אַן אויסגערעכנטער מענטש אין זיין פּערזענלעכן פאַרקער. אפילו מיט זיינע נאָענטסטע איז ער בוכהאַלטעריש. ער צאָלט יעדן נאָר וויפיל אים קומט. וועמען מער, וועמען ווייניקער: לויט די פאַרדינסטן. און איז ווער עס איז אומפּינקטלעך אין אַ צו־זאָג אָדער נישט אויסגעהאַלטן אין אַן אָפּמאַך, מעקט ער אים אויס אינגאַנצן פונם אינטימען אַקאַונט. אַמאָל גרייפט ער אויך אָן דעם "פאַרזינדיקטן" אין זיין מאַטעריעלער עקזיסטענץ.

אַזוי איז עס געווען מיט יוסף־חיים ברענערן. אַזוי איז עס געווען מיט בן־ישראל פּופּסן.

ברענער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער גויאישער עסטעטיק. האָט בא אים אחד־העם דערפאַר אָפּגענומען די ציוניסטישע סובסידיע.

פּופּס האָט זיך אויסגעדריקט קעגן דער אידישער רעליגיע. האָט בא אים אחד־העם דערפאַר אָפּגענומען וויסאָצקים סטיפּענדיע.

בלויז מיט ביאַליקן פירט אחד־העם נישט קיין חשבון. ביאַליקן פאַרגיט ער אַלץ. צו ביאַליקן איז אחד־העם אַזוי פאַרשווענדעריש, אַז ער גיט אים אַזש אָפּ דאָס בעסטע, דאָס גרעסטע, וואָס ער פאַרמאָגט.

אין דער נייסטער געשיכטע פונם אידישן פאָלק איז נישטאָ פאַר אחד־העמ'ן קיין שענערע פיגור ווי דאָקטאָר פּינסקער. קומט פאַר אים אפילו פּינסקער נישט צו ביאַליקן:

—אַ שאָד — באַדויערט אחד־העם — וואָס פּינסקער האָט נישט זוכה געווען צו דערלעבן ביאַליקן . . .



אין דער גאַנצער געשיכטע פון אַלע פעלקער איז נישטאָ פאַר אחד־העמ'ן קיין העכערער טיפּ ווי דער אידישער נביא. שטעלט ער ביאַליקן אין איין ליניע מיט דעם נביא:

— זינט — זאָגט אחד־העם — עס האָט זיך אָפּגעטון די נבואה, איז צווישן אידן נישט געווען אַזאַ דיכטער ווי ביאַליק . . .

.9

פונדעסטוועגן, ווי ביאַליק איז צו אחד־העמ'ן נישט צוגעבונדן, דאָך לאָזט ער זיך פון אים נישט איינצאַמען.

וואָס אחד־העם זאָל נישט טון, האַלט ער אַן אויג אויף דער פאַרגאַנגענהייט. די טראַדיציע איז זיין מאָדעל. אייגנטלעך איז ער אַ רעסטאַווראַטאָר, אַ סטיליזאַטאָר.

דאָס איז ער אין זיין נאַציאָנאַלער קאָנצעפּציע (די פיזיאָנאָמיע פון דעם אידישן גייסט).

דאָס איז ער אין זיין פּריוואַטן לעבן (דער שטאַט פון דעם לומדישן גביר).

דאָס איז ער אפילו אין זיינע ליטעראַרישע אַמביציעס:

בעת ער שרייבט אָן אַן אַרטיקל — דערציילט אחד־העם וועגן זיך — דאַכט זיך אים אַמאָל, אַז דער רמב"ם קוקט אַריין אין מאַנוסקריפּט און רש"י קוקט עם איבער די קאָרעקטור . . .

פון דעם שטאַמט עס, וואָס אחד־העם איז אַזוי צוריקגעהאַלטן אין זיין באַוועגונג און אַזוי אָנגעצויגן אין זיין באַנעמונג: ער האָט מורא פאַר אַ דיסאָנאַנס אינם טאָן.

האַרמאָנירט נישט ביאַליקס אימפּולסיווע נאַטור מיט אחד־העמס רעס־
טאַוראַטאָרישן סטיל.

ביאַליקן ציט גאָר כּסדר אין גאַס. אין גאַס געפינט ער זיך תּמיד
אין אַ רעדל. ער איז צו יעדן באַזונדער אויפגעלייגט. ער איז מיט
אַלעמען אינאיינעם אויסגעמישט. ער איז גראָדליניק. ער איז קוועק־
זילבערדיק. פאַרגלוסט זיך אים אין גאַנג אַ בים, דערקוויקט ער זיך
אויפן מאַרק מיט אַ בייגל. גייט פאַרביי אַ איד, שטעלט ער אים אָפּ מיט
אַ ווערטל:

— איי, רעב יהודי בערעב פּלעצל!...

און אַ קלאַפּ אין פּלייצע. און אַ שנעל אין נאָז. שלעפּט ער אַריין.
רייסט ער מיט. ווען ער נעמט מיט קלוגשאַפט. ווען ער נעמט
מיט שקאָצעריי:

דאָס צעגייט ער זיך אין "דברי־תּורה", אַז תּלמידי־חכמים שטראַלן
פון נחת.

דאָס פאַרכלינעט ער זיך מיט"נבול־פּה", אַז בעלי־עגלות פּלאַצן פון
געלעכטער.

אויך מיט נישט־אידן איז ביאַליק גוטברודער. דערהויפּט, אויב
דער נישט־איד איז אַ פּאָלקסמענטש:

אָדעס. ווינטער. אַ געסעלע. אַ מאָלדאַווער גוי האַקט אַ דיקן קלאָץ.
ציט ביאַליק פון זיך אַראָפּ דעם פּעלץ און רייסט אַרויס בײַ דעם גוי
די האַק. דערלאַנגט ער אַזאַ קנאַק איבער דעם קלאָץ, אַז בײַם גוי
פאַרכאַפּט דעם אָטעם:

— טאַטעלעך הייליקע!... — צלמט זיך דער גוי, — אַזאַ האָלץ־
העקער דאַרף מען זוכן אין עק וועלט...



ווערט ביאַליק אַזאַ מחותּן מיט דעם מאָלדאַוואַנער, אַז ער מאַכט
מיט אים אַ כּוסה אויפן פראָסט.

— פאַר דיין געזונט, האָלץ־העקער!... — וויטעוועט זיך דער גוי
מיט ביאַליקן.

זיי פאַרבייסן זאַלבענאַנד פון איין ציבעלע. פּאַסמאַקעווען זיי זיך
ביידע אויף איין מאַניר.

און אָט וויקלט זיך איין ביאַליק אין אַ טלית און זאָגט אין אַ קלויז
מגידות.

און אָט פאַרקאַטשעט ביאַליק די אַרבל און שרייבט אָן אַ ליד אין
אידיש.

ביאַליקס טעמפּעראַמענט!

.10

ביאַליק איז אַזוי ווייט פון פּאָזע, אַז עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ מאָמענט,
וואָס ער זאָל מאַכן עפּעס אָן אָנשטעל. צוליב וואָס פאַר אַ צוועק עס
זאָל נישט זיין.

ער איז זייער אַ קאַרגער, ביאַליק. ווי גרויסמוטיק ער איז אין גייסט,
אַזוי איינגהאַרציק איז ער אויף אַ מטבע. צווישן די העברייאישע
שרייבער גייט אום אַ ווערטל:

— הלואי וואָלט ביאַליק געווען אַזוי ליכט צו באַצאָלן האָנאָראַר,
ווי ליכט ער איז צו אָנערקענען אַ טאַלאַנט...

איז אויך אחד־העם נישט אַזאַ ברייטע האַנט. פאַר זיין שפּאָרזאַמקייט
האָט ער געשאַפן אַן אַפּאָריזם:

— אַז עס האַנדלט זיך וועגן געלט — זאָגט אחד־העם — דאַרף איין מענטש נישט זיין קיין ערב פאַר דעם צווייטן מענטשן . . .

נאָר בא אחד־העמ׳ן איז עס אַ סאָציאָלאָגישער פּרינציפּ :

— דעם צווייטנס גאַראַנטיע — דערווייזט ער — פּאַראַליזירט די איינענע איניציאַטיווע . . .

אַז ביאַליק צאָלט אָפּ אויף אַ ״שטר״ פאַלט ער אַריין אין אַ קאָשמאַר :

אָט צו וואָס ער איז דערגאַנגען ! . . . — ווייזט ער אָן אויף אַ לעכל אין די זוילן.

— אל תשליכני לעת זקנה ! . . . — ווענדט ער זיך מיט אַ געבעט צו דעם אַלמעכטיקן.

גייט עס נישט אין דעם וואָס אים זאָל אויספעלן אויף דער הוצאה, נאָר אין דעם וואָס ער קאָן זיך נישט צעשיידן מיט דעם קאַפּיטאַל.

ווייסט ביאַליק אַליין פון זיין קריינק. נאָך מערער : ער ווייסט אפילו די סיבות וואָס האָבן אים געבראַכט צו דער דאָזיקער מחלה.

דורך צוויי אורזאַכן, דערקלערט ער, איז ער עס געקומען צו זיין קאַרג־שאַפט :

1) דורך די פאַרפאָלגונגען פון זיין בייזן פעטער.

2) דורך די אומשטענדן פון דער אידישער ליטעראַטור.

. . . ער איז נאָך אַ קליין אינגל. אַלס אַ יתום האַלט ער זיך אויף בא אַ זיידן. גיט אויף אים אַכטונג אַ פעטער. דער פעטער טראָגט אַ משונהדיקע באָרד. ווי אַ שופר זעט אויס דעם פעטערס באָרד. פאַר־ביטערט אים דער דאָזיקער פעטער דאָס לעבן מיט אַ צונעמעניש. ער רופט אים :





— מלמדל ! . . .

טוט ער, ביאַליק, דעמאָלט אַ נדר :

ניין ! . . . אויף צו־להכעיס דעם פעטער מיט דער באָרד, וועט ער קיין מלמד נישט ווערן ! . . .

. . . ער איז שוין דער נאַציאָנאַלער פּאָעט. באַטייליקט ער זיך אין אַ פילאַנטראָפּישן קאָמיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט זאַמלען אַ שטיקל מאַטעריעלן פאָנד פאַר דעם קראַנקן פרוגן. האָט אַ דאַמע מיט אַ לאָר־נעט צו פרוגן אַ טענה, אַז ער איז ווייניק עסטעט :

— אין פרוגס פּאָעזיע — באַקלאָגט זיך די דאַמע — פעלט פּושקינס ־יטם . . .

דערביי דערקלערט זי, די דאָזיקע דאַמע, אַז מיט דעם וואָס זי שטיצט פרוגן ברייינגט זי עס איר קינסטלערישן קרעדאָ פאַר אַ קרבן צו איר הומאַניטאַרישן געפיל . . .

מאַכט עס אויף אים, אויף ביאַליקן, אַזאַ רושם, אַז ער גיט זיך אַ שבועה :

— ניין ! . . . אויף צעפּוקעניש דער דאַמע מיט דעם לאָרנעט, וועט מען פאַר א י ם קיין נדבות נ י ש ט קלייבן ! . . .

באַהאַלט נישט ביאַליק זיין קאַרגשאַפט אויף אַ מטבע פאַר דער וועלט. ער באַזינגט עס נאָך ווי אַ טוגנט, ווי אַ העלדישקייט :

— איידער אויסצוקראַצן צו זיך רחמנות —גראַמט ביאַליק — איז שוין גלייכער איינצוהאַמערן אין זיך קמצנות . . .

.11

שאָקירט ער אַזש, ביאַליק, מאָראַליש. דערהויפּט, ווען אַלס פאַרלענער שטעלט ער זיך אַוועק דינגען פאַר אַ פּרוטה אַפילו מיט טשערניכאָווסקין, וואָס פאַקטיש געהערט ער מיט אים צום דור און פאָרמעל גייט ער מיט אים אין פּאָר.

— די בטלנים מיינען — קלאָגט זיך ביאַליק אויף פּאָעטן — אַז אַ צורת־מטבע ווייזט זיך דורך רוח־הקודש...

דערביי שאָקירט ביאַליק אויך רעטאָריש.

לויט דער העברייאישער טערמינאָלאָגיע באַשטייט ביאַליק פון צוויי קאַטעגאָריעס:

1) ביאַליק שבכתב.

2) ביאַליק שבעל־פּה.

די דאָזיקע צעטיילונג שטאַמט פון דעם, וואָס אין ביאַליקן פאַרנעמט דער טריבון, דער אָראַטאָר, נישט קיין קלענערן פּלאַץ, איידער דער פּאָעט, דער שרייבער.

איז עס נישט גאָר קיין פּינקטלעכע קלאַסיפיצירונג. ווייל צו די צוויי ביאַליקס — צו ביאַליקן שבכתב און צו ביאַליקן שבעל־פּה—דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן אַ דריטער ביאַליק: ביאַליק ש ב נ ב ו ל ־ פּ ה.

ביאַליק איז שטענדיק פאַרקאָכט אין רייד. איז פּשוט צו באַוואונדערן, ווי אַזוי אים קלעקט צייט פאַר די איבעריקע חושים.

רעדט ער זיך אויס אין אַ צווייענדיקער פאָרם:

ער האַלט עפנטלעכע פאָרטראָגן.



ער פירט אינטימע געשפּרעכן.

פּאַסט ער צו דעם סטיל פונעם רעדן צו דער פאָרם פונעם שמועס:

בּאַ אָן עפנטלעכן פאָרטראָג זוכט ער אויס דעם טיפסטן ניואַנס. אין אינטימען געשפּרעך אָבער נעמט ער אָן ווייט נישט קיין געהויבענעם טאָן.

עס ציט אים עפּעס, ביאַליקן, צו גראָבע רייד. ער שפּאַצירט אום איבער דעם אַנאַטאָמישן אַטלאַס, ווי אין דעם טאַטנס ווייַנגאָרטן. עס עק־זיסטירט נישט פאַר אים קיין צענזורירטע נאָמענקלאַטור, אַפילו אויף דעם געשלעכטלעכן געביט.

פאַררופט ער זיך, ביאַליק, אין זיינע פעטע דיבורים אויף די פאַרצייַ־טיקע חכמים:

— אַז דער תּלמוד — זאָגט ער — גיט אַמאָל אָפּ אַ אידענע אין מקוה, קאָן אַזש אַ בלינדער דערזען, אַז עס איז נישט אַ ציג אין גאָרטן...

אויף אַ צוגאָב צו דעם תּלמודישן נאַטוראַליזם ברענגט ער נאָך אַ פיזיאָ־לאָגישן ביישפּיל:

— בלויז אַ פליג — דערקלערט ביאַליק — ליידיקט זיך אויס מיט אַ פינטעלע, וואָס לאָזט נאָך זיך נישט איבער קיין ריח...

.12

נאָר ווי ער שאָקירט נישט, ביאַליק, מיט זיין גאַנג — קאָמפּראָמעטירט עס נישט זיין רעפּוטאַציע.

ביאַליק איז בכלל נישט קיין אידילישער איד. ער זוכט נישט אויס־צומיידן קיין קריג. און לאָזט ער זיך אַריין אין אַ קריג, קלייבט ער

נישט איבער קיין געווער. און פונקט ווי ער קלייבט נישט איבער קיין געווער, אזוי שטעלט ער זיך נישט אָפּ פאַר א פּרעסטיזש. ער איז א געבוירענער דועלאַנט. דער צווייטער צד אָבער — ווער עס זאָל נישט זיין — זאָל וואַגן כאָטש אויף א קרום וואָרט קעגן ביאַליקן — דאָס נישט.

אוסישקין נעמט איבער דעם אָדעסער קאָמיטעט. לויפט דורך צווישן אים און מענדעלן א שוואַרצע קאַץ. עס איז צווישן זיי א קעגנזייטיקע אַנטיפּאַטיע:

מענדעלע פאַרטראָגט נישט אוסישקינס אויסגעווירעטע גראָדליניקייט.

אוסישקין באַנעמט נישט מענדעלעס פאַרשפּיצטע שאַרפזיניקייט.

פאַרוואַנדלט זיך ביסלעכווייז צווישן זיי די אַנטיפּאַטיע אין א האַס.

מענדעלע לאַכט אוים אוסישקינס ארץ־ישראל:

— אין דאַוונען שטייט — זאָגט מענדעלע — "בשובך לציון ברחמים ותשכון בתוכה"... דאַרף מען עס לייענען — דרשנט ער — נישט "ותשכון", נאָר אוסישקין... — איז וויבאַלד — לעצעוועט מענדעלע — אוסישקין איז אין ציון — איז ציון קיין ציון נישט...

לייקנט אָפּ אוסישקין מענדעלעס לשון־קודש:

— מענדעלעס חכמה — פּראָקלאַמירט אוסישקין א טעזיס און אַן אַפאָריזם, ווי זיין שטייגער איז — איז ברחנות, און מענדעלעס העב־רייאיש איז — זשאַרגאָן...

אוסישקין האָט אויך א טענה צו מענדעלן פאַר א פּגימה אין זיין משפחה:

מענדעלעס זון, וואָס איז א רוסישער פּאָעט, איז אין דער יוגנט, צוליב א קריסטלעכער פרוי, אַוועק פון דער אידישער אמונה. קערט ער



זיך אום צו דעם אידישן פאָלק. נאָר ער לאָזט איבער א גויאישן דור. ווערט זיך דאָך אוסישקין איינשטעלן פאַר ריינער אידישקייט, אפילו אין יענעמס בעט. קאָן ער נישט פאַרגעבן מענדעלען דאָס גויאישע אייניקל.

צעקאָכט זיך אין אוסישקינען דער פּאַטריאָט. דערקלערט ער מענדעלען א באָיקאָט. ער דערלאָזט אים נישט פאַר אַן ערן־מיטגליד אינם העב־רייער־קלוב.

דערוואַכט אין ביאַליקן דער קריגער. נעמט ער דעם זיידן אונטער זיין שוץ. באַשיצט ער אזוי מענדעלעס כבוד, אז ער פאַרשוואַרצט אוסיש־קינס פּנים.

ביאַליק איז געוואָרן אוסישקינס קרעאַטור אויף דער פאַרקערטער זייט: וואוהין אוסישקין זאָל נישט גיין — שפּאַנט ער אים נאָך מיט א באַ־לײדיקונג; וואָס אוסישקין זאָל נישט טון — קרימט ער אים איבער, ווי א פּאַרזעעניש.

אוסישקין האַלט א רעפעראַט. מאַכט אים ביאַליק א סקאַנדאַל. ער שלאָגט אים איבער מיט א רעפּליק:

— דרך־ארץ פאַר כבוד־התורה!...

אוסישקין קומט אַרוים מיט א פּאָרשלאָג. טראָגט אים אונטער ביאַליק א קללה. אין קאָמיטעט רופט ער אים אָן:

— שאַרלאַטאַן!...

פונדעסטוועגן רעאַגירט אוסישקין אויף ביאַליקס באַנעמונג בלויז מיט אַן עלעגישן פּאַראיבל:

— גוואַלד, — באַקלאָגט ער זיך — וואָס טוט מען מיט אים, מיט ביאַליקן?...

בעת אפילו הערצלען האט ער נישט געשוינט: הערצלס א באַ־
מערקונג בלויז האט עם אוסישקין געענטפערט מיט א דראמאטישן
קאנפליקט. —

מוז ער, אוסישקין, זיין מילד צו ביאַליקן:

— אַנרירן ביאַליקן הייסט פאַרטשעפּן א וועלט...

.13

שטאַמט ביאַליקס פּערזענלעכער מאַגנעטיזם דערהויפּט פון דעם, וואָס
ער איז א היסטאָרישער פענאָמען.

וועגן ביאַליקן זאָגט מען:

— ער איז פאַרפלאַנצט אין דער טראַדיציע...

האָט די דאָזיקע דעפיניציע דעמזעלביקן זינען ווי צו זאָגן אז דאָס
וואסער איז פאַרגאָסן מיט וואסער, אָדער אז די זון איז באַלויכטן פון
זון.

נישט ביאַליק שטעקט אין דער טראַדיציע, נאָר ער איז די טראַדיציע
אַליין. —

ביאַליקס העברייאיש.

די מאָדערנע העברייאישע ליטעראַטור איז אייגנטלעך נישט אידענטיש
מיט דער אַמאָליקער העברייאישער שפּראַך. אפילו אַזוינע העברייאישע
מייסטער ווי מענדעלע מוכר־ספרים און אחד־העם וואָלטן זיך, אָן דעם
מינדסטן שאָדן פאַר זייערע ווערק, געקאָנט גאַנץ גוט באַגיין מיט אַנ־
דערע לשונות:



פאַר מענדעלעם עפּאָפּייען איז גאָר דאָס נאַטירלעכסטע — אידיש.

אחד־העמס עסעיען פּאַסן זיך אויך אַריין אין דעם טאָן פון ענגליש.

דער איינציקער אויסנאַם איז — ביאַליק. זיין העברייאיש איז אָרגאַניש.
"שמים בקשו עלי רחמים" פון ביאַליקן לאָזט זיך נישט פאָרשטעלן
אָן העברייאיש, פּונקט ווי "למנצח על יונת אלם" פון תהילים.

דאָס איז דערפאַר, ווייל ביאַליק טראָגט דאָס העברייאיש אין זיך. ער
איז א העברייאישער שרייבער, ווייל ער איז א העברייאישער מענטש.
ביאַליק איז בתוך אפילו צום מיטלאַלטער נישט דערגאַנגען. זיין קענג־
וואָרט איז — דער תלמודישער פּעריאָד. און אויב עס לאָזט זיך שוין
יאָ ריידן וועגן א פאַרגאַנגנהייט פאַר ביאַליקן איז עס — די ביבלישע
עפּאָכע.

עס האַנדלט זיך וועגן זיין גאַנצן וועלט־באַנעם, נישט בלויז וועגן זיין
שפּראַך־אינסטרומענט.

דעריבער איז עס צו ביאַליקן אַזאַ פּאַטעטישע באַציאונג. אויך אחד־
העמן האָט ער איבערגעשטיגן אין פּאָפּולאַריטעט. עפּעס א קליי־
ניקייט א לעבעדיקער איד פון אַזאַ ווייטער צייט:

בר־קפרא איז געקומען קיין אָדעס און זינגט לידער, דערציילט מעשות.

בן־גמלא האָט זיך באַוויזן אין בערלין און האַלט דרשות, זאָגט דעות.

פאַרכאַפּט עס. אַנטציקט עס. קריוודעס קענען ביאַליקן ווערן פאַרבויגן.
קלייניקייטן פון ביאַליקן ווערן דערהויבן. ווער וועט עס פירן א
רעכענונג מיט אַזאַ עקזעמפּליאַר? —

אַזאַ זעלטענע דערשיינונג קאָן נישט אַרויסרופן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר
די העכסטע באַוואונדערונג.

## מיטזומער־נאַכט

. . . רעדנער זענען פלוידערזעק. אַז נאָס זאָל שיינקען אַזעלכע מענטשן אַזאַ פּייאַקייט! . . .

. . . ווי ווייניק קאָלומבוס האָט געוואוסט און וויפל ער האָט אויפגעטון! און איך, מיט מיין גאַנצן וויסן, בין הילפלאָז ווי דער פּאַראַליזירטער בעראַרדי.

(פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס טאָג־בוך)

איך האָב דערפילט, אַז לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, דער האַר איבער זיין מעדיום, דער מייסטער פון צייכענונג, פון מאָלעריי, פון אויסרעכענונג, האָט געפונען אַ צענטראַלן פונקט פון וועלכן אַלע באַגריפן פון וויסן און יעדע אויפפּאַסונג אין קונסט זענען גלייכמעסיק מעגלעך.

. . . אָבער איך האָב קיין חשק נישט נעהאָם איבערצוקייען וועגן לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשין, אַז ער איז געווען דאָס און יענעם: אי מאָלער, אי געאָמעטריקער און . . . און — מיט איין וואָרט, דער קינסטלער פון דער גאַנצער וועלט. קיינער לייקנט עס נישט! . . .

(פּאָל וואַלערי: אַריינפיר אין מעטאָד פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי)

מיטזומערדיקע, מילדע, מילאַנער שפּעטע נאַכט, ◈ באַם סוף פון פופצנטן יאָרהונדערט. ◈ וועלט באַם ראַנד פון גרויסער ענדערונג, פון גרויסע וואונדער! ◈ דאָס לאַנד גייט איבער פון האַנט צו האַנט. מלוכות שטייען אויף. מלוכות פאַלן. ◈ אויף איין וואָגשאָל שטויסן זיך נאָך אַלץ גערעכט און אומגערעכט. ◈ דער עושר (כדי צו באַרואיקן זיין געוויסן) פלירטעוועט מיטן יושר. ◈ און עס וואַלגערן זיך דאָ ווי אומעטום, פון אייביק אַן דורך אַלע נעכט, ◈ אומגליק־



לעך־אַנטוישטע, און ס׳נעמט זיך נישט קיין שלאָף צו זייערע אויגן, ◈ חלומען זיי פון גליק ווי פון זומערפייגל וואָס זענען אַוועקגעפלויגן.

טאַטע־מאַמע ליגן וואַך און חלומען פון זייערע זין וואָס קערן זיך צוריק פון שלאַכט. ◈ די קלויסטערס זענען פול מיט בתולות וואָס זענען געקומען גאָט זיך אָפּגעבן. ◈ דער הימל איז לויטער, טיף און דורכזיכטיק. ◈ ווי אַלטער ווייַן איז די מילאַנער לופט געשמאַק און קעלער־קיל. ◈ שטיל פאַלט אויף דער ערד דאָס זילבערנע געוועב פון שטראַלן, ◈ און די הייזער דרימלען דאָ ווי אַלעמאָל באַנאַכט — פאַרכטיק און שטיל . . .

אין אַזאַ נאַכט שאַרט זיך לעאָנאַרדאָ אַ צערודערטער אַליין אַרוים ◈ פון הערצאָג לודאָוויקאָ ספאָרצאַס קעניגלעכן הויף. ◈ זיין פּנים — אין טרויער, נאָר די אויגן, ווי תמיד, קינדיש און גרוים, ◈ און פול מיט פאַרגאַפטקייט און פול מיט פאַרוואונדער, ◈ ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען די שטערן, ◈ די לבנה וואָס שפּאַצירט באַזונדער ◈ און זעט אוים איינזאַם אויפן הימל, ווי ער אַצינד אויף דרערד.

דורך זיינע לאַנגע זייד־געקרויזטע (כמעט מיידלשע) האָר ◈ גליטשט זיך לייכט אַ שטיפערישער ווינט אַ מילדער. ◈ ס׳איז שפּעט. די נאַכט איז טונקל און געהיים. ◈ לעאָנאַרדאָ איז מיד. ער שפּאַנט אַהיים — ◈ און זיין וועג פירט דורך גאַסן, גערטנער — ביז ווייט הינטער דער שטאָט; ◈ דאָרט וואַרט אויף אים זיין אַטעליע, ◈ דאָרט וואַרטן אויף אים, ווי געליבטע, זיינע מאָלערייען, זיינע בילדער.

לעאָנאַרדאָ שפּאַנט באַטריבט, פאַרטראַכט. ◈ ווי אַ טויב איז מילד די נאַכט — ◈ נאָר אין זיין קאָפּ — גערויש ווי אַרום

אַ מילראָד. ◈ ער שפּאַנט און רעדט צו זיך, און טענהט אויף
אַ קול צו זיך אַליין :

היינט ווידער זיך צום נאַר געמאַכט אויפן באַנ-
קעט ◈ וואָס לודאָוויקאַ האָט מיט אַזאַ פרייער
האַנט פאַרברייט, ◈ און כדי מיט מיר זיך צו באַרימען, האָט
ער מיך אַהין געבראַכט, ◈ מיט שטאָלץ מיך פאַרגעשטעלט
פאַר די אָנגעזעענסטע לייט פון קעניגלעכן יחוס — ◈ וואָס
זענען געקומען פרעסן, שיכורן און הורן, ווי די הינט ; ◈ און
האָבן מיר לודאָוויקאָס ביסל ליבשאַפט נישט פאַרגינט !

און וואָס פאַר אַ ווילדע הנאה זיי האָבן עס געהאַט פון דעם הויפ-
נאַר בערנאַרדאַ, ◈ וואָס איז אַ גאַנצער חונף, האַלב-לץ און
האַלב-פּאָעט, ◈ ווען ער האָט זיי צוגעטראָפן זינגענדיק דעם
ביליקן קופּלעט :

„דאָס לעבן איז קורץ, די יאָרן יאָגן גיכער. ◈ ס'איז קיינער
היינט אָט דאָ נישט זיכער — ◈ ווי אַ וואָלקן קומען קאָן
געפאַר !

די שונאים זענען וואַך און לויערן. ◈ זאָל טרויערן דער
נאַר ! ◈ דער חכם ווייסט : בלויז איינמאָל לעבט מען אויף
דער וועלט. ◈ — זאָל לעבן לודאָוויקאָ, אונדזער חכם, אונ-
דזער העלד !"

— אַבער — צו אַלדי רוחות ! ◈ פאַרוואָס ווען לודאָוויקאַ
האָט מיך פאַרגעשטעלט, ◈ דערמאָנט מיינע בילדער, מיינע
פרעסקאָס, און מיט שטאָלץ געלויבט מיין פלימאַשין ◈ וואָס
וועט פאַרטיליקן אַלע זיינע שונאים און איינגעמען די וועלט
— ◈ איז מיר דורך אַ גרויל ?... ◈ דאָס האַרץ האָט
זיך ווי אָפּגעשטעלט. ◈ די צונג איז מיר געבליבן פאַרגלי-
ווערט אין מויל. ◈ און נישט כ'האָב זיך פאַרנייגט, און נישט



כ'האָב אים באַדאַנקט... ◈ — און מאָדנע, וואָס מיר איז
גאָרנישט איינגעפאַלן ביז דאַן אַ טראַכט צו טון : ◈ אַז מיין
פלימאַשין קאָן גאָר צוניץ קומען אויפן שלאַכטפעלד !...

איז דאָס דער ציל וואָס איך האָב זיך געשטעלט ?...

נאָר שפּעטער, ווען די שיינע פרינצעסין לוקרעציאַ איז צו מיר
ווידער צוגעשטאַנען : ◈ — „דערציילט אונדז פון אייערע
דערפינדונגען ! מיר ווילן הערן ◈ ווי אַזוי אייערע שטאַ-
לענע פייגל וועלן זיך טראָגן אין די ספערן !" — ◈ האָב איך
צוגעשטימט. האַסטיק האָט דאָס האַרץ גענומען קלאַ-
פּען. ◈ כ'האָב עפּעס אין דער שטיל געמורמלט, גע-
שטאַמלט. ◈ און וואָס איך האָב געזאָגט, איז געווען באַנאַל
און פלאַך ◈ און שווער ווי אויפצוהייבן אַ ריזיקן שטיין
איז מיר אָנגעקומען דער אָרימסטער געדאַנק.

האָב איך אָפּגעהאַקט, אַנטשולדיקט זיך און העפלעך אַלעמען
באַדאַנקט...

אַ רגע איז געווען שטיל. ◈ כאָטש ווי מיט האַמערס האָט
די שטילקייט מיר געקלאַפּט אין קאָפּ אַריין. ◈ און באַלד
האָט זיך דער עולם ווידער צוגעכאַפּט צום פרעסן, צום בראָנפן
און צום וויין.

און איצטער, קאָן זיין, חוזקן זיי דאָרט פון מיר... ◈ און
רייצן זיך מיט לודאָוויקאָן... ◈ און טרייבן מיט אים (אויף
מיין חשבון) שפּאַס און שפּאָט, ◈ און וואַרפן שטעכווערט-
לעך און נישטפאַרגינעריי, ווי ציגל : ◈ כאַכאַ ! און דאָס
איז דער וואָס וויל פאַרמעסטן זיך מיט גאָט ! ◈ — כיכי !
און דאָס איז דער וואָס וויל דעם מענטשן אויפהייבן פון
דרערד ! ◈ — וואָס וויל דעם מענטשן גיבן פליגל !...

אמת, איך ווייס גוט דעם סוד פון מיין דורכפאל היינט! ◈ און מיך קאן מען נישט פארבלענדן מיט א מלחמה וואס דארף זיין הייליק ◈ און אין אן אויסגעטראכט-גערעכטן זיג וויל איך נישט האבן קיין חלק! ◈ און ווי דעם טויט האב איך פאלשע, אומפארענטפערטלעכע רעדעס פיינט! ◈ און נאכמער האב איך פיינט די חברה וואס איז מיטן מויל געאיבט, ◈ און בראקט ווערטער נאכאנאנד און שיבט — ◈ און באזיצט די פארשאלטענע פייאיקייט צו קאנען גארנישט זאגן מיט א ים פון רייד. ◈ גלייך ווי ווערטער וואלטן נישט קיין לעבעדיקע וועזנס זיין, ◈ און נישט געליטן קיין בושה און נישט געוואוסט פון פיין, ◈ און נישט געוואוסט פון פרייד!...

— — מיר קומט אן שווער, זייער שווער, צו באנעמען קלאר און צו דערקלערן ◈ א נייעם איינפאל, א נייעם געדאנק! ◈ איך באדארף אים לאזן רייפן איר מיר, צייטיקן און יערן — ◈ ביז ער נעמט אן פארם, אויסדרוק, ביז ער נערט זיך מיט מיין בלוט ◈ און ווערט ווי טרויבן פול מיט רייפער שיכרות פון געזאנג!

איך ווער נישט מיד צו פארן פארבן. איך ווער נישט מיד צו כאוועז ווערטער. ◈ ביז איך קריג די פאסיקסטע ליניע, דאס שפארעוודיקסטע ווארט, ◈ וואס קליידן אמבעסטן דעם טיפן ריטם און גראציעזן גאנג ◈ פון מיין ערלעכן געדאנק — ◈ וואס איך פארצייכן און וואס איך מאל.

ס'איז וואר, איך ווייס מיין ווערט! ◈ איך ווייס, די ווייזהייט פון מיין טאגבוך בלויז וואלט קלעקן ◈ נישט נאר צו מאכן פון די הויפלייט דיינקער — נאר אויך פון זייערע פערד! ◈ און זיכער איז — איך לייד נישט פון קיין מינדערוויכטיקייט. ◈ איך ווייס וואוהין איך רודער, און נאכמער ווייס איך וואס איך וויל. ◈ און קלאר און מאטעמאטיש אויסגערעכנט, ווי א טעארעם, ◈ שיינט פאר מיין איינזאם לעבן דער שטומער קאדעקס פון אומשטערבלעכקייט! ◈ און ווי





א ווירע גלייך ציט דער וועג צו מיין אויסגעחלומט העלזעריש גליק. ◈ נאר איך האב פיינט די פרעכע נאקעטקייט וואס קומט פון ארעם זיין, ◈ די חוצפה וואס בלאזט זיך אין דער פינצטער און איז ברוגז אויף דער שיין, ◈ א געדאנק אן פארם — וואס איז ווי א פנים אן א נאז. ◈ און ווי די מינדסטע דערגרייכונג בארוישט עם זיי ווי ווין — ◈ בעת איך מאטער זיך אויסצורעכענען פינקטלעך דעם וועג פון שטערן, דעם גאנג פון ווינט! ◈ און ווער ווייסט וואס לודאוויקא (מיין מעצענאט) טראכט פון מיר אצינד? ◈ ווער ווייסט? ער קאן אמאל נאך צומאכן די האנט... ◈ וואו וועל איך נעמען בארשט און פארב, לייוונט און וואנט? ◈ איך וואלט געבליבן ווידער ווי א פיש ◈ אויף דער טריקעניש...

ס'איז וואר, דער קריטיקער וואסארי האט שוין לאנג געלויבט אין א קריטיק ◈ די געדולדיקע פינקטלעכקייט אין מיין "ערשטער זינד" ◈ וואס כ'האב געמאלט פאר דעם קעניג פון פארטוגאל. ◈ אבער איז דאס דען אלץ? — וואס ווייסט ער פון מיינע פלענער — לאסט פון בערג! ◈ פון די געחלומטע הויכן, פון די טיפע שטראמען, ◈ פון מיין גריבלעניש און מי, פון מיין נישט געשטילטער אמביציע, פון די פארטראכטע ווערק ◈ וואס שלומערן אין מיר ווי פולע, שעפערישע זאמען!...

און איך וועל דורכפירן מיין נדר! איך וועל אלע שטרויכלונגען באזיגן! ◈ און זאל מיר מיין פארדינטער רום נישט ווערן קיין הויקער פון דערפאלגן! ◈ און זאל מיין לעבן זיין א נאכאנאנדיק שטייגן ווי אויף שטיגן. ◈ אין געראנגל מיט זיך, מיט וועלט; — דורך פרייד און דורך טרערן ◈ זאל איך צום איינמאל דערווארבענעם שטאנד ◈ נישט גלוסטן אויסצושטרעקן מער די האנט, ◈ און כ'זאל נישט דארפן מערער זיך צוריק צו דעם אומקערן!

און היימיש ווי איינער איז מיט זיינע אייגענע צען פינגער אויף די הענט, ◈ און פשוט ווי איינער טרינקט וואַסער, ווי איינער עסט ברויט, ◈ זאָל איך מיט ליבשאַפט פון דערפאַרונג באַהויכן די מיסטיק פון אַנאַטאָמיע, ◈ זאָל איך מיט מאַטעמאַטיק פון מוזיק דערגרונטעוועז דעם סוד פון פיזיאָנאָמיע, ◈ זאָל איך מאָלן קאָליר פון לייב, שפיל פון ליכט און שאָטן, געוועב פון הויט, ◈ פריידיקן צאַפּל פון לעבן, ביז לעצטן אָטעמצוג — ביזן טויט! ◈ ווייל גערעכט געווען איז מיין אַלטער, גוטער מאַעסטראָ וועראָטשיאָ ווען ער פלעגט זאָגן: ◈ דער וואונדער איז נישט וואָרהאַפטיק — די וואָר איז וואונדער!

קאַפּריז און מזל — ווערטער צוויי וואָס זענען מיר דערווידער! ◈ און דאָך, און דאָך באַפאַלט אַמאָל אַ צווייפל: ◈ ווייל וויאַזוי האָט, ערשט נישט לאַנג, אין מיינע יאָרן, ◈ קריסטאָפאָר קאָלומבאָ (אַ בלינדער נביא) שוין איינגענומען די וועלט ◈ און אויף אייביק פאַר זיין נאָמען רום און כבוד באַשטעלט? ... ◈ נאָר ווי גראַבאינגיש! שוין בעסער וואָלט דער בלינדער נביא אויך שטום געוואָרן, ◈ איידער ער האָט די אַנטדעקונג גענומען פּאַרטייטשן און דערקלערן! ...

— און אָט בין איך. (נאָך וואָס די שפיל אין באַשיידנקייט?) ◈ איך ווייס, אַז איך ווייס אַסך, זייער אַסך — און דאָך? ◈ און דאָך — מ׳טאָר זיך נישט באַקלאָגן! ◈ אַלעוואַי וואָלט נאָר פאַרבליבן צייט גענוג צו גיין אין שפּאַן פון לעבנסיאָך. ◈ דער זייגער טיקט די צייט, די צייט טיקט אייביקייט, ◈ און מאָרגן קומט פאַר מיר פאַזירן די פרוי פון אַלע פרויען — מאָנאַ ליזאַ! ...

— עס ריזלט פרייד אין מיר ווי פרילינגדיקע שטראָמען. ◈ — אַ, דומע, שטומע אייביקייט, איך גיי אַנטקעגן דיר! ◈ דאָס



האַרץ מיט מוט נעמט שלאָגן. מיר וועט געלינגען! ◈ איך וועל אויף דיר מיט גוואַלט אַרויפצווינגען ◈ מיין נאָמען! ...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטיל און מילד, ווי אַ טשאַטע יונגע טויבן, ◈ פליט אָן דער פאַרטאָג אויף דינע, זיידענע פליגל. ◈ לעאָנאַרדאָ שלאָפט. פאַרחלשטע שמעטערלינגען־זון פאַלן אויף די שויבן: ◈ (טאָג, טאָג, וואָס ברייגסטו צו טראָגן אין דיין גאָלדענעם וויגל?) ◈ אין אַ ווינקל וואַשט זיך דאָס פּנים אַ וואַכע קאַץ, לעאָנאַרדאָס איינציקער הויזפריינט.

לעאָנאַרדאָ כאַפּט זיך אויף. מיטן חלום פאַרשווינדט דער שלאָף. ◈ העלע פרימאָרגנשיין קלאַפּט ווידער אָן ווי פליגלפאָך פון טויבן. ◈ לעאָנאַרדאָ קוקט דעם טאָג אַריין אין די אויגן ווי אין אַ שפּיגל: ◈ (טאָג, טאָג, וואָס ברייגסטו צו טראָגן אין דיין גאָלדענעם וויגל?) ◈ דער טאָג הייבט אויף די ווייעס. ווי מיט אַ גוטער בשורה פאַלט אויף די אייביקייט אַ ריגל. ◈ און לעאָנאַרדאָס פּנים צעשטראַלט זיך מיט זעליקער זיכערקייט און אויפגעלויכטן גלויבן ...

## פרימאָרגן

**א.**

די זון האָט אויפגעטויכט איבער שפּיצן פון דער שטאָט,
אַ ליכטיקער געדאַנק צעפּראַלט די האָריזאָנטן, ◈ ווי
די מאָרגן־זון מיר אויך געשיינקט איר גנאָד: ◈ עס האָט
מיר געשיקט — אַ וואַרעמען, אַ נאָענטן. ◈ אַ שמייכל
נאָך פון רויך געווען מיין מידער טראָט, ◈ איז לייכטער
אַ באַנער אויף אַ טורם אַ געפּאַנטן — ◈ מיין פרייד —
גרינג אַן אוצר צו פאַרמאָגן, ◈ עס איז דאָך אַזוי
אויף גאַסן און אויף ראָגן. ◈ ווען ס'וואַלגערט זיך די פרייד

**ב.**

עס האָט מיין העלער בליק גענידערט צום אַספאַלט, ◈ גע־
פאַלן אויף די מיסטן — אַנגעפּאַקט אין קאַנען: ◈ מיט ביידע
הענט אין מיסט — אַן אויסגעקרימט געשטאַלט ◈ איז מיט
דער הויקער־פּלייצע צו דער זון געשטאַנען ◈ און נישט גע־
זען דאָס ליכט, וואָס האָט פון הויך געשטראַלט, ◈ און נישט
געפילט די פרייד, וואָס איז אין גאַס פאַראַנען. ◈ געצאַפּלט
האָט אין בלוט דאָס לעצטע ביסל ווילן: ◈ אַ שטיקל טרוקן
ברויט — דעם הונגער איינצושטילן.

**ג.**

מיין יונגע מאָרגן־פרייד האָט פרי זיך אָפּגעעקט. ◈ אָט האָב
איך, דאַכט זיך, ערשט אַ פאָדעם גאָלד געשפּונען... ◈ און
שוין האָט וואָלקנגרוי דעם העלן טאָג פאַרדעקט ◈ און
אויסגעלאָשן ס'ליכט פון אַלע זיבן זונען. ◈ דער שוואַרצער





הונגער האָט דאָס ווייסע ליכט פאַרפלעקט, ◈ און ס'איז די
פלאַטער־פרייד אין אויג בײַ מיר צערונען.

אַ שאָד! געזאָלט האָט זיין אַזאַ מין פיינער מאָרגן — ◈ נאָר
ס'האָט די שוואַרצע קאַץ די ווייסע טויב דערוואָרגן.

## טויט

צעבלאָז און צעווייע מיין טרויער, ◈ ווי כמאַרעס צעטריבן
פון ווינט. ◈ס'איז שווער מיין געמיט ווי אַ מויער, ◈ און
שוואַרצער פון סופר'ישן טינט. ◈ געזען האָב איך
טויט ווי אין שפּיגל, ◈ אַ שווינדל געטון — און אַוועק, ◈ גע־
לייגט אויף מיין האַרצן זיין זיגל — ◈ זיין שוואַרצן, זיין
גרויזאַמען פלעק. ◈ איצט וויקלען זיך זעאונגען שווע־
רע ◈ ווי שלאַנגען אַרום מיין געביין ◈ און ס'לויערט
די שוואַרצע פּאַנטערע, ◈ און שטשירעט און שטשירעט
די ציין.

## סקווער

נישט אויף צאַרטע זילבער־פּליטן ◈ שפּילט דאָס לעבן דאַ
זיין ליד, ◈ נאָר אויף העכסטע מעגאַפאָנען ◈ רעוועט
עס און ווערט ניט מיד. ◈ זיבן גאַסן — זיבן וועגן ◈ נע־
מען אָפּשייד פון אַ סקווער, ◈ יעדע גאַס — אַ שטראָם פון
אויטאָס ◈ און פון מענטשלעכן פאַרקער. ◈ פּיס און רע־
דער — מיש און פּלאָנטער, ◈ גראַד־באַוועג און קרייז־גע־
דריי, ◈ זעט דאָס אויג פאַר זיבן אויגן, ◈ דאָס געהער
— פאַרשפּיצט ביז ווייי. ◈ נערוון ווי געשפּאַנטע סטרו־
נעס, ◈ אויפנאָם — ווי אַ בליץ געשווינד, ◈ ציטער־
דיקע זענען חושים ◈ ווי אַ פעדערל אין ווינט. ◈ ליגט
געפּאַר אויף פערצן ראָגן, ◈ טשאַטעוועט דעם אויגנ־
בליק... ◈ שפּאַנען מענטשן איבער נערוון, ◈ ווי
זשאָנגלערן אויפן שטריק.

## א. טאַבאַטשניק

# אַ ליד צום ערשטן מאַי

פרילינג. קיין גאָרטן איז ניטאָ אַרום מיין הויז — ◈ היינט
זענען גאַסן גערטנער, ◈ און מענטשן זענען בוימער וואָס
וואַקסן שטאַנדיק און שיין. ◈ מיך אַרט ניט דאָס גרילצן
פון די אויטאָס און דאָס קלאַפּן פון די מאָטאָרן, ◈ אַריבער
זיי דערהער איך אַלע פרילינגדיקע כאָרן ◈ פון די וועלדער,
פון די פעלדער, פון די היימען; ◈ און אין דער קלאָרער
ראָם פון סקווער זע איך געהיימען ◈ ווי אין אַן אַלטן שלאָס.
עס איז דער שלאָס שוין לאַנג פאַרלאָזט — ◈ און סקווערן
רוישן רייך מיט פאָנען און מיט יוגנט ◈ (זייער ליד איז מונ-
טער, און אַנדערש זייער טוגנט), ◈ די זון אין זייער בליק
ווי אין געשליפן גלאָז, ◈ זיי טרעטן אויפן ברוק נאָך לייכטער
ווי אויף גראָז; ◈ זייער טראָט איז לייכט, זייער קול איז
הויך און שטאַרק; ◈ זיי שטייען אינמיטן סקווער ווי אויף
הויכן באַרג. ◈ איך בין מיט זיי, נאָר נאָך באַם פוס פון
באַרג, ◈ און דאָ, באַם פוס פון באַרג, הער איך זיך
איין ◈ ווי רווישיק עס גייט די יוגנט אויף אין שיין, ◈ אַנט-
קעגן טעג וואָס שוימען איבער ראַנדן ◈ ווי פולע בע-
כערס ווין ◈ מיט לידער און מיט שיין. ◈ די יוגנט
גייט. ווער עלטער גייט אַוועק, ◈ און ווער עס גייט מוז
גיין דעמזעלבן וועג ◈ פון אויפגיין און פאַרגיין. און בין
איך מער ניט יונג — ◈ דער פרילינג איז נאָך יונג. און
איז ניטאָ קיין גאָרטן ◈ אַרום מיין הויז — היינט זענען גאַסן
גערטנער ◈ און פאָנען זענען רויזן-קוסטעס מיט מאַטאָס
— נאַכטיגאַלן, ◈ און סקווערן זענען הויכע, בלויע, געוועלב-
טע זאַלן, ◈ און ווי אין אַ קוואַל שפּיגל איך זיך אָפּ אין
יעדער שויב ◈ וואָס שפּילט אַנטקעגן מיר מיט שטראַלן און
מיט לויב ◈ צום ערשטן מאַי. אין דער שטאָט פון אייזן
און פון שטאָל ◈ וואָס קלינגט מיט רעלסן, ווי מיט טייכן
קלינגט אַ טאָל.



## מלכה ח. טוזמאַן

# טריאָלעטן

**א.**

די ווייסע פרוי וואָס ציט זיך פויל אין ווייכע בעטן ◈ און
וויל מען זאָל זיך פאַר איר צאַפּלען אויף די קני ◈ מעג אפילו
שרייבן טריאָלעטן און סאָנעטן — ◈ די ווייסע פרוי וואָס
ציט זיך פויל אין ווייכע בעטן ◈ זאָלסטו, אָה מאַן, זיך
מיאוסן צו גלעטן ◈ איר שלאַנקן האַלדז, ווייל ס'ביינגט זיך
ניט אין מי ◈ די ווייסע פרוי וואָס ציט זיך פויל אין ווייכע
בעטן ◈ און וויל מען זאָל פאַר איר זיך צאַפּלען אויף די קני.

**ב.**

אַלטע זונות האָבן מורא, ◈ גרויען זיך אין נעכט
אַליין. ◈ פאַרטאַכלעוועט די גאַנצע סחורה, ◈ האָבן
אַלטע זונות מורא, ◈ וויגן זיי אין פאַרטוך תורה ◈ און
גריזשען שרעק מיט געלע ציין. ◈ אוי, אַלטע זונות האָבן
מורא, ◈ גרויען זיך אין נעכט אַליין.

**ג.**

ליפּן האָבן דין געשמייכלט ◈ ווייט אַריבער זיך און
וועלט. ◈ האָט אַ בייזעס אויג געשטרויכלט, ◈ האָבן
ליפּן דין געשמייכלט: ◈ „נאַר, וואָס דו האָסט אויסגע-
שכל'ט!" — ◈ און, ווי פון הייליק ליכט באַהעלט, ◈ האָבן
ליפּן דין געשמייכלט ◈ ווייט אַריבער זיך און וועלט.

איך בין ערד. ◈ אַ ריז אַ בלינדער איינגעשמידט אין קייטן ◈ בין איך. ◈ גרויסע, גוטע ערד — ◈ און איבער מיר די בוימער, ◈ מיינע קינדער, ◈ ציטערן און וויינען; ◈ איבער מיר די בוימער, ◈ מיינע קינדער, ◈ שעמען זיך און האָבן מורא. ◈ אוי, ◈ די קינדער מיינע זענען הוילע.

## נפתלי גראָס

## פיר לידער — פיר מענטשן

**איינער — אַ געגנאַרטער**

איז אַפּגעלאָזט, ווי ס'וואָלט זיך אַלץ פאַר אים געעקט. ◈ זיצט גאַנצע טעג אין העסטער פּאַרק, ◈ געדריקט, ווי ס'וואָלט די שטאָט געליגן אויף זיין קאַרק, ◈ און אַלצדינג איז פאַר אים מטושטש און פאַרמעקט.

אַ שלאַפקייט האָט די חושים אים באַדעקט — ◈ ער זעט נישט איבער זיך די שפּערלען און די טויבן, ◈ פון דעם געשפּיל פון קינדער — דאָס שטיקל גאָרטן שטויבן, ◈ און הערט נישט ווי סע זומט אַרום און זעגט.

דאָס לעבן רוישט און רעגט זיך און באַוועגט — ◈ נאָר ער וואָלט דאַווקע דאָ זיך אויסגעשטרעקט, ◈ ווי גרויס ער איז, אין וועג בּאַ די שטאָכעטן: ◈ זאָל יעדער טאָפּטשען איבער אים און טרעטן, ◈ צעבלוטיקן דאָס לייב זיינס און צעוואונדן — ◈ צו פילן נאָך ווי ס'לעצטע ביסל לעבן ווערט פאַרשוואונדן.







ער רעדט און רעדט, ווי ער וואָלט עפּעס וועלן ◈ פאַר אַלעמען דערציילן בלויז די וואָר, ◈ ווי ער וואָלט וועלן, ס'זאָל פאַר יעדן ווערן קלאָר, ◈ אַז ער וויל גאָרנישט ניט פאַרהוילן און פאַרשטעלן.

די לאָמפּן ברענען, אַלע ווינקלען העלן, ◈ דאָס פייער זינגט און סע זינגען זיינע רייד; ◈ מע הערט, ווי ער וואָלט זיין פאַר עפּעס גרייט ◈ דאָס לייב און לעבן איינצושטעלן.

אַ וואַרעמקייט פילט אָן די שלומערדיקע זעלן, ◈ די אויגן לייכטן און די באַקן ברענען; ◈ ער רעדט, און וואָס ער וואָלט איצט וועלן, וואָלט מען קענען. ◈ און אַז ער זעט, ס'איז יעדערער פון זיי שוין גרייט, ◈ דערפילט ער מיטאַמאָל זיין וואוילגעפעלן, ◈ נאָר אַז נישט דאָס האָט ער געמיינט מיט זיינע רייד.

**איינער — אַ מענטש**

אַזוי צעטומלט, אַז ער ווייסט נישט פון זיין נאָמען. ◈ גייט צוגעקנעפּלט און צונויפגעצויגן, ◈ ווי ס'וואָלט אים שטרייגנג פאַרפאָלגט דער קוק פון בייזע אויגן, ◈ בעת ער גייט פאַרביי די גאַסן מיט די קראָמען.

נאָר אין קאַפּייהויז, דאַנק דעם ליבן נאָמען, ◈ אין ווינקל פאַר דעם טיפן פענצטער-בויגן, ◈ פאַרהוילן און פאַרשטעלט פון מענטשנס אויגן, ◈ ווי ער וואָלט זיך געראַטעוועט פון פינצטערע תהומען —

דאָ נעמט ער זיך די שטולן אַרום טיש צעשטעלן, ◈ גלייך איינעם קעגן צווייטן — עס זאָל קיין האָר נישט פעלן; ◈ ער דרייט זיך אוים דערנאָך און גריסט און נעמט זיך נייגן, ◈ ווי ס'וואָלט געקומען ווער און קעגן אים געשטאַנען; ◈ ער רוקט אַ שטול אַרויס, און — שטייט ביז וואַנען ◈ און וויפל איינעם נעמט דעם הוט אַוועקצולייגן ◈ און זיך באַקוועם צו זעצן.

### די פיל־געפּרואווטע

זי האָט פאַרזוכט די פרוכט פון בוים פון וויסן. ◈ און ווי זי וואָלט אין אירע דרייסיק יאָרן ◈ מיט אַלץ אין לעבן שוין געפּרואווט געוואָרן, — ◈ אַזוי איז איר דאָס לעבן לויטער ריסן.

זי גייט, ווי זי וואָלט מער פון קיין זאַך שוין נישט וועלן וויסן, ◈ און ווי סע וואָלט פאַר איר מער גאָרנישט ניט געווען. ◈ ס'איז אַלץ געשען: ◈ דאָס לעבן איז פאַר איר געגאַנגען ווי אַ קוואַל, ◈ געטראָגן זי אויף אַ שטורעמדיקן טייך ◈ אַוועק־צו צו אַ ווייטן וואונדערלעכן רייך, ◈ גערוישט פאַר איר, געבלענדט זי און פאַרבלענדט; ◈ און גרויסע טויטן זענען שוין געוועזן אויף איר שוועל. ◈ נאָר איצט איז איר אַלץ פרעמד און אומבאַקענט.

גייט שלאַנק. און אין איר גאַנג איז שוין פאַראַן ◈ די זיכערקייט פון זיין אַנטשלאָסן, ◈ וואָס בייגט זיך נישט און שטרויכלט נישט אין שפּאַן. ◈ איז ערנסט, און איז טיף אין זיך פאַרשלאָסן. ◈ נאָר אַז איר בליק בלייבט רוען אויף אַ זאַך אַמאָל, ◈ איז ווי סע וואָלט זי אויף אַ רגע בלויז דערמאַנט — ◈ ווי איינע, וואָס דערהערט איר אייגן ווידערקול — ◈ אַן עפּעס, וואָס איז איר אַמאָל געווען באַקאַנט.



נחום פאָזנער

## אייביקייט

כ'וועל ליגן און רוען ◈ אויף אייביקן צייטן — ◈ טויט וועט דאָס לעבן פאַרבייטן. ◈ די זון און די שטערן ◈ וועלן שיינען פון ווייטן, ◈ און שיכט איבער שיכט וועלן רייטן ◈ געשטאָרבענע דורות — ◈ און רוען אויף אייביקע צייטן.

און נאָכדעם וועלן שטאַרבן די זון און די שטערן, ◈ און קיין זאַך וועט מער זיך נישט בייטן. ◈ ס'וועט רוען די וועלט דאַן. און גאָרנישט וועט שטערן ◈ איר רו אויף גאָר אייביקע צייטן. ◈ וועלן מערן זיך יאָרן אויף יאָרן, ◈ וועלן אויפגיין פיל אַנדערע זונען און שטערן, ◈ און לעבן און שיינען פון ווייטן, ◈ פאַרקילן, צעפאַלן — און רוען אויף אייביקע צייטן.

און וואָס זאָל דאָס אַלעם באַדייטן? ◈ פאַרוואָס אַזאַ שווערער, אומלאָגישער סוף? ◈ כ'וועל אפשר געפינען דעם ענטפער דערויף — ◈ ווען רו וועט זיין מיינע אויף אייביקע צייטן.

## בלויע רו

דאָס הימל־בלוי קוקט מיר אין אויג ◈ מיט אָפּגרונטן פון רו. ◈ זיי שפּיגלען זיך אין לויטערקייט פון זיינע טיפן, ◈ און טריפן ◈ טראָפּנסווייז אין הארצן מיר, ווי טוי, ◈ בלויע רו. ◈ זיי זאַמלען זיך און פלייצן ◈ דורך מיין וועזן, ווי אַ וואונדער־שטראָם. ◈ עס הויבן נייע זונען אָן צו גלאַנצן, ◈ נייע הימלען רייצן. ◈ עס דערגאַנצן ◈ פונקען זיך אין פלאַמען, ◈ קלאַנגען־ברעקלעך אין אַ ליד. ◈ ריפן נעמען זיך צוזאַמען ◈ אין צעשפּליטערטן געמיט, ◈ וואָס ווערט געהיילט דורך ליד און פלאַמען, ◈ אין דעם כישוף פון דער רו — ◈ וואָס טריפט פון הימל־בלוי.

## א. טאַבאַטשניק

# דער ברוגז־טאַנץ

(וועגן ב. טוטשינסקיס "בין־השמשותן און שטורמווינטן")

דעם אמת געזאָגט, האָט מיך ב. טוטשינסקיס צוגאַנג צו בערגלסאָנען ניט זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט. און נישט דערפאַר וואָס ער איז נישט קיין מאַרקסיסטישער, וואָס ער איז צו קאָנסערוואַטיוו, נאָר ווייל אין זיין צוגאַנג איז פאַראַן ווייניק אויסגאַנג. כ׳מיין — די רעזול־טאַטן זענען קנאַפּע. דער באַרג גייט שווער צו קינד, אָבער די מויז איז פאָרט נישט מער ווי אַ מויז. קאָנקרעטער: עס איז דאָרט נישט פאַראַן קיין באַמיאונג אויפסניי, און אין טערמינען פון אייגענער דער־פאַרונג, צו כאַראַקטערעזירן בערגלסאָנס סטיל (די באַמערקונגען וואָס זענען צעוואָרפען איבערן ביכל איבערראַשן נישט מיט זייער נייקייט), צו דערגרונטעווען זיך צו די קוואַלן פון בערגלסאָנס פאָרמע, צו קאָנ־קרעטיזירן בערגלסאָנס טיפּאַזש דורך איינפאַסן אים אין די ראַמען פון סביבה און היסטאָרישער ווירקלעכקייט — אפילו קיין פּולווער־טיקע עסטעטישע אָפּשאַצונג פון בערגלסאָנס ווערק איז אין ביכל נישט פאַראַן. וואָס־זשע איז יאָ פאַראַן אין ביכל? עס איז פאַראַן פאַר־ליבטקייט וואָס ברוגזט זיך אויף בערגלסאָנען און עס איז פאַראַן וואַ־רעמקייט און פאַרדראָס וואָס ווילן זיך קילן אין שטילן וויקלען זיך ארום בערגעלסאָנען . . . טוטשינסקי באַטראַכט בערגעלסאָנען פאַר ז י י ן בערגלסאָנען, וואָס בלויז פאַר אים האָט ער געשריבן, פאַר זיין, טו־טשינסקיס, גייסטיקער דערהויבונג און מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן, דערפולן. עס איז אַ ראָמאַן מיט אייפערזוכט, מיט חשדים, מיט סצענעס פול מיט הייסע פאָרוואורפן, ווען ער פּאַקט, ווי אים דוכט זיך, בא בערגלסאָנען אַ פעלשונג. און כדי צו קאָנען אַנגיין מיט זיין ברוגז־טאַנץ קעגן בערגלסאָנען, מוז טוטשינסקי בערגלסאָנס שאַפונגספּראָצעס פון איין זייט שוין אביסל צו פאַראיינפאַכן, אז עס קומט אוים אז דער גורל פונם שאַפונגספּראָצעס איז אינגאַנצן אין בערגלסאָנס הענט — און פון דער צווייטער זייט פאָרשטעלן אים אביסל שוין צו קאָמ־פּליצירט און דערהויבן, שיר נישט ווי דעם טראַגישן קאַמף פון אַ



מיטאָלאָגישן גריך קעגן די פוריעס פון שיקזאַל. ער לאָקאַליזירט און באַגרעניצט צופיל דאָס שאַפן מיטן שרייבער אַליין. טוטשינסקי וויל נישט אָנערקענען, אַז דער פּראָצעס פון שאַפן איז נישטנאָר אַ זאַך פון אינערן, נאָר אויך פון אויסערן. אָט נעמט אַזוינע שורות: "ביז ראַנען ניט נאָך בערגלסאָן נישט נאָך. ער צאָלט צינזן, אָבער — נישט־ווילנדיקע. ענדלעך ווערט ער באַזיגט, און ווייט ניט שיין באַזיגט: דער טויט חנפעט זיך צו אים אַריין אַלס פאַרבינדעטער, און בערגל־סאָן גייט איין אויפן שווינדל וואָס יענער רוקט אים אונטער. אין זיין לעצטן ווערק ("ביים דניעפּער"), כדי אונטערצוגראָבן דעם פונדאַמענט פון די "ווייסע הייזער", שליסט דער קינסטלער אַן אָפּמאַך מיט דער קראַפט, פאַר וועלכער ער האָט שטענדיק מורא געהאַט" (זייט 55).

איז דער ענין אביסל צו מעלאָדראַמאַטיש און פאַרפּערזענלעכט. עס איז כמעט ווי די היימישע קליינשטעטנדיקע פּאָליטיקער דראַמאַטיזירן און פאַרפּערזענלעכן די באַציאונגען צווישן די מלוכות: "האָט ענג־לאַנג געזאָגט", "האָט זיך דער טערק אָפּגערופן", "איז דאָך אָבער דער דייטש אַ שוטה". דאָס שאַפן פון אַזאַ גרויסן קינסטלער ווי בערגלסאָן איז פיל אומפּערזענלעכער און עפּישער, פיל מער אונטערוואָרפן צו די געזעצן פון דער ווירקלעכקייט ווי צו די אייגענע קאַפּריזן. בערגל־סאָנס ווערק זענען דערפאַר אַזוי טיף, אַזוי איינציקאַרטיק, אַזוי קינסט־לעריש און מענטשלעך־באַדייטנדיק, וואָס אין זיי רעדט די אידישע ווירקלעכקייט מיט איר אייגענעם קול. אין בערגלסאָנען האָט זי גע־פונען איר פּערפעקטן מעדיום, איר וואונדערלעך דעטאַליזירטן שיל־דערער, איר שפּראַכלעך אידיאָמאַטישן עקוויוואַלענט און די קווינט־עסענץ פון איר אייגנאַרטיקער מימיק און זשעסטיקולאַציע (און אין דעם פּרט איז בערגלסאָן אויף אַן אמת דאָס אייניקל פון מענדעלע מוכר ספרים). דורך אים האָט זי זיך אַנטפּלעקט אין איר 20־יאָרהונדערטי־קער פילגעשטאַלטיקייט, אין איר איבערגאַנג און אָפּגאַנג, אין איר נאָכאַלעמען און איר נייעם אָנהויב, ווי אויך אין איר אייגנאַרטיקן קלאַסן־ און שיכטן־געראַנגל וואָס האָט אין דער סביבה פון "באַם דניעפּער" זיך אָפּגעשפּילט מיט אַזויפיל שפּיצל־אָפּטועריי און הינטנ־אַרומיקן אַריינשפּייען דעם נגיד אין דער גאָלדענער יויך.

"באם דניעפער" קאָן נישט פאַרשטאַנען ווערן און אָפּגעשאַצט ווערן ריכטיק, אויב זיין הויפּטמאָטיוו—"פענעק"—ווערט נישט פאַרשטאַנען און נישט אָפּגעשאַצט ריכטיק. פענעק איז דער וועמען בערגלסאָן וויל ראַטעווען פון דעם קאַטאַסטראָפאַלן "אָפּגאַנג" און "נאָך אַלעמען". בערגלסאָן איז אַ טיף אידישער שרייבער, מיט טיפן היסטאָרישן חוש, און מיט פענעקן וויל ער אָנקניפּן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם. דער־פאַר צעטיילט ער די מחנה, דאָס הויזגעזינט פון מיכאל לעווין, ווייל ער וויל האָבן אַ שארית הפליטה. פענעק איז דער כוח וואָס וואַקסט אַרויס פון איין געזעלשאַפטלעכער פאָרמאַציע און וואַקסט אַריין אין אַ צווייטער — ער איז דער כוח פון קאָנטינואיטעט, פון ציען ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדעם . . . און דערפאַר איז "באַם דניעפער" נישט נאָר אַ רעוואָלוציאָנער ווערק, נאָר אויך דאָס אידישסטע ווערק וואָס איז לעצטנס געשאַפן געוואָרן. מער ווי אַנדערשוואו איז דאָ געוויזן געוואָרן דער סוד פון "קיום הלאום". פענעק — דאָס איז דער אידישער זאָמען וואָס וועט זיך "צונעמען", צעבליען, צעוואַקסן און ווערן שפּעריש אין נייע אומשטענדן, אין אַנדערע היסטאָרישע באַדינגונגען. בערגל־סאָן ראַטעוועט פענעקן כדי פענעק זאָל ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך ראַטעווען פון נאָכן "אָפּגאַנג" און פון נאָכן "נאָך אַלעמען" . . .

טוטשינסקי האַלט נישט, אַז פענעק איז אַ פּראָדוקט פונם קינסטלערס נייער וועלטאָנשויאונג. פאַר אים איז פענעק בלויז אַ שדל, אַ קליינער טיוול. גוט און וואויל! קיינער קאָן דערפאַר נישט האָבן צו אים קיין טענות. טוטשינסקי איז פולשטענדיק באַרעכטיקט צו האַלטן, אַז בערגלסאָן איז אַ שטערן וואָס קאָן לייכטן בלויז אין בין־השמשות; אַז אין שטורמווינטן איז ער בלויז אַ שוואַך ליכטל וואָס ענטוועדער עס וואַרפט אָפּ "וואָכעדיקע שאָטנס פון אולטראַ־רעאַליזם", אָדער עס ווערט, רחמנא ליצלן, גאָר אינגאַנצן אויסגעלאָשן. עס קאָן אויך קיינער טוטשינסקין קיין דעות נישט זאָגן ווען ער וויל זיך מיט בערגל־סאָנען ליבן און ברוגזן. אָבער ווען ער וויל זיך ליריש־עסעאיסטיש אויסשרייבן, וואָלט ער עס געדאַרפט מאַכן געשיקטער, רייכער, שענער און — דער עיקר — לייענבאַרער. עס איז שווערלעך צו לייענען זיין עסעי. פונם שרייב־ און לייען־שטאַנדפּונקט זענען אין ביכל פאַראַן פשוט אוממעגלעכע שטעלן. דאָס קאַפּיטל "די זיבן־מייליקע שטיוול",



איז עפּעס אַזאַ שווער און פאַרשטעלט שטיקל פּראָזע, עפּעס אַזאַ מין בריהן זיך צו זיין סטיליסט און זעלבסטשעפער, אַז אפילו מיט אַ פּאָר מאָל איבערלייענען אייניקע שטעלן איז שווער צו וויסן וואָס, אייגנטלעך, טוטשינסקי וויל.

עס איז אַ קאַפּעטשקע צו לאַנגווייליק. עס קומט אויס זיך צופיל פּלאָנטערן, דרייען און שלייגלען מיט טוטשינסקין אין אַזוינע אָפּ־גרונט־טיפע ליריש־פילאָזאָפישע, מעטאַפאָרישע, פאַרשלייערטע זאַצן, וואָס זענען, זאָל מיר טוטשינסקי מוחל זיין, צו גרויס, צו ברייט־פלודערדיק פאַר דעם דינעם געדאַנקעלע וואָס איז אין זיי אָנגעקלײדט. וואָלט מיר נישט אויסגעפעלט קיין פּלאַץ, וואָלט איך געקאָנט מיט געהעריקע ציטאַטן אילוסטרירן, אַז פאַקטיש זאָגט טוטשינסקי עפּעס קערנדיקס, עפּעס וואָס מ׳קאָן מיטן ערשטן קוק שוין זען אַז עס האָט אַ דירעקטע און זאַכלעכע שייכות מיט בערגלסאָנען, בלויז אין די שלום־פאַראַגראַפן פון די באַזונדערע קאַפּיטלען. די פאַראַגראַפן וואָס קומען פאַר זיי זענען אַ מין מטושטשע דעקאָראַציע, געשריבן ווי אויף צו פלייסן זיך; אָדער גאָר אַ מין מעלאַנכאָליש זיפצן אין לבנה־שיין, אַ מין שווער אַרטיקולירטע סערענאַדע צו בערגלסאָנען.

די לעצטע קאַפּיטלען אין ביכל זענען אָנגעשריבן בעסער, לייכטער, און זיי באַציען זיך דירעקטער ווי די פריערדיקע צום עיקר ענין, צו טו־טשינסקים געדאַנק און צו בערגלסאָנס ווערק. פיין געשריבן איז דאָס קאַפּיטל „אָן אַ קאָמפּאַס אין קינדערלאַנד", כאָטש אַזוינע שטעלן ווי וועגן דעם "קינדערשן בליק, וועלכער פליסט דורך די אייגעלעך פון די אפילו אַממערסטן באַליידיקטע קינדער מיט הייליקער בלויער צו־פרידנקייט מיטן לעבן", זענען, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט, "צו זיס פאַר ווערטער". די טענות צו בערגלסאָנען אלמאי ער האָט זיין פענעקן געמאַכט אַזוי נישט לויט די יאָרן קלוג און באַוואוסטזיניק זענען שוין אַ שפּאָר ביסל דערעסן געוואָרן. ער נעמט זיך שוין אַביסל צופיל צום האַרצן פענעקס דערוואַקסנקייט. אַוואַדע איז פענעק "נישט קיין קינד": ער איז אַ העלד פון אַ ראָמאַן, און קיין "אינגעלע רינגעלע" קאָן נישט זיין קיין העלד פון אַזאַ ראָמאַן ווי "באַם דניעפער".

גרויסע קינסטלער האָבן שטענדיק געמאָלן די קינדער וואָס האָבן אויסגעפילט אַ וויכטיקע פונקציע אין זייערע ווערק אַסך קליגער, באַוואוסטזיניקער, און שפּראַכלעך רייפער ווי — אונדז דוכט זיך — עס זענען קינדער אין לעבן. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען אָן דאָסטאָיעווסקיס קינדערגעשטאַלטן, אָן שעקספּירס. און איך בין גאָרנישט אַזוי זיכער מיט וועמען די מאָדערנע קינדער־פּסיכאָלאָגן וואָלטן געהאַלטן — מיט די קינסטלער צי מיט די קריטיקער.

בלויז בײַ אַ טייל פון אונדזערע קינדער־פּאָעטן און דערציילער זענען די פאַרשיידענע עטעלעך אין די בעטעלעך פולשטענדיקע אידיאָטן. עלים אין וואונדערלאַנד איז אַ חכמת און פּאַראַדאָקסאַל ווי אָסקאַר וואַילד.

טוטשינסקי שלאָגט בערגלסאָנען מיט שלום עליכמן. זעט ער דען נישט, אַז אויב פּענעק איז צופיל קאָמפּעטענטש פאַר 11-12-13 יאָר, איז מאָטל פּייסי דעם חזנס צופיל הומאָריסט פאַר זײַנע פינף יאָר? און אויב עס איז שווער צו גלויבן, אַז פּענעק וואָלט זיך קוים געוועזן געקענט דערטראַכטן אָן בערגלסאָנען צו אַזאַ אויסדרוק ווי "סיידן נעמען די הינטערגעסלעך און זיך מיט זיי אַוועקלאָזן איבער דער וועלט" — איז דען לײַכטער צו גלויבן, אַז מאָטל וואָלט אָן שלום עליכמן געוועזן געקאָנט קומען צו זײַן וואונדערשפּרוך: "מיר איז גוט, איך בין אַ יתום"? אין דער אמתן זענען ביידע, סיי שלום־עליכם סיי בערגלסאָן, גרויסע קינסטלער און ביידע, סיי פּענעק סיי מאָטל, דערפילן אויף אַ וואונדערלעכן אופן זייערע געהעריקע "העלדן"־פונקציעס.

פאַר איין זאַך מוז טוטשינסקי קרעדיטירט ווערן מיט אַ פולער האַנט און אַ פול מויל: אים איז געלונגען אויב נישט אָנשרײַבן, איז אויספּלאַנירן אָן עסעי — אַ זעלטנקייט אין דער איינגערער אידישער קריטיק. דאָס איז זײַן וויכטיקסטע דערגרייכונג. די איינגערע ליטעראַטור וואַרט שוין לאַנג אויף איינעם וואָס זאָל האָבן די אייגנשאַפטן פון עסעאיסט און שרײַבן איבער ליטעראַטור. טוטשינסקי האָט באַוויזן מיט זײַן ביכל איבער בערגלסאָנען, אַז ער האָט די אייגנשאַפטן פון אַן עסעאיסט. ער וועט אָבער נאָך מוזן באַווײַזן אַז ער האָט וואָס



נייעס צו זאָגן וועגן אַ שרײַבער, אַז מיט זײַנעם אַן עסעי קאָן ער פאַרטיפן אונדזערע ידיעות וועגן אים.

ער דאַרף דורכאויס זיך באַפרײַען פון אַזעלכע מליצות ווי "די מאַגנעטן־פאָלן פון פּעסימיזם", "טוקן זײַן באַרעכטיקונג אין די כוואַליעס פון לעבנס־פרייד" א. ד. ג.; פון משה גראָסעס קריוודע־טאָן, אַ טאָן וואָס דענערווירט, פון דעמזעלבן שרײַבערס משונה ווילדן איינטיילן שרײַבער אויף לעבנספרייידיקע און נישט־לעבנספרייידיקע, — אַ דילעטאַנטישע קלאַסיפיקאַציע וואָס קאָן דער קריטיק ווייניק וואָס געבן. ער וועט מוזן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אומנויטיקן באַלאַסט פון די אַלע חכמות וועגן טרויעריקע נעצן וואָס בערגלסאָנס העלדן וואַרפן אין ים און אידישע שרײַבער שפּרייטן זיך פאַר די פיס, — דאָס אַלץ באַשווערט זײַן שרײַבן, אָבער מאַכט עס נישט וואָגיקער. ער וועט מוזן צוגיין צו זײַנער אַ טעמע מיט מער קאָפּ און ווייניקער ליריק, מיט מער אַנאַליטישן שאַרפזין און ווייניקער פּראָווינציעלער פּראַזיאַרישקייט. ווען דאָס וועט געשען, קאָן זײַן אַז טוטשינסקי זאָל ווערן יענער קריטיקער אויף וועמען די יונגע אידישע נ י ט פּ ר אָ ל ע־ ט אַ ר י ש ע ליטעראַטור האָפט און וואַרט.

### י. זאַלאַט

## צווישן שרייבער

.1

צוויי אידישע קינסטלער פון וואָרט האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין אַ קאַפיי, ערגעץ צווישן עקוואַטאָר און נאָרדפּאָל. —

איינער האָט געזאָגט:

— איר האָט עפּעס אַ זאַך וועגן צוויי שוועסטער און אַ מאָלער. די עלטערע איז קלוג, לעבנסווייז, און זי פּאַסט־אויף אויף דער איינגערער. די איינגערע איז — נו, יונג; זי ציט זיך צו דער זון און צו דעם בלומענשטויב וואָס טראָגט זיך אין דער לופט. זי שלאָפט געשמאַק און אַביסעלע יונגנטלעך־טומלדיק, און די עלטערע באַמערקט אויף איר פּנים אַ פּאָר פרישע פרישטשיקלעך, ווי ווייַנפּערלעך, ניין — ווי קנאָספּן אויף אַ ביימעלע אין פרילינג. דאָס איז אַ פיינער שטריך — אָטדי פרישטשיקלעך... גוט. —

"די עלטערע גייט צום מאָלער. זי וויל אים מוסרן אַמאַי ער באַנוצט זיך מיטן יונגן ביימעלע פאַר זיין הנאה וועגן. זי וויל פאַרהיטן די איינגערע שוועסטער, צו וועלכער זי איז כמעט אַ מאַמע, פון — פון וואָס, למשל, וויל זי יענע פאַרהיטן? ... פונם לעבן, וואָס? אַוואַדע איז די קלוגע עלטערע שוועסטער אַ נאַר. און אַז זי קומט צום מאָלער, לאָזט זיך אויס, אַז זי אַליין פאַלט אַ "קרבן" צו אים. ווידער גוט. — איינ־צווישן, רעדנדיק מיט דער עלטערער שוועסטער, דערציילט ער איר אַ מעשה, אַז — זאָלן אַנדערע האָבן אַלערליי טעאָריעם וועגן קונסט: — ער זיצט באַ זיך אין בווידעמשטיבל און ער מאָלט. דאָס איז, דאַכט זיך, אַ ריכטיקער געדאַנק, און דאָך איז דאָ עפּעס נישטריכטיס. צו וואָס דערציילט ער —ד. ה. איר — די מעשה? זי קאָן דאָך גאָר נישט אָטדי "אַנדערע" געגן וועלכע ער — ד. ה. איר — פּאָלעמיזירט. און וויאַזוי לאָזט זיך די גאַנצע געשיכטע אויס? די עלטערע קומט



צוריק אין צעוויינט זיך באַם בעט פון דער איינגערער; די לעצטע כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און זי זאָגט: — אַזאַ מענטשן באַגעגנט מען איינמאָל אין אַ לעבן... דאָס זאָגט אַ מיידעלע פון 16—17 יאָר. זי ווייסט שוין — באַ אייך — ווי אָפט מ'קאָן אין "לעבן" באַגעגנען "אַזאַ מענטשן"... — — —

דער צווייטער קינסטלער פון וואָרט, צערייצט:

— איז וואָס, אייגנטלעך, ווילט איר?!

דער ערשטער, מיט אַ זיפץ:

— וואָס איך וויל? ... פּרץ, אונדזער י. ל. פּרץ, האָט אַמאָל געוואָלט קריגן אַ ווייבל וואָס האָט זיך נישט געלאָזן; האָט ער אָנגעשריבן: "עס זענען קיין ניסים געשען". וואָס איך וויל? איך וויל בלויז פרעגן: וואָלט נישט געווען לעכערלעך איינצושפּאַנען די ענערגיע פון אַ וואול־קאַן אויף צו רייבן כריין צו אייערע פיש? ... —

דער צווייטער:

— פאַרוואָס נישט? אפילו אויף צו פּוצן מיר די שטיוול... . איך האָב נישט קיין דרך־ארץ פאַר "וואולקאַנען" און פאַר מליצה — אַוואַדע נישט. חוץ לזה, פאַרשטייט איר פּרצן אויך צו פלאַך: דאָס "ווייבל" איז געווען דער אויסרייד פאַר דער אָנגעשריבענער זאַך, און נישט פאַרקערט. און — און איר? ... וואָס קומט אַרויס פון אייער חכמה און אייער זעלבסטאַנאַליז? בלייבט איר דען נישט אָן עקר, אַזוי ווי מיין "לעבנסווייזע" עלטערע שוועסטער וואָס היט איר אומשולד אַזוי לאַנג ביז — אָדער זי פאַרהיט זי נישט, אָדער זי ווערט פאַרדאַרט אין איר גדלותדיקער נאַרישער חכמה? ...

די צוויי האָבן זיך שווייגנדיק אָנגעקוקט מיט אַ געמיש פון שנאה און ליבשאַפט. —

.2

איך קלייב זיך גיין אין דרוקעריי מיט א פּעקל מאַנוסקריפּטן, און אין דער טיר פון מיין וואוינונג באַגעגן איך א פּאַרשוין אין עפּעס א שוואַרצן בגד וואָס דעקט אים צו פון קאָפּ ביז די פּיס, מיט פּוסטע אויגנלעכער און אויסגעשצירעטע ציין — אַטאַזוי מאָלט מען אים, געוויינלעך (עס האָט שוין דערעסן!), און איר ווייסט וועמען איך מיין.

— אנטשולדיקט, — זאָג איך, — איך בין איצט פאַרנומען. קומט אַן אַנדערש מאָל.

ער שמייכלט ברייט און ביינעריק, אַזוי אַז מיר ווערט קיל „אונטערן לעפּעלע":

— ניין — זאָגט ער — איך בין נישט געקומען נאָך אייך — נ אָ ך נ י ט. איך האָב געבראַכט א מאַנוסקריפּטל, א כתב־ידל אַזוינס...

— א ליד, מסתמא, אַה?

— מ—יאָ... א לידל. כמ...

ער פאַרכלינעט זיך פון הנאה. איך פאַרשטיי נישט וואָס איז מיט אים די שמחה.

— נו, קומט אַריין — זאָג איך.

ער לייענט מיר פאָר אָט וואָס:

**די שויבן פאַרצויגן טויאיק, ◈ אויפן וואַנט שפּילט זיך אַ האָז, ◈ דאָס טישל באַם בעט שטייט רואיק, ◈ אויפן טישל שטייט אַ גלאָז.**



**נעבן גלאָז — פּאַפּיר, אַ פּעדער, ◈ אַן אַלטער לידער־באַנד; ◈ און דער, וואָס אויפן בעט, זיך פעדערט, ◈ ציט אויס אַ לויטערע האַנט.**

**ער נעמט דאָס פּאַפּיר און צייכנט: ◈ „מיין ווייטער, מיין אייביקער פריינט, ◈ דורך דיר וועט צו אַלעמען גרייכן ◈ דאָס לעצטע וואָרט מיינס: — היינט" — — —**

**דערנאָך וויל ער נאָך עפּעס שרייבן, ◈ און לייגט עס אויף שפּעטער אָפּ. ◈ די פינגער די לויטערע בלייבן ◈ איבערן טישל הייגנען אַראָפּ.**

**דער קאָפּ וויל פינגער דעריאָגן, ◈ און פאַלט אויף איין זייט באַק. ◈ ערשט איצטער דערהערט מען אַ שלאָגן, — ◈ אַ זייגערל שלאָגן טיק־טאַק.**

**דאָס זייגערל ליגט אויפן פענצטער, ◈ און שפּיגלט די זון אין זיך אָפּ, ◈ דריי ווייזערלעך, — איינער — דער קלענס־טער ◈ יאָגט איבער זיך אַליין אין גאַלאָפּ.**

**ער טיקט, ער טאַקט, כאָטש קיינער ◈ פאַרנעמט שוין נישט מער זיין שלאָג; — ◈ צופוסנס פון הויט און ביינער ◈ אויף דער וואַך זיצט האַלבער טאָג.**

**צוקאָפּנס שלאָפט דאָס קישן, ◈ אויף סטעליע שלאָפט דער האָז, ◈ אין ווינקל שלאָפט דאָס טישל, ◈ אויפן טישל שלאָפט דאָס גלאָז.**

איך נעם דאָס ליד פון מיין באַזוכערס האַנט און לייען עס איבער עטלעכע מאָל. איך בין גערירט און אויפגערעגט ביז צו דער לעבער, נאָר פאַר אים וויל איך עס נישט אַרויסווייזן.

— אייער ליד — זאָג איך — ווי יעדע עכטע ליריק, איז איכיסטיש פון דער סטריכבע ביזן קעלער. ס'איז ניט אזוי וואָס איר דערהייבט די יחידישע ליריק צו קאָסמישן באַטייט, ווי דאָס וואָס איר ברייגנט אראָפּ דעם קאָסמאָס צום יחידס טראַגעדיעלע. דער פּאָעט איז שטאַרק פאַר־נומען מיט זיין אייגענעם ביסל לעבן און זיין אייגענעם ביסל שטאַרבן. דאָס ליד גופא איז זייער שיין אָנגעשריבן און זייער געשייט „גע־מאַכט". וואָס דאָס באַווייזט, אַז פּאָעטן לעבן און שטאַרבן צוויי מאָל: איינמאָל אין דער ווירקלעכקייט און איינמאָל אין שפּיגל.

מיין גאַסט ווייזט מיר ווידער זיין פּראַסטיקן שמייכל:

— אייער קריטיק איז דאָ נישט וויכטיק. דער לעצטער קריטיקער בין א י ך — ווייזט ער מיט אַ פינגער אויף די פאַלדן פון זיין שוואַרצן בגד, אויפן פּלאַץ וואו עס דאַרף זיך געפינען די ברוסט.

— איר האָט טאַלאַנט — זאָג איך. — שוין לאַנג אַז איר שרייבט?

ער צעלאַכט זיך אַזוי, אַז מיר גייט איבער אַ סקרוך איבערן לייב.

— איך שרייב — אַנדערש. דאָס ליד איז נישט מיינס. ס'איז אָבער וועגן מיר, און כאָטש איך בין אַן אַלטע פירמע, ווילט זיך מיר אַביסל רעקלאַמע. דאָס איז פון ה. לייוויק און איז געדרוקט אין "אויפקום" פאַר יולי־אויגוסט, הײנטיקס יאָר.

איך שפּרינג־אויף פון פּלאַץ.

— לייוויקס?!... אין "אויפקום"?!... וואָס זשע ווילט איר פון מ י ר? —

— איר מעגט עס, נישקשה, איבערדרוקן. ס'איז כדאי. —



## אליעזר גרינבערג

# צוויי קאָנגרעסן

### I

פאַר־פאַלן! און מעגן די וואָס נאַרן אי זיך, אי יענעם פאַרלייקענען די ווירקונג פון אַ צעטרייסלטער און באַנקראָטירטער עקאָנאָמיק אויף דער קונסט־און־קולטור־וועלט; פאַר־פאַלן! דער מאַרשרוט איז שוין שאַרף אָנגעצייכנט.

אַ דיפערענצירונג קומט פאָר פאַר אונדזערע אויגן אויף דער גאַנצער וועלט—און נישט אַלעמאָל לויט דעם באַווייז פון פאַרטיי־קאַרטלעך— וואו מיט שנעלערע און וואו מיט פּאַמעלעכערע טריט.

און עס מאַכט נישט אויס וואָס אין פּראָצעס פון דער דיפערענצירונג איז פאַר לעבעדיקע מענטשן דער אויסוואַל דערווייל זייער אַ באַגרע־ניצטער: אָדער מען פאַלט אַריין אין די רייען פון "רעכטס" אָדער אין די רייען פון "לינקס". ווייל אין אַ צייט פון קאַטאַקליזמען ווי אונדזערע ווערט אינגאַנצן אָפּגעווישט די גרעניץ פון ב אַ ק ו ו ע־מ ע ר ג אָ ל ד ע נ ע ר מ י ט, וואָס איז אין נאָרמאַלע צייטן רעזערווירט פון דער השגחה, אויסשליסלעך "צוליב שיינקייטס וועגן" (משה לייבס אַ שורה), פאַר אומפּאַרטייאישע מלאכים.

און מעגן זיך די "אומפּאַרטייאישע" ווי פלייסן אונדז צו איבער־צייגן, אַז טראָץ די שוין פאָרגעקומענע געשעענישן און דראָענדיקע בלוטיקע געפאַרן זענען זיי פאַרבליבן זיך הוידען צווישן הימל און ערד — נישט אָנרירנדיק דעם הימל און נישט די ערד; די אָביעק־טיווע מאָס־און־וואָג פון ריינער עסטעטיק און ריינעם גייסט האָט אָבער פּאָרט געמוזט, ווען אפילו אָן זייער וויסן, אַ ציטער טון אין זייערע הענט — און זיי האָבן געמוזט פאַרלירן גלייכגעוויכט... פאַרראַט־טאַקע די ווירקלעכקייט אָפּט זייער פרומע רייד!...

ווי אַ באַשטעטיקונג פאַר דעם אויבנגעשטעלטן דיאַגנאָז וועגן דער דיפערענצירונג וואָס קומט פאָר אויף דעם קולטור־קינסטלערישן פראָנט, וועל איך דאָ פּרובירן פאַרצייכענען אַ פּאָר רעדעס, אַ פּאָר מאָמענטן פון צוויי פאַרשיידענע שרייבער־צוזאַמענפאָרן וואָס זענען היינטיקס יאָר אָפּגעהאַלטן געוואָרן.

איין צוזאַמענפאָר פון *אומפּאַרטייאישע* שרייבער איז פאָרגעקומען אין פּאַריז. און דער צווייטער אין מאָסקווע.

אויפן פּאַריזער צוזאַמענפאָר זענען זיך צונויפגעקומען "די בעסטע אייראָפּייאישע מוחות". דער צוועק פון דעם צוזאַמענפאָר איז געווען אַרומצורעדן "די צוקונפט פון דעם אייראָפּייאישן גייסט".

די הויפּטרעדעס פון די פּני אויף דעם צוזאַמענפאָר דעמאָנסטרירן אַמבעסטן זייער צעטומלעניש, זייער פאַרוווירטע אָפּהענטיקייט. זיי האָבן כמעט אַלע צוגעגעבן, אַז פאַר די אינטעלעקטואַלן ווי גייסטיקע פירער שטייט פאָר אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זיי זענען אַפילו ניט געווען געניג באַשיידן און האָבן אַקצענטירט, אַז בלויז זיי, די אינ־טעלעקטואַלן, קאָנען ראַטעווען די קראַנקע וועלט. אָבער דורך די גאַנצע דריי טעג וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין איין פּראַקטישער פאָרשלאַג ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר אַ מיטלען אויסצוהיילן די דאָזיקע וועלט.

כמעט אַלע רעדעס זענען געווען מוסטערן פון אַבסטראַקטן הומאַ־ניזם, אונטערגעשלאָגן מיט אַ היפּשער דאָזע סנאָביזם און פאַראַכטונג צום אַרבעטער און פּשוטן מענטש.

גראַף קייזערלינג:

איך האָב נאָך אין "מיין רייזע־טאָגבוך פון אַ פילאָזאָף" געשריבן, אַז מיר, אייראָפּייער, זענען גאָטס הענט... היינטצוטאָג דראָעט אַ גרויסע געפאַר דעם אייראָפּייאישן גייסט. די באַרבאַרן, די אַרבעטערמאַסן, די פּאָליטישע גרופּעס, אָרגאַניזירט פון פאַנאַטישע פירער, שפּילן היינט



דיזעלביקע ראָלע ווי די פּלינדערנדיקע האָרדעס וואָס זענען באַפאַלן מערב־אייראָפּע אין פרימאָרגן פון אונדזער ערע. די געשיכטע באַ־שטעטיקט דעם קאָנפליקט צווישן די צוויי ווידערשפּרעכלעכע כוחות: צווישן דעם כח פון *ריינעם גייסט* און דעם בלינדן, פינצטערן, אָנשכלדיקן כח פון די *מאַסן*.

אָלדאָוס האַקסלי:

איך באַדויער דאָס פאַרשפּרייטן זיך פון וואולגאַריטעט אין דער מאָ־דערנער וועלט. אייראָפּע וועט פאַרפלייצט ווערן פון אַ צענטראַנגי־קער ליטעראַטור. אונדזער איינציקער פאָרשלאָג פון אַקציע קעגן דעם באַדאַרף זיין די קונסט. אויב די קונסט וועט בלייבן *ריין*, איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן.

פּאָל וואַלערי: (פּאָרזיצער און לייטנדער גייסט פון דעם צו־זאַמענפאָר):

איך גלויב, אַז אַ מענטש וואָס איז פאַרנומען מיט אַן אידייע וועט אַפילו אין תפיסה אָנגיין מיט זיין אַרבעט.

פּאָליטיק פאַרשוועכט און פאַלסיפיצירט יעדע אידייע; אָבער די וואול־גאַריטעט פון אונדזער צייט איז נישט אינגאַנצן אומהיילבאַר. דאָס זוכן דעם אמת פאָדערט אַלעמאָל אַן *אומפּאַרטייאישן* צוגאַנג.

און וואַלערי שיקט פאַרביינקטע בליקן צו דער *פאַרגאַנגענ־הייט*. ער ברענגט ביישפּילן פון גריכנלאַנד, פון רוים, פון דער ריטערטום־צייט און פון דעם רענעסאַנס.

אין דעמזעלבן גייסט האָבן אויך גערעדט דער גייסטלעכער דר. *הי־זינגאַ, דוהאַמעל, גראַף טעלעקי* — געוועזענער קאַנצלער פון אונגאַרן.

ע מ י ל י אַ  ב אַ ד ר ע ר אַ  זינגט אַ לויבגעזאַנג צו דער פאַנאַנדערבליאונג פון קונסט אונטער דער הערשאַפט פון מ ו ס אַ ל י נ י ן...

די איינציקע רעדע וואָס האָט אַ טרייסל געטון די גלאַטע אויבערפלאַך פונם צוזאַמענפאָר און אביסל געשטערט די זעלבסטצופרידנקייט און דעם סנאָביזם פון די פאַרזאַמלטע איז געווען די רעדע פונם באַוואוסטן פראַנצויזישן נאָוועליסט — זשול ראָמען.

זשול ראָמען:

די אַלע רעדעס דאָ האָבן געטראָגן אַ ריין אַקאַדעמישן כאַראַקטער. איך האָב איצט אינזינען דעם מעטאָד צו קאָנען ריידן נישט קאָמפּראָמעטירנדיק זיך אַליין. עס איז פאַראַן אַ געוויסע היפּאָקריטישקייט אין דער פּרעטענזיע, אַז די עקזיסטענץ פון אייראָפּע איז אָפּהייננגיק פון איר אינטעלעקטואַלן שיכט. ע ס  ז ע נ ע ן  פ אַ ר אַ נ ע ן  פּ ע ר י אָ ד ן  א י ן  ד ע ר  ג ע ש י כ ט ע  ו ו ע ן  נ י י ט ר אַ ל י ט ע ט  א י ז  א ו מ מ ע ג ל ע ך, אפילו פאַר אינטעלעקטואַלן. די פּראָבלעמען וואָס באַווירקן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן קאָנען נישט דיסקוטירט ווערן ווען מען שטייט אַליין נישט צו צו קיין צד אינם קאַמף צווישן נאַציאָנאַליטעטן און סאָציאַלע כוחות.

(דאָ מוז מען באַמערקן: זשול ראָמען איז אויף יענעם צוזאַמענפאָר געווען בלויז אָפּנהערציקער פון זיינע קאָלעגן. זינט דעמלט האָט ער ארויסגעוויזן גאַנץ דייטלעך זיינע סימפּאַטיעס צו — היטלערן).

האָקאָם שעוואַליע, אַ שריפטשטעלער און לערער פון פראַנצויזיש אין קאַליפאָרניער אוניווערזיטעט, וואָס איז אַליין געווען אויף דעם צוזאַמענפאָר, שרייבט אין דער "ניו רעפּאָבליק" איראָניש וועגן דעם ריינעם גייסט און דער אזוינגערופענער אומפּאַרטייאישקייט וואָס האָט געהערשט אויף דעם צוזאַמענפאָר. ער פאַרענדיקט זיין באַריכט מיט אַ סאַרדאָנישן קלימאַקס:



"איך באַמערק ווי לינקס נעבן מיר זיצט אַ דזשענטלמאַן מיט גרויע קורץ־געשוירענע האָר, מיט אַ מידן, רוימישן פּראָפיל. ער קוקט מיט איין אויג דורך אַ מאָנאָקל. ער טראָגט אַ ציכטיקן פראַק־ראָק מיט גרויגעשטרייפטע הויזן און איבער די שיך — שפּאַטן. בא זיין זייט, לינקס — אַ שיינע, יונגע פרוי אָנגעטון אין אַ ציגלקאָליר־קלייד, מיט אַ שנירל גרויסע גלעזערנע קרעלן אויפן האַלדז. ער זיצט אָנגעלענט, זיינעביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויף אַ פיינעם שטעקן. ער הערט זיך צו צו די רעדנער מיט גרוים אינטערעס און געשפּאַנטקייט. דער מאַן איז ק ע ר ע נ ס ק י. ער איז דער ריכטיקער מענטש אויפן ריכטיקן פּלאַץ. ער געהערט אהערצו".

II

דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון שרייבער איז פאָרגעקומען אין אויגוסט, 1934, אין מאָסקווע. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעהאַלטן קאַרגע צוויי וואָכן. פון אַלע עקן פון לאַנד האָבן אַן ערך פון 3,000 שרייבער דערוויילט צום צוזאַמענפאָר ארום אַ 600 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטראָטן 52 פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן: רוסן, אוקראַינער, אידן, גרוזינער, טאָטערן, ווייסרוסן, טאַדזשיקן, אוזבעקן און אַנדערע.

די אויפגאַבע פון דעם צוזאַמענפאָר איז געווען אַ מין אינווענטאַר־נעמען פון דעם אינעווייניקסטן צוזאַמענלעבן פון דעם פילשפּראַכיקן ראַטנפאַרבאַנד, כדי אויסצוגעפינען אויף וואָס פאַר אַ קולטור־שטאַנד דאָס לאַנד געפינט זיך. דאָס איז אויך געווען אַ געלעגנהייט זיך דורכצושמועסן וועגן די וויכטיקע, קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען וואָס באַשעפטיקן היינטצוטאָג יעדן ערנסטן קינסטלער.

צו דער געלעגנהייט זענען זיך צונויפגעפאָרן קיין מאָסקווע אסך אָנגעזעענע אייראָפּייאישע שרייבער וואָס זענען קיינמאָל נישט געווען אינגאַנצן שוה בשוה מיט דעם שאַלטנדיקן גייסט בא זיך אין דערהיים — און לעצטנס אוואַדע נישט. צווישן זיי: מ אַ ר ט י ן  אַ נ ד ע ר ס ע ן  נ ע ק ס ע, ע ר נ ס ט  ט אָ ל ע ר, ז ש אַ ן  ר י ש אַ ר

בלאָק, לואיס אראַגאָן, רען, אַנדרעי מאַל־ראָ. אַ גרופּע יאַפּאַנעזישע און כינעזישע שריפטשטעלער.

אונדזער אידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור איז געווען פאַרטראָטן דורך: בערגעלסאָן, ליטוואַקאָוו, מאַרקיש, בראָנשטיין, פעפער, כאַריק, כאַשין, דונעץ און אַנדערע.

כמעט אַלע דעלעגאַטן זענען אויפגעטראָטן מיט פאַרטראָגן. אָבער די אַקס אַרום וועלכער עס האָבן זיך געדרייט כמעט אַלע דיסקוסיעס זענען געווען די דריי רעפעראַטן און שלוסוואָרטער וואָס עס האָבן געהאַלטן מאַקסים גאָרקי, נ. בוכאַרין און קאַרל ראַדעק.

זייער אינטערעסאַנט און אָנרעגנדיק זענען אויך געווען די רעפעראַטן פון איליאַ ערנבורג, באַבעל, יורי אָליאָשאַ, טיכאָנאָוו, בעזימענסקי און נאָך אַ פּאָר.

די מערסטע רעדעס פון די אויפגעטראָטענע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אָפנהאַרציקייט, מיט טיפן ערנסט, מיט מוטיקע אויסרופן צו רעווידירן אַסך שאַבלאָנע אמתן, מיט אַ וואַגנדיקער פּראָטעסט־שטימונג קעגן שעדלעכער דיסציפּלין און שמאָלער קינסטלערישער איינזייטיקייט. עס זענען באַרירט געוואָרן ספּעציפישע פראַגן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור און די באַזונדערע ראָלע פון שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

עס זענען געמאַכט געוואָרן פאַרגלייכונגען צווישן שרייבער אין קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע, צווישן שרייבער אין פאַשיסטישע לענדער, און צווישן סאָוועטישע שרייבער. עס האָבן אין אַסך פון די רעדעס נישט געפעלט קיין האַרבע ווערטער, קיין ביטערע פאָרוואורפן. דאָ און דאָרט האָט פון צייט צו צייט אויפגעפלאַקערט אַ קאַמף צווישן איין גרופּע שרייבער און אַ צווייטער וועגן קינסטלערישן צוגאַנג און



קינסטלערישן באַנעם. אָבער כמעט אַלעמאָל האָבן די ערנסטערע, די טיפערע קינסטלער געהאַט די אוידיטאָריע אויף זייער זייט. עס האָט זיך געפילט, אַז די שלעכטע ליטעראַרישע פּאָליטיק פון דעם אויפגעלייזטן ראַפּפּ איז נישט פאַראיבער אָן אַ מוסר־השכל.

אין די רעדעס פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער האָט זיך געפילט אַן אומצופרידנקייט מיט די פלאַכע, ליטעראַרישע הורא־שרייער און מיט דער אויבערפלעכלעכער קאָם־קינסטלערישער זעלבסטצופרידנקייט.

עס איז אוממעגלעך דאָ צו ברענגען אפילו אַ קליינעם טייל פון די וויכטיקע מאָמענטן אויף דעם צוזאַמענפאָר. זיי וואָלטן פאַרנומען אַ גאַנצן נומער "סטודיאָ". איך פאַרצייכן און גיב דאָ איבער די וואָס זענען אַמכאַראַקטעריסטישסטן און גיבן אַמבעסטן אַ באַגריף וועגן דעם גייסט און דער וויכטיקייט פון דעם צוזאַמענפאָר.

## א. מ. גאָרקיס איינלייטונג

געערטע חברים!

איידער איך עפן דעם ערשטן, פאַר דער גאַנצער פילדורותדיקער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, צוזאַמענפאָר פון די ליטעראַטן פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, דערלויב איך זיך, לויטן רעכט פונם פאָרזיצער פון אָרגקאָמיטעט פונם פאַרבאַנד סאָוועטישע שרייבער, צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם זין און באַדייטונג פון אונדזער פאַרבאַנד.

די דאָזיקע באַדייטונג באַשטייט אין דעם, וואָס די פאַרשיידנאַרטיקע, פאַרשיידנשפּראַכיקע ליטעראַטור פון אַלע אונדזערע רעפּובליקן טרעט אַרויס אַלס איינהייטלעך גאַנצעס פאַרן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער און פאַר די ליטעראַטן פון דער גאַנצער וועלט, וואָס זענען פריינטשאַפטלעך צו אונדז.

מיר טרעטן ארויס, דעמאָנסטרירנדיק נישט בלויז אונדזער געאָגראַפישע פאַראייניקונג, נאָר — דעמאָנסטרירנדיק די איינהייט פון אונדזער ציל, וואָס לייקנט נישט אָפּ, פאַרשטייט זיך, די פאַרשיידנאַרטיקייט פון אונדזערע שעפערישע מעטאָדן און שטרעמונגען.

מיר טרעטן ארויס אין דער עפּאָכע פון אַלגעמיינער פאַרווילדערונג, בעסטיאַליזירונג און פאַרצווייפלונג פון דער בורזשואַזיע, פון דער פאַרצווייפלונג וואָס איז ארויסגערופן צוליבן געפיל פון איר אידעאָלאָגישער מאַכטלאָזיקייט, פון איר סאָציאַלן באַנקראָט, אין דער עפּאָכע פון אירע בלוטיקע פּרוּוון צוריקקערן זיך מיט דער הילף פון פאַשיזם צו דער ווילדקייט פון פעאָדאַלן מיטלאַלטער.

מיר טרעטן ארויס אַלס ריכטער פון דער וועלט וואָס איז פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג, און אַלס מענטשן, וואָס באַיאָען דעם ווירקלעכן הומאַניזם פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט — דעם הומאַניזם פון דער קראַפט וואָס איז באַרופן דורך דער געשיכטע צו באַפרייען די גאַנצע וועלט אַרבעטנדיקע פון קנאה, זשעדנעקייט, באַנאַלקייט, נאַרישקייט, — די אַלע איבלען וואָס האָבן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער פאַרקריפּלט די אַרבעט־לייט. מיר זענען שונאים פון אייגנטום, פון דער שרעקלעכער און נידערטרעכטיקער געטן פון דער בורזשואַזער וועלט, שונאים פון דעם זאָאָלאָגישן אינדיווידואַליזם, וואָס ווערט באַיאָט דורך דער רעליגיע פון דער דאָזיקער געטן.

מיר טרעטן ארויס אין אַ לאַנד, וואו דער פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, אָנגעפירט פון לענינס פּאַרטיי, האָבן דעראָבערט דאָס רעכט אויף אַנטוויקלען אַלע פייאיקייטן און באַגאַבונגען זייערע און וואו די אַרבעטער און קאָלווירטניקעס דערווייזן טאָגטעגלעך, פאַרשיידנאַרטיק זייער פייאיקייט צו באַנוצן זיך מיט דעם דאָזיקן רעכט.

מיר טרעטן ארויס אין אַ לאַנד, וואָס איז באַלויכטן מיטן געני פון וולאַדימיר איליטש ל ע נ י ן, אין אַ לאַנד, וואו אומדערמידלעך און וואונדערבאַר אַרבעט דער אייזערנער ווילן פון יאָסיף ס ט אַ ל י ן.





אָט וואָס מיר דאַרפן פעסט געדענקען אין אונדזער אַרבעט און אין אַלע ארויסטרעטונגען אונדזערע פאַר דער וועלט.

אונדזער ציל איז צו אָרגאַניזירן די ליטעראַטור אַלס איינהייטלעכע, קולטורעל־רעוואָלוציאָנערע קראַפט.

מיט שטאָלץ און פרייד עפן איך דעם ערשטן אין דער וועלט־געשיכטע צוזאַמענפאָר פון די ליטעראַטן פון דעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, וואָס נעמען אַרום אין זייערע גרענעצן 170 מיליאָן איינסן!

## פון גאָרקיס הויפּטרעדע אויפן צוזאַמענפאָר:

— — — די בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט אינגאַנצן פאַרלוירן די פייאיקייט אויסצודאַכטן אין דער קונסט. דער בורזשואַזער אינדיווידואַליסטישער ראָמאַנטיזם מיט זיין נייגונג צו פאַנטאַסטיק און מיסטיק וועקט נישט די פאַרשטעלונגסקראַפט, סטימולירט נישט דעם געדאַנק. אָפּגעריסן, אַבסטראַהירט פון דער ווירקלעכקייט, בויט ער נישט אויף דער איבערצייגונגסקראַפט פון אַ געשטאַלט, נאָר, כמעט אויסשליסלעך, אויפן כישוף פונם וואָרט.

— — — מיר אַלע — ליטעראַטן, אַרבעטער פון פאַבריקן, קאָלווירטניקעס, — אַרבעטן נאָך אַלץ שלעכט און קאָנען נאָך אפילו נישט אינגאַנצן באַהערשן אַלץ, וואָס איז געשאַפן פון אונדז און פאַר אונדז.

— — — מיר לעבן אין אַן עפּאָכע ווען עס ברעכט זיך גרינטלעך דער אַלטער שטייגער, אין אַן עפּאָכע ווען אין מענטשן וואַכט אויף דאָס געפיל פון זעלבסטווירדע, אין אַן עפּאָכע ווען ער דערקענט זיך אַליין אַלס קראַפט וואָס ענדערט ווירקלעך די וועלט.

— — — איך האַלט פאַר נויטיק אָנצואווייזן, אַ ז  ד י  ס אָ ו ו ע ט י ש ע  ל י ט ע ר אַ ט ו ר  א י ז  נ י ש ט  ב ל ו י ז  אַ  ל י ט ע ר אַ ט ו ר  פ ו ן  ד ע ר  ר ו ס י ש ע ר  ש פּ ר אַ ך,

נאָר אזוי איז אן אלפארבאנדישע ליטעראטור! די ליטעראטן פון אונדזערע ברידערלעכע רעפובליקן אונטערשיידן זיך פון אונדז בלויז מיט דער שפראך. זיי לעבן און ארבעטן בא דער שיין און אונטער דער פרוכטבארער ווירקונג פון דערזעלבער אידייע וואָס פאראייניקט די גאנצע וועלט פון ארבעטנדיקע. איז קלאָר — אז מיר האָבן נישט קיין רעכט צו איגנאָרירן די ליטערארישע שאפונג פון די נאציאָנאלע מינדערהייטן בלויז דערפאר וויל מיר זענען מער אין צאָל.

אויב מיר האָבן אין דער פארגאנגענהייט דעם גיגאנט פושקין, איז נאָך דערפון נישט געדרונגען, אז די ארמענער, גרוזינער, טאָטערן, אוקראינער און די אנדערע פעלקערשאפטן זענען נישט פייאיק צו געבן גרעסטע מייסטערס פון ליטעראטור, מוזיק, מאלעריי און ארכיטעקטור. מען דארף נישט פארגעסן, אז אויפן גאנצן שטח פונם פארבאנד פון סאָציאליסטישע רעפובליקן אנטוויקלט זיך שנעל דער פּראָצעס פון רענעסאנס פון דעם ארבעטערפאָלק — צו אן ערלעכן לעבן, א מענטשלעכן — צו פרייער שאפונג פון א נייער געשיכטע, צו שאפונג פון א סאָציאליסטישער קולטור.

— — — דערלויבט מיר איך צו דערמאָנען, אז די גרויס פון א פאָלק ווירקט נישט אויף דער קוואליטעט פון אירע טאלאנטן. די קליינע נאָרוועגיע האָט ארויסגעגעבן די ריזיקע פיגורן פון האמסון און איבסען. בא די אידען איז נישט לאנג צוריק געשטאָרבן דער כמעט געניאלער פּאָעט ביאליק, און אויסערגעוויינלעך טאלענטירט איז געוועזן דער סאטיריקער און הומאָריסט שלום עליכם.

(ליטעראטורנאיא גאזעטא, נומער 117, 2טן סעפטעמבער, 1934).



— — — איך האַלט פאר נויטיק, חברים, אייך מיטצוטיילן א בריוו וואָס איך האָב באקומען פון א טאָטערשן ליטעראט:

„די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אונדז, שרייבער פון די אונטערדריקטע און אָפגעשטאנענע פעלקער, געגעבן אומבאגרעניצטע מעגלעכקייטן, איינגעשלאָסן אויך די מעגלעכקייט ארויסצוטרעטן אין דער רוסישער ליטעראטור מיט אונדזערע, — אמת, נאָך ווייט נישט פולקאָמענע — ווערק. מיר, שרייבער פון נאציאָנאליטעטן וואָס דרוקן זיך אויף דער רוסישער שפראך, זענען שוין, ווי אייך איז באוואוסט, פאראן אין די צענדליקער און אפילו אין די הונדערטער. דאָס איז פון איין זייט. פון דער צווייטער — לייענען איצט די סאָוועטישע ליטעראטור אויף דער רוסישער שפראך נישט בלויז די רוסישע מאסן, נאָר אויך די ארבעטנדיקע פון אלע פעלקער פון ראטנפארבאנד. אויף איר דערציען זיך מיליאָנען פון דעם אונטערוואקסנדיקן דור פון אלע נאציאָנאליטעטן. אזוי ארום הערט שוין אויף די סאָוועטיש־פּראָלעטארישע קינסטלערישע ליטעראטור אויף דער רוסישער שפראך צו זיין די ליטעראטור אויסשליסלעך פון מענטשן וואָס רעדן אויף דער רוסישער שפראך און זענען פון רוסישער אָפשטאמונג, נאָר זי באקומט ביסלעכווייז א אינטערנאציאָנאלן כאראקטער אויך לויט איר פאָרם. דער דאָזיקער וויכטיקער היסטאָרישער פּראָצעס רוקט ארויס אין פאָדערגרונט גאָר אומגעריכטע, נייע אויפגאבן און נייע פאָדערונגען.

צום גרעסטן באדויערן פארשטייען דאָס נישט אלע שרייבער, קריטיקער און רעדאקטאָרן. דעריבער קוקט די אזוינע־רופענע אפּראָבירטע ליטערארישע געזעלשאפטלעכקייט, אין צענטער, נאָך אלץ אויף אונדז ווי אויף אן עטנאָגראפישן עקספּאָנאט! נישט אלע פארלאנגען נעמען אונדז אָן גערן צום ארויסגעבן. איינציקע געבן אָפטמאָל צו פארשטיין באם אויפנעמען מאנוסקריפּטן, אז מיר זענען פאר זיי א „ביי־הוצאה" אָדער א מין „צוואנג־

אַסאָרטמענט״, אַז זיי ״מאַכן באַוואוסטזיניק אַ ראַבאַט דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי״. דידאָזיקע ״איידלקייט־אָנשטעלן״ באַליידיקן אין אונדז ס׳געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער אייניקייט און דאָס באַוואוסטזיין פון אַ פולווערטיקן מענטשן.

די קריטיק, ווידער, ווען דאָס ווערק גייט אַרויס פון דרוק, כאַפּט זי זיך, אין בעסטן פאַל, אַרויס מיט אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער אויפן אַדרעס פון דעם אויטאָר פון דעם בוך, ווידעראַמאָל נישט אַזויפיל לויט די פאַרדינסטן, ווי צוליב דער ״אַכטונג״ צו דער לענין־סטאַלינשער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. דאָס דערציט אונדז נישט, נאָר פאַרקערט — אויף אייניקע ווייניק אויסגעפּרואוווטע חברים ווירקט דאָס דעמאָראַליזירנדיק. דערנאָך, נאָך דעם איינמאָליקן און געוויינלעכן 5,000 טיראַזש, וואָס ווערט אינגאַנצן אויסגעקויפט פון ליבהאָבער פון עקזאָטיק און זעלטנקייט אין די גרויסשטעט, גיט מען אונדז אָפּ אין אַרכיוו. אַזאַ פּראַקטיק, אַ חוץ דעם וואָס זי האָט אויף אונדז סיי מאָראַליש, סיי מאַטעריעל אַ שלעכטע ווירקונג, פאַרצאַמט זי דעם וועג צום מאַסן־לייענער און פירט אונדז צו אומפאַרמיידלעכער נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט.

אונדז וואָלט זיך, גאַנץ נאַטירלעך, געוואָלט הערן וועגן אונדזערע דערגרייכונגען, אויב מיר האָבן אַזעלכע, וועגן די דעפעקטן, וועגן די חסרונות אונדזערע, כדי זיי צו קאָנען שפּעטער אויסמיידן. עס וואָלט זיך געוואָלט אָנשלאָגן קאָנטאַקט מיטן מאַסן־לייענער״.

וואַרשיינלעך, (זאָגט ווייטער גאָרקי) זענען אונטער דעם דאָזיקן בריוו זיך גרייט אונטערצושרייבן די פאַרשטייער פון דער





ליטעראַטור פון אַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן און אויטאָנאָמע געגנטן. די היסטאָריקער און קריטיקער פון אונדזער ליטעראַטור דאַרפן שיינקען אויפמערקזאַמקייט דעם דאָזיקן בריוו און אָנהייבן אַן אַרבעט וואָס זאָל איבערצייגן די מענטשן פון אונדזער לאַנד, אַז כאָטש זיי זענען פאַרשיידנשטאַמיקע, פאַרשיידנשפּראַכיקע, זענען אָבער אַלע און יעדער פון זיי בירגער פון ערשטן סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד אין דער וועלט.

דעם פאָרוואָרף וואָס איז אַדרעסירט צו אונדזער קריטיק, דאַרפן מיר אָנערקענען פאַר אַ גערעכטן פאָרוואָרף.

די קריטיק, באַזונדערס די צייטונגסקריטיק, וואָס ווערט אַממערסטן געלייענט פון די שרייבער, די קריטיק אונדזערע איז נישט קיין טאַלאַנטפולע. זי איז אַ סכאָלאַסטישע און ווייניק ״גראַמאָטנע״ בנוגע דער לויפנדיקער ווירקלעכקייט. די נישטיקייט פון דעם בוך און צייטונגס־וויסן אַנטבלויזט זיך באַזונדערס בולט אין אונדזערע טעג, ווען עס ענדערט זיך שנעל די ווירקלעכקייט. די קריטיק האָט נישט אויסגעאַרבעט קיין אייניקייטלעכע, אָנפירנדיקע פילאָזאָפישע אידייע. זי באַנוצט זיך נאָכאַנאַנד מיט איינע און די זעלביקע פּאָר ציטאַטן פון מאַרקסן, ענגעלסן און לענינען. די קריטיק גייט כמעט קיינמאָל נישט אַרויס באַם אָפּשאַצן טעמעס, כאַראַקטערן, מענטשלעכע קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די פאַקטן וואָס עס גיט די דירעקטע באַאָבאַכטונג איבער דעם שטירמישן גאַנג פון לעבן.

אין אונדזער לאַנד און ארבעט איז פאַראַן אַסך אַזוינס, וואָס עס האָבן, נאַטירלעך, פשוט נישט געקאָנט פאָראויסזאָגן מאַרקס־ענגעלס.

די קריטיק זאָגט דעם שרייבער: "דאָס איז געמאַכט געוואָרן נישט ריכטיק, ווייל אונדזערע לערער זאָגן וועגן דעם אַזוי און אַזוי". אָבער זי פאַרשטייט נישט צו זאָגן: „דאָס איז נישט ריכטיק דערפאַר, ווייל די פאַקטן פון דער ווירקלעכקייט ווידערשפּרעכן דעם שרייבערס באַווייזן!"

פון אַלע פרעמדע געדאַנקען וואָס מיט זיי באַנוצן זיך די קריטיקער, האָבן זיי, ווייזט אויס, פאַרגעסן דעם ביזגאָר ווערטפולן געדאַנק פון ענגעלסן: "אונדזער לערע איז נישט קיין דאָגמע, נאָר אַ וועגווייזער צו טאַט!"

די קריטיק איז נישט גענוג ווירקנדיק, בויגעוודיק, לעבעדיק. און צו־לעצט: דער קריטיקער קאָן נישט אויסלערנען דעם שרייבער צו שרייבן איינפאַך, בולט, שפּאָרעוודיק — ווען דער לערער אַליין שרייבט באַריידעוודיק, בלאַס און — וואָס איז נאָך ערגער — אָדער גלייכגילטיק, אָדער צו היציק, דאָס לעצטע אין פאַל, ווען ער איז פאַרבונדן מיטן שרייבער דורך פערזענלעכע סימפּאַטיעס; און אָפטמאָל אויך צוליב די אינטערעסן פון אַ גרופּעלע מענטשן וואָס זענען קראַנק געוואָרן אויף "פירערשאַפט", אויף דער אָנשטעקנדיקער קריינק פונם באַלעבעסלטום.

ראַדעק:

— — — דער פּאַשיזם מיינט — אַ סוף צו דער גרויסער ליטעראַטור. ער איז דער אָנזאָג פונם פאַנאַנדערפאַל פון דער ליטעראַטור. דאָס מיינט נאָך נישט, אַז די ליטעראַטור קאָן שוין נישט געבן קיין ווערק פון גרויסער פאָרמאַליסטישער מייסטערשאַפט. די אַנטיקע וועלט איז





צעפוילט און חרוב געוואָרן — און אין די קלויסטערס האָט זיך אויפגע־היט מייסטערשאַפט וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אַלטערטום אין פע־ריאָד פון פאַנאַנדערבלי. אַזוי איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער צעפאַלונגספּראָצעס פונם קאַפּיטאַליזם זאָל פאַר אַ ווייל נישט שטאַרק שעדיקן די פּראָדוצירנדיקע כוחות אויף דעם אָדער יענעם געביט; אין דעם אָדער יענעם לאַנד.

עס מיינט נישט, אַז די קונסט דאַרף לחלוטין פאַרשווינדן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אפילו אינם בורזשואַזן לאַגער. עס מיינט בלויז — אַז קיין גרויסע ווערק קאָן אַט די קונסט, וואָס שטייט אין דינסט פונם אונטערגייענדיקן קלאַס, נישט געבן מער. זי קאָן נישט שאַפן קיין ווערק, קיין געשטאַלטן, וואָס זאָלן געפינען אַן אָפּרוף בא מיליאָנען מענטשן וואָס שטרעבן צו אַ בעסערן און אַ נייעם לעבן.

עס קאָן זיין, אין בעסטן פאַל, אַ קונסט פון מייסטער וואָס פאַרווייל־ן זיך, וואָס "פּראַווען אַ הוליאַנקע אין צייט פון אַ מגפה".

אַ היינטצייטיקער קינסטלער וואָס וויל נישט זיין קיין באַזינגער פון עקספּלואַטאַציע, קיין באַזינגער פון ביכער־פאַרברענער, קיין באַזינגער פון מאָרד, פון אומזיניקן אימפּעריאַליזם — אַזאַ מין דיכטער דאַרף אָפּשווימען פון די אַלטע צו די נייע ברעגן, וואו ס'בליט זיך פאַנאַנ־דער אַ ניי לעבן — — —

— — — צו אָט דער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן דורך די פּראָלעטאַרישע שאַפער, קומען צו הילף די רעוואָלוציאָנערע שרייבער וואָס רייסן אַוועק מיט דער בורזשואַזיע און הויבן זיך אָן צו דערנענטערן צום פּראָלעטאַריאַט. און ס'איז נישטאָ כמעט קיין איין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד וואו דער פּראָצעס זאָל נישט פאָרקומען. — — —

— — — דער פראָלעטאַרישער שרייבער באַזיצט נאָך מערסטנס נישט קיין הויכן גראַד קינסטלערישע פאָרם. די בורזשואַזע שול האָט אים נישט געגעבן קיין ליטעראַרישע קולטור, און דער פראָלעטאַרישער שרייבער דאַרף זיך דורכשלאָגן אַ וועג דורך שווערער אַרבעט אום צו דערגרייכן פאָרם, פונקט ווי ער קוואַליפיצירט זיך פאַר דער פאַבריק.

## בוכאַרין:

איך באַשטיי דורכאויס אויף דער נויטווענדיקייט צו דערהייבן מיט אַלע כוחות די פּאָעטישע פּראָדוקציע, וואָס זאָל אַרומנעמען אונדזער גיגאַנטישע טעמאַטיק מיט אַ הויכן גראַד פון קינסטלערישער פאָרם.

דערפאַר דאַרף זיין אונדזער לאָזונג: זיך לערנען און וואַגן! און מיינע אָפּאָנענטן (דעמיאַן ביעדני און אַנדערע) באַמיען זיך מיך פאָרצושטעלן ווי אַ ליקווידאַטאָר פון דער פּראָלעטאַרישער דיכטונג, בעת זיך אַליין באַטראַכטן זיי פאַר גאונים און זענען נישט שטאַרק באַגייסטערט פון דער אַרויסגעשטעלטער פּראָבלעם פון רויער און אָנגעשטרענגטער אַרבעט.

אויף קיין אַנדער קולטור־פראָנט איז בײַ אונדז אַזוי נישט שטאַרק דער אינדיווידואַליזם, רעשטלעך "אַבלאָמאָווטשינע", וואָס ווערן אָפּט פאַרוואַנדלט אין "קאָם־גאווה", ווי אין דער דיכטונג. אַ שטילשטאַנד און מורא פאַר נייע אויפגאַבן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דעם צווייג.

## אַנדרע מאַלראָ:

אַמעריקע האָט געוויזן, אַז געבן אויסדרוק צו אַ ריזיקער ציוויליזאַציע הייסט נאָך נישט באַשאַפן אַ ריזיקע ליטעראַטור, און די פאָטאָגראַפיעס



פון אַ גרויסער עפּאָכע זענען נאָך נישט די ליטעראַטור פון אַ גרויסער עפּאָכע. אין מאָסקווע האָב איך געפרעגט אַן אַרבעטער: צוליב וואָס לייענט איר? האָט ער מיר געענטפערט: "כדי זיך אויסצולערנען וויאַזוי צו לעבן".

קולטור — מיינט אַלעמאָל זיך לערנען. אַנטקעגן די גרויסע אינדיווידואַליסטישע עפּאָכן שטעלט דער קאָמוניזם אַרויס דעם לאָזונג וואָס פאַרבינדט בײַ מאַרקסן די ערשטע בלעטלעך פון דער "דייטשער אידעאָלאָגיע" מיט די לעצטע פאַרנאָטירונגען פון "קאַפּיטאַל": "מערער באַוואוסטזיין!"

## מאַרטין אַנדערסען נעקסע:

— — — אָפּטימיזם איז פאַראַן אַסך אין דער יונגער סאָוועטישער ליטעראַטור. ניכער פעלט אין איר הומאָר — און דאָס איז שווער צו פאַרשטיין. דערלויבט מיר אָנצואווייזן נאָך אויף איינס וואָס עס פעלט אין אייער ליטעראַטור. דאָס איז — פאַרבינדונג מיט דער פאַרגאַנגענהייט. אָפטמאָל באַם לייענען שאַפט זיך אַן איינדרוק, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט הויבט זיך קלאָמערשט אָן ערשט פון דער רעוואָלוציע און פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

## ערענבורג:

— — — מיר האָבן עפּעס אויפגעטון, נאָר מיר האָבן נאָך ווייט נישט אַלץ דערגרייכט! אונדזער נייער מענטש איז אָן אַ שיעור רייכער, ראַפינירטער, קאָמפּליצירטער, איידער זיין שאָטן אויף די בלעטלעך פון די ביכער.

— — — פאַרוואָס קאָן דער שלאָגלער נישט זיין קיין טרוימער? זאָגט, ווען וואָס טראַכט ער אין אָפּרוטאָג ווען ער קוקט אויפן וואַסער־

שפּיל פון טייך? צי איז דער בריגאַדיר נישטפּייאיס צו זיין אייער פּערזיכטיס, צו ליבן?

אונדזערע אַרבעטער זענען לעבעדיקע מענטשן. זיי אַרבעטן, זיי קעמפן, זיי ליבן, זיי לייענען ביכער, זיי פאַנטאַזירן און זיי זענען אַזוי נישט ענלעך אויף די קלאַסישע שלאָגלער פון אייניקע ביכער אונדזערע, ווי עס זענען נישט ענלעך געווען זייערע דערשלאָגענע און אומגליקלעכע עלטער־זיידעס אויף די גאַלאַנטע פּאַסטעכלעך פון די פּאַסטאָראַלן.

— — — צי קאָן מען אויפוואַרפן אַ שרייבער דאָס וואָס ער איז נישט איינפאַך? **אומפאַרשטענדלעך און קאָמפּליצירט שרייבן בלויז טאַלאַנטלאָזע מענטשן. יעדער אמתער קינסטלער שטרעבט צו איינפאַכקייט.** אָבער פון איינפאַכקייט ביז איינפאַכקייט איז פאַראַן אַן אונטערשייד. **פאַראַן אַן איינפאַכקייט וואָס פּאָדערט אַ צוגרייטונג כדי פאַרשטאַנען צו ווערן.**

באַבעל:

— — — באַנאַליטעט איז אונדזער שונא. אין דעם קאַמף זענען נויטיק ניט קיין סך ווערטער, ווייל די באַנאַלע ווערטער, די אויסגעטראַכטע, קאַזיאָנע, די שטאַמפּירטע ווערטער האָבן אונדז דערעסן. אַזוינע ווערטער זענען אפשר גאָר צו גונסטן בלויז די אונדז פיינטלעכע קרעפטן. באַנאַליטעט אין אונדזערע טעג — דאָס איז שוין נישט קיין שלעכטע כאַראַקטער־אייגנשאַפט. דאָס איז קאָנטררעוואָלוציע. באַנאַליטעט — אָט וואָס עס איז, לויט מיין מיינונג, אונדזער שונא.

די טעג בין איך געווען אַן עדות פון אַזאַ פאַל. אַ מאָנטיאָר האָט צעממיתט זיין פרוי. עס זענען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן. איך בין דאָרט געווען און זיך צוגעהערט, וואָס מען האָט גערעדט אַרום. איינער זאָגט: אַ מיאוסער מענטש. ער האָט דאָס ווייב געשלאָגן. דער



צווייטער זאָגט: דאָס איז אַן עפּילעפּטיק. דאָ קומט צו אַ דריטער און זאָגט: וואָס פאַר אַן עפּילעפּטיק — דאָס איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער.

איך האָב געשפּירט אַ רירנדיק געפיל, ווען איך האָב דערהערט די דאָזיקע ווערטער. אויב אין דער ברייטער מאַסע, אין דער געדיכטעניש פון אונדזער פאָלק איז אַריין אַזאַ גרויסער באַגריף ווען רעוואָלוציע, איז ווירקלעך דער נצחון אירער אַן ענדגילטיקער! דאָס דאָזיקע געפיל קאָנען ווערטער נישט אָניאָגן. אונדזער גרויסע דאַנקבאַרע אויפגאַבע איז פאַרפיינערן די דאָזיקע ווערטער.

איצט ווערן צום ערשטן מאָל פון דער געבײַדע פון סאָציאַליזם אַראָפּגענומען די ערשטע רישטאָוואַניעס. די סאַמע קורצזיכטיקע קאָנען שוין זען די קאָנטורן פון דער דאָזיקער געבײַדע, איר שיינקייט. און מיר אַלע זענען עדות דערפון, וויאַזוי אונדזער לאַנד, וויאַזוי אונדזער 170־מילאָניקע באַפעלקערונג האָט אַרומגעכאַפּט אַ מעכטיק געפיל, מען קאָן זאָגן, אַ געפיל פון פיזישער פרייד.

אָבער די אויסדריקער פון דער דאָזיקער פרייד הינקען בײַ אונדז אָפּטמאָל. און ס'פּאַסירט אַמאָל, אַז איינער אַ מענטש אַזאַ, אין תוך אַ טיף אומעטיקע פּערזענלעכקייט, הויבט מיטאַמאָל אָן קנאַקן ווען זיין פרייד, ער הויבט אָן נודען און הודען, און אויף אַזוינע זיך פרייענדיקע איז אַ נודאָטע צו קוקן.

אַ זייער אינטערעסאַנטע רעדע, וואָס איז וויכטיקער פאַרן שרייבער ווי פאַרן לייענער, האָט געהאַלטן יורי אָליאָשאַ, דער מחבר פונם רוסישן ראָמאַן "קנאה". איבערזעצונגען פון דער גאַנצער רעדע זענען פאַרעפנטלעכט אין דער "וואָכנשריפט" (נומ. 42), און אויך אין די "ליט־בלעטער" (נומ. 40), ביידע — וואַרשעווער שריפטן. די ערשטע רופט זי "כמעט אַ ווידוי", וואָס איז אַ גוטע כאַראַקטעריסטיק; אין דער צווייטער גייט זי אונטערן קעפּל: "די רעאַלע און גערעכטע וועלט", וואָס דאָס גיט בעסער איבער דעם סוף און דעם קלימאַקס פון דער אָפנהערציקער אימפּראָוויזאַציע.

## יורי אליאשא:

— — — און דערווייל האָט דאָס לאַנד געבויט פאַבריקן. ס׳איז געווען דער ערשטער פינפיאָר פון דער שאַפונג פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, און דאָס איז נישט געווען מיין טעמע. איך קאָן פאָרן אויף אַ בויאונג, לעבן אין אַ פאַבריק צווישן אַרבעטער, באַשרייבן זיי אין אַ נאָוועלע, אפילו אין אַ ראָמאַן. אָבער דאָס איז נישט געווען מיין טעמע, נישט געווען די טעמע, וואָס איז געגאַנגען פון מיין בלוטצירקולירנדיקער סיסטעם, פון מיין אָטעם. איך וואָלט נישט געווען אין דער־אָ טעמע אַן אמתער קינסטלער. איך וואָלט ג ע ל י י נ ט , אויסגעטראַכט, ס׳וואָלט נישט געווען דאָס, וואָס ס׳הייסט „רוח־הקודש״.

יעדער איינער קאָן שרייבן דאָס, וואָס ער קאָן שרייבן. מיר איז שווער צו פאַרשטיין דעם טיפּ אַרבעטער, דעם טיפּ העלד־רעוואָלוציאָנער. איך קאָן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין זיי. ס׳איז איבער מיינע כוחות, העכער פון מיין פאַרשטאַנד. דעריבער האָב איך וועגן דעם נישט געשריבן און קאָן נישט שרייבן.

— — — מיר אַלע, מיר די שריפטשטעלער, זעען נאָך זייער שלעכט די ווירקלעכקייט. אפילו דער פּייזאַש פון אונדזער לאַנד האָט זיך קאַרדינאַל געביטן: עס איז פאַרשוואונדן זיין קבצנישע בונטקייט: אַ העל בלוי פּאַסיקל האָבער און דערנעבן אַ שוואַרץ פּיצל אויפגעאַקערטע ערד, אַ גאָלדענע סטיינגע קאָרן און אַ גרינלעכער ווייץ — גאַנצע פּלאַסטן ערד פאַרוואָקסן מיט ווילד־גראָז — און איינגאַנצן געגומען אַ פאַרשיידן־קאָלירנדיקער אומעט פון אַלגעמיינער צעדרויבלקייט, אָפּגעריסנקייט. היינט־צו־טאָג זענען בײַ אונדז גאַנצע מאַסיוון, גאַנצע רחבותן געפאַרבט אין איין פאַרב. איבער די דערפער און קרייז־שטעטלעך הייבן זיך אויף אומגעהייער גרויסע, ריזיקע געביידעס פון פאַבריקן און רעדן צו אונדז וועגן דער טאַלענטירטקייט פון אונדזער פאָלק. אין אונדזער ליטעראַטור האָבן מיר נישט אָטדעם פּייזאַזש וועלכער האָט בולט געענדערט דאָס אויסזען פון אונדזער ערד.




אין אָטדעם לאַנד וואַקסט דער ערשטער יונגער דור, וואַקסט דער סאָוועטישער מענטש. ווי אַ קינסטלער וואַרף איך זיך אַרויף אויף אים: „ווער ביזטו? וועלכע פאַרבן זעסטו? חלומען זיך דיר חלומות? וואָס טרוימסטו, וויאַזוי שפּירסטו זיך, ווי האָסטו ליב, וואָס פאַר אַ געפילן פאַרמאָגסטו? וועלכער ביזטו? וואָס איז מער אין דיר — געפיל צי פאַרנונפט? קאָנסטו וויינען? ביזטו צאַרט? האָסטו פאַרשטאַנען דאָס אַלץ וואָס ס׳האָט מיך געשראָקן, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס איך האָב מורא געהאַט? ווי זעסטו אויס, דו, יונגערמאַן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט?״

איך גלויב אין דער יונגקייט פונם לאַנד. נישט מיין יוגנט וויל איך אומקערן, נאָר כ׳וויל זען די יונגקייט פון דעם לאַנד, דאָס הייסט — די נייע מענטשן.

איצט זע איך זיי, און איך פאַרמאָג דעם שטאָלצן געדאַנק, דעם שטאָלצן ווילן צו האַלטן, אַז זייער אָנהויבנדיקע יונגשאַפט איז אין אַ געוויסער מדרגה דער אומקער פון מיין יוגנט. דאָס סאַמע ערגסטע איז — זיך דערנידעריקן און זאָגן, אַז איך בין גאָר־גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט די אַרבעטער אָדער קאָמיוגען. ווי קאָן מען אַזוי זאָגן און ווייטער לעבן און אַרבעטן? ניין, ס׳קלעקט אין מיר שטאָלצקייט צו זאָגן, אַז נישט געקוקט אויף דעם — וואָס איך בין געבוירן אין דער אַלטער וועלט, איז אין מיר, אין מיין נשמה, אין מיינע געהירן, אין מיין פאַנטאַזיע, אין מיין לעבן, אין מיינע טרוימען דאָ פיל אַזוינס, וואָס שטעלט מיך אויף איין מדרגה מיט די אַרבעטער.

— — — איך, פּערזענלעך, האָב זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שרייבן וועגן יונגע. איך וויל שרייבן פּיעסן און דערציילונגען, וואו די פּערזאָנען וועלן לייזן די אויפגאַבן פון מאָראַלישן כאַראַקטער. ערגעץ־וואו לעבט אין מיר די איבערצייגונג, אַז קאָמוניזם איז נישט בלויז אַן עקאָנאָמישע, נאָר אויך אַ מאָראַלישע סיסטעם, און די ערשטע פאַרקערפּערער פון אָטדעם מין קאָמוניזם וועלן זיין די יונגע לייט און די יונגע מיידלעך.

מיין גאַנצע שפּירונג פון שיינקייט, פון גראַציעזקייט, פון איידלקייט, מיין גאַנצע וועלט־אויפפאַסונג — פון זען אַ בלעזערל, הענט, פּאַרענטשעס, אַ שפּרונג, ביז די סאַמע קאָמפּליצירטסטע פּסיכאָלאָגישע קאָנצעפּציעס — וועל איך זיך באַמיען צו דערווייזן, אַז די נייע, סאָציאַליסטישע באַציאונג צו דער וועלט איז אין דעם ריינסטן זין אַ מענטשלעכע באַציאונג.

אַזוי זעט אויס דער אומקער פון דער יונגקייט. די וועלט מיט אירע גראָזן, באַגינענס, פאַרבן איז פּראַכטפול, און שלעכט האָט זי געמאַכט די מאַכט פון געלט, די מאַכט פון מענטש אויף מענטש.

זי איז געווען פאַנטאַסטיש און דערווידערלעך, אָטדי וועלט, בײַ דער מאַכט פון געלט. איצט, דאָס ערשטע מאָל אין דער קולטור־געשיכטע, איז די וועלט געוואָרן רעאַל און גערעכט.

## בערגעלסאָן:

— — — „עס וועט נישט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור בײַ היינטיקן טאָג איז די אָנפירנדיקע ליטעראַטור פון דער גאַנצער וועלט, ווייל זי באַאיינפלוסט פאָרמאַל און אידייאיש די בעסטע אויסלענדישע מייסטערס.

הייסט עס אָבער, אַז מיר קאָנען זיך צופרידנשטעלן מיט אונדזערע דערגרייכונגען? בשום אופן נישט! מיר נעמען אָפּט ריזיקע טעמעס, נאָר מיר ספּראַווען זיך נישט מיט זיי, ווייל אונדזערע טעכנישע מיטלען אַנטשפּרעכן נישט צו די גראַנדיעזע אויפגאַבן וואָס אונדזער ווירקלעכקייט שטעלט פאַר אונדז".

בערגעלסאָן האַלט, אַז פאַרן סאָוועטישן שרייבער איז נישט גענוג איבערצונעמען די טעכנישע דערגרייכונגען פון דער בירגערלעכער ליטעראַטור, אַפילו ווען זיי זאָלן קריטיש איבערגעאַרבעט ווערן, ווייל דער אינהאַלט פון לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אַריבערגעוואָקסן



די אַלטע קריטעריען פון טיפּאַזש, און די קאָמפּאָזיציע פון די ווערק בײַ סאָוועטישע שרייבער מוז זיין פול קאָמפּליצירטער און ברייטער. די סאָוועטישע ליטעראַטור קאָן זיך נישט אַנטוויקלען אין די גרעניצן פון דער „איינליניקייט און איינפּלאַניקייט" וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בירגערלעכער ליטעראַטור פון די לעצטע יאָרן און איז מיט איר פאַרבונדן אַזוי אָרגאַניש. די בירגערלעכע ליטעראַטור איז גאָר נישט פאַראינטערעסירט צו געבן דאָס לעבן אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען; פּונקט פאַרקערט — איר אויפגאַבע איז צו איזאָלירן אירע העלדן פון דער גאַנצער דיאַלעקטיק פונם ארומיקן לעבן, ארויסצורוקן אין פראָנט די פּערזענלאַכקייט פונם העלד און צו דערמוטיקן זיין יחידישע זשעדנעקייט. ער ברייננגט אַביישפּיל איינס פון די מערקווירדיקסטע ווערק פון דער מערב־ליטעראַטור אין די לעצטע יאָרן: קנוט האַמסונס „ברכה פון דער ערד", וואו דער מחבר, שילדערנדיק דעם מאַטעריעלן וואוקס פון זיין העלד, דערמאָנט אַפילו מיט קיין איין וואָרט נישט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַן אינדוסטריעלער צענטער, אַ ש ט אָ ט וואָס קאָרמעט זיין פּויערשע באַלעבאַטישקייט מיט איר טעכניק. אויף די גרונטפּראָצעסן פון דער בורזשואַזער סאָציאַלער ווירקלעכקייט ווערט ארויפגעוואָרפן עפּעס אַ מין שלייער. אויף אַ שטרעקע פון פיר הונדערט זייטן גריבלט זיך האַמסון אין איין־איינציקער, פולשטענדיק איזאָלירטער קולאַקישער ווירטשאַפט.

צום שלום רעדט בערגעלסאָן וועגן דער „אויסערגעוויינלעכער פּאָעמע" פון דער לענין־סטאַלינשער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק: „כ'וואָלט וועלן — זאָגט ער — אַז פון אָט דער טריבונע, וואו די אידישע ליטעראַטור פאַרנעמט אַ ג ל י י כ ן פּלאַץ אין דער משפחה פון די גרויסע ליטעראַטורן פון אונדזער פאַרבאַנד, זאָל מיין שטים דערגרייכן מיט דער גאַנצער קראַפט ביז צו אַלע לענדער וואו עס לעבן די אונטערדריקטע אידישע מאַסן; איך וואָלט זיך געוואונטשן, אַז זיי זאָלן מיך דערהערן און אַז זיי זאָלן דערפילן און פאַרשטיין, אַז נאָר אין אַן איינגן צוזאַמענבונד מיט די פאָרטגעשריטענע, רעוואָלוציאָנערע ארבעטערמאַסן פון די לענדער וואו זיי וואוינען קאָנען זיי נע-

ווינען די פולע פרייהייט — די פרייהייט מיט וועלכער עס לעבט און אָטעמט דאָס גאַנצע לאַנד אונדזערס, די פרייהייט וואָס איר אָטעם שפּירן מיר די גאַנצע צייט אין אָט דעם זאַל". —

### מ. ליטוואַקאָוו :

די אידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור קומט צום צוזאַמענפאָר מיט וויכטיקע דערגרייכונגען. די געבורט און אַנטוויקלונג פון דער אידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור איז שוין פאַר זיך אַליין אַ דערגרייכונג. ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין ירושה פון רעוואָלוציאָנערן טיפּאַוש אין דער פּראָזע, און קיין באַפרייערישע, רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון אין דער פּאָעזיע. סיידן מען זאָל אינזינען האָבן די האַלב־סאָציאַליסטישע און האַלב־אַנאַרכיסטישע פּאָעטן פון די 80ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט.

ביז אָקטאָבער איז דער געוויינלעכער טיפּ אין דער אידישער ליטעראַטור געווען דער קליינבירגער, דער קליינשטעטלדיקער דאָן קיכאָט, דער דעקלאַסירטער "לופט־מענטש".

— — — אין דער היינטיקער אידישער ליטעראַטור אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מיטן אויסנאַם פון דער וואַקסנדיקער צאָל רעוואָלוציאָנערע שרייבער, לעבן נאָך איצט די זעלביקע טראַדיציעס. די ליטעראַטור איז פול מיט נאַציאָנאַל־פּאַשיסטישע געשטאַלטן, שטימונגען און מאָטיוון. די ליטעראַטור גיט זיך אָפּ מיט מיסטישן משיחיזם, מיט עראָטישן חסידיזם, מיט שאָוויניסטישער איינגליבע.

דערפאַר שטעלט מיט זיך פאָר די אידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור לויט איר צילבאַוואוסטקייט און טעמאַטיק אַ גאַנץ נייעם און אַנדערשדיקן אָנהויב אין דער געזעלשאַפטלעכער ליטעראַטור.

דערפאַר קומט די סאָוועטיש־אידישע ליטעראַטור צו דעם צוזאַמענפאָר פון סאָוועטישע שרייבער ווי אַ ליטעראַטור פון אינגאַנצן אַ נייער און אַנדערשדיקער סאָוועטיש־אידישער נאַציע, מיט נייע, ביז איצט



נאָך נישט געשילדערטע אין דער אידישער ליטעראַטור, טיפּן און עמאָציעס.

### איציק פעפער :

דער בליק פון די בעסטע מענטשן איז איצט געווענדט צו אונדזער ליטעראַטור. אין דער צייט וואָס אַ מוטנע כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם פאַרפלייצט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דערקלערט דער ראַטנפאַרבאַנד בירא־בידזשאַן פאַר אַ אידישער רעפּובליק.

— — — די אידיש־סאָוועטישע שרייבער, ווי די אַרבעטערמאַסן, האָבן בלויז איין היים; און דאָס איז דער סאָוועטנפאַרבאַנד. דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיי אויפגעהויבן פון פאַרוואָרפענע ווינקלען, פון פאַרוואָרלאָזטע שטעטלעך; ער האָט מקבר געווען "די אידישע פּראָגע", די פּראָבלעם פון וואָוינרעכט — דעם שענדלעכן אָנדיינק פון צאַריסטישן רעזשים. די אידישע שרייבער וועלן אָפּגעבן אַלע זייערע כוחות און פייאיקייטן, זייער נייער גרויסער היים. זיי וועלן דאָס אָפּגעבן צו דער גרויסער פּאַרטיי פון לענין און סטאַלין.

### איזי כאַריק :

— — — עס איז צום באַדויערן וואָס חבר בוכאַרין האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין זיין פּאָרטראָג אויף דער ליטעראַטור פון די סאָוועטישע פעלקערשאַפטן — דאָס וואָלט אַסך רייכער געמאַכט זיין פאָרטראָג. ער וואָלט זיך כאָטש געדאַרפט אָפּשטעלן אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון ליד — אין וואָס אַסך פון אונדז זענען פאַראינטערעסירט. און אויף דעם געביט קאָנען שוין די סאָוועטישע פעלקערשאַפטן פאַרצייכענען אַסך נצחונות און דורכפאַלן.

— — — אונדזער לעבן פירט אונדז צו גרויסע פאַרנעמען, און מיר דאַרפן נאָך מער אַקטיוו זיך אָנשליסן אין אונדזער גרויסער געגנוואַרט, מיר דאַרפן דערלערנען די פאַרגאַנגענהייט און מוטיק

אריינקוקן אין דער צוקונפט — אין דער קומענדיקער קלאסנלאָזער, סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

## א. כאַשין:

אונדזער קריטיק איז זיכער דער שוואַכסטער צווייג אין אונדזער ליטעראַטור. מיר האָבן נאָך נישט קיין קריטישע ארבעטן וואָס קאָנען זיך אוועקשטעלן אויף דער זעלבער קינסטלערישער הויך ווי געוויסע לידער און פּראָזע־ווערק.

און אויב די רוסיש־סאָוועטישע ליטקריטיק איז הינטערשטעליק, געפינט זיך אונדזער אידישע ליטקריטיק אין אסך אַן ערגערער לאַגע.

דער הויפּט־חסרון אין דער אידישער, ווי אין דער גאַנצער סאָוועטישער ליטקריטיק איז דאָס וואָס עס פעלט קאָנקרעטקייט. דאָס אָפּגעריסן זיין פון קאָנקרעטקייט איז *די שווערע ירושה פון דעם ראַפּפּ.*

### III

דער ערנסט און די פייערלעכע רעדעס פוןביידע שרייבערשע צוזאַמענפאָרן האָבן מאַניפעסטירט דעם שאַרפן שניט און פאַנאַנדערטייל וואָס קומט פאָר אין דער קונסט- און קולטור-וועלט. דער טראָר און דער חוצפּהדיקער אָנגריף פון פאַשיזם טרייבט־אונטער די פאַנאַנדערשיידונג, און א גרויסע צאָל פון די ערלעכערע און ביז נישט לאַנג נאָך זיך וואַקלענדיקע פאָרשטייער פון דער בורזשואַזער קולטור-וועלט פאַרקירעווען זיך לינקס. אמת, די אָריענטירונג קומט נישט אַלעמאָל פון דעם געפיל פאַר סאָציאַלן יושר — גאַנץ אָפט איז עס אַן ארויסקום פונם אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג אין אָנגעזיכט פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט.

א גוטערביישפּיל איז דער באַוואוסטער נאָוועליסט אנדרע זשיד. שוין אָפּגערעדט פון אזעלכע ווי ראָמען ראָלאַן, נעקסע, אנרי באַרביס, מאַלראָ און אסך אנדערע.




א גוטער ביישפּיל איז אויך דער פאַל מיט דעם באַוואוסטן שפּאַניש־פּראָנצויזשן דיינקער און קריטיקער ראָמאַן פערנאַנדעז. אין זיין „אָפענעם בריוו צו אנדרע זשיד" האָט ער חרטה פאַר מוסרן אמאָל זשידן פאַר זיין סאָציאַלן באַקער. ער גיט צו, אז זשיד האָט פריער פאַר אים דערזען די דראָענדיקע געפאַר און דעם איינציקן אויסוועג — צוצושטיין לינקס. —

פערנאַנדעז גיט צו אין זיין בריוו, אז ביז די בלוטיקע פעברואַר־געשעענישן אין פאַריז האָט ער נאָך אַלץ געגלויבט אין די פרומע פאַשיסטישע אָנשטעלן. און איצט דערקלערט ער אָפן:

„פאַשיזם איז זייער א פּיפּיקע נעץ פאַר גוטמיינענדיקע בורזשואַזע אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען אינדיפערענט און פויל, ווי ס׳איז דער פאַל מיט אַלע די וואָס קריגן ארויס פּראָפיט פון אַן איינגעשטעלטער פאָרם פון געזעלשאַפט.

— — — אמאָל פלעגט דער ליבעראַליזם די אינטעלעקטואַלן פאַרטיידיקן פון סאָציאַלן דרוק. היינט איז דער ליבעראַליזם טויט, און *רעכטס* איז גאָרנישט נישטאָ. אונטער די שיינע ווערטער פון די רעכטע איז, אחוץ פאַרצווייפל פון איינגעשרומפּענע געלטזעק מיט פאַרמינערטע צינזן, גאָרנישט נישט געבליבן! מאַרקס האָט דאָס קלאָר געזען. *איך קלייב אויס דעם לאַגער פון די מיט ליידיקע קעשענעס*".

בא אונדז, אין דער אידישער ליטעראַטור, איז די לינקע אָריענטירונג פאָרגעקומען נאָך מיט יאָרן פריער איידער דער פאַשיזם איז געוואָרן אַקטועל. אָבער די דיפערענצירונג (ווי כמעט אַלץ בא אונדז) האָט אָפטמאָל אָנגענומען א רויע און אומגעלומפּערטע פאָרם. דער נאַטירלעכער גאַנג און דערפאָלג פון דער דיפערענצירונג איז אסך געשטערט געוואָרן, און אונדזער צוקינפטיקער סאָציאַלער היסטאָריקער וועט האָבן אסך פאַרוואָס *צו טאַדלען גראָד די*

וואָס האָבן — אפשר אומבאוואוסטזיניק, מיט זייער שלעכטער טאַקטיק — אָפּטמאָל ארויסגעהאָלפן די שונאים פון רעכטס דערמיט, וואָס זיי האָבן נישט אונטער־שיידט פון פריינט ביז פיינט.

אָבער, פון דער צווייטער זייט, איז אָנגעזיכט פון דער אָפענסיווע וואָס ווערט אָפּטמאָל געפירט אנטקעגן דעם סאָוועטנפארבאנד, אנטקעגן סאָוועטישע אויפטואונגען, פון די אזויגערופענע אומפארטייאישע — פאלן אוועק אסך פון די טענות, ווערט אפילו אמאָל פארשטענד־לעך די אומגעזונטע קאָם־גאוה פון אייניקע סאָוועטישע שרייבער.

איין ביישפיל: אין לאָנדאָנער "דאָס נייע וואָרט", רעדאַקטירט פון י. נ. שטיינבערג, לייענען מיר אין נומער 47 א באריכט וועגן דעם מאָסק־ווער שרייבערשן צוזאמענפאָר, פון איינעם א. ש. — שרייבט ער:

"ווען עס קומען זיך צונויף די בעסטע מענטשן פון בעסטן לאנד, איז נאָך נישט קיין ראיה, אז זיי וועלן נישט רעדן קיין נארישקייטן, אפילו — קוואליפיצירטן שטות.

נישט, חלילה, ווייל זיי זענען נאָך נישט גענוג "אָרגאניזירט", נאָר טאַקע מהאי טעמא — ווייל זיי זענען שוין לכתחילה צו שטארק איבער־אָרגאניזירט. דער צוזאמענפאָר האָט נישט מער ווי באשטעטיקט די דירעקטיוון פון צ.ק.: אלע שרייבער אין רוסלאנד זענען מחויב זיך צו האלטן בא דער ליניע פון "סאָציאליסטישן רעאליזם". זיי מוזן שרייבן — אזוי איז בפירוש געזאָגט געוואָרן — באָלשע־וויסטיש טענדענציעז. זיי זענען אלע אריין אין א פארבאנד, וואָס דאָס איז בא אים א פונקט פון סטאטוט. די נייע אָרגאניזאציע פאר־ענדיקט בלויז א פראָצעס פון דעזאָרגאניזאציע, פון יענעם פראָצעס, וואָס האָט צעטרייסלט און חרוב געמאכט אין רוסלאנד דעם שרייבערס פאראנטוואָרטלעכקייט פאר זיין אייגענעם מאָראלישן און קינסטלערישן געוויסן. פון סעפטעמבער אָן איז פאראן דאָרטן א גאנצער פאָלק שרייבער, איינגעטיילט אין באטאליאָנען לויט די פראָווינצן. אויב



עס איז נאָך דאָ א האָפנונג פאר דער גרויסער רוסישער ליטעראטור, קאָן זי געבויט ווערן נאָר אויף די "דעזערטירן". עס איז פאראן צייטן אין דער געשיכטע, ווען זיין א "דעזערטיר" קאָן ווערן דער גרעסטער כבוד".

די ציטאטע איז בלויז איין ביישפיל פון אומפריינטלעכער פאלשער אויסטייטשונג פון דעם וואָס איזווירקלעך פאָרגעקומען אויפן צו-זאמענפאָר.

אָבער דאָס איז נישט דער איינציקער פאל ווען אומפארטייאישקייט פארראט די אומפארטייאישע.

די אויבנגעבראכטע אויסצוגן ריידן פאר דעם ערנסט־גייסט וואָס האָט געהערשט אויף דעם שרייבערשן צוזאמענפאָר, און זאָל דער פארגלייך און אונטערשייד צווישן די צוויי שרייבערשע קאָנגרעסן און דער "אומפארטייאישער" באריכט אין "דאָס נייע וואָרט" עדות זיין פון דעם פראָצעס פון דער דיפערענצירונג וואָס קומט פאָר פאר אונדזערע אויגן; און אז אין איצטיקן מאָמענט איז נישטאָ אזא פלאץ (סיידן אין גן־עדן) ווי א באקוועמע גאָלדענע מיטל — פאר די אזויגערופענע אומפארטייאישע.

## צייטשריפט

„ב ר י ק ן", נומער 4, סעפּט. 1934.

זייער אַ רייכער נומער, 192 זייטען, אַרויסגעגעבן „שיין" — לויט אונדזער השגה — פאַבריקמאַכעריש שיין. אַזאַ מין שיינקייט פּאַסט זיך פאַר אַ רעקלאַמע וועגן זייף אָדער פּאַרפומען. דער אינהאַלט איז בעסער. מיר ציען אַרויס אַ פּאָר „פּאַסטרינגעס", ווי מ'וואַרפט אונדז דאָרט פּאָר:

יעקב גלאַנץ, וועגן ב. י. ביאַלאָסטאָצקין. אַ לאַנגער אַרטיקל, 16 זייטן. רופט אַרויס פאַרדראָס דערמיט, וואָס דאָ און דאָרט בליצט אַרויס אַ געדאַנק און ווערט פאַרגאָסן און פאַרפלייצט דורך אַ ים פון ווערטער און ציטאַטן. די תאווה צו ריידן אַ סך איז נאָך שטאַרקער דערמלט, ווען אַ מענטש האָט דאַווקע יאָ וואָס צו זאָגן. די קונסט פון בויען — קאָמפּאָזיציע — באַשטייט אין נישט אַרויסוואַרפן קיין מאַטעריאַל און אין שפּאָרן די געדולד און אויפמערקזאַמקייט פונם לייענער. דאָס באַציט זיך אויף י ע ד ע ר פאָרמע פון ליטעראַטור.

פון גרשון פּאָמעראַנצ'ס „אין פאַרמעסט", אין דעמזעלבן נומער „בריקן".

— — — „אין אַזאַ דערנענטערונג און פאַרמעסט וועט דער אידישער שרייבער במילא דערפילן און דערזען, אַז אַ טאָג באַם מאַשין אין געיעג נאָך ברויט איז טראַגישער און ווייטיקדיקער ווי „די לבנה האָט היינט נישט געשיינט".

דער שרייבער וועט אין אָט דער דערנענטערונג דערזען דעם מענטש און דעם איד, און ער וועט מיטאַמאָל דערזען ווי עס נייען מלכות און מלכים אין שאָפּ, און דאָרט (אין שאָפּ) איז יעדע רגע אַ נייער „קידוש השם".





— — — אויב אין דעם נייעם אידישן וועלט־לעבן זענען נישטאָ די טראַדיציעס פון יאָרהונדערטער לענגענדעס און מעשיות, איז דאָ די גרעסטע טראַדיציע: די טראַדיציע פון אַן אַרבעטער־לעבן; וואָס עס איז נישטאָ אין אונדזערע אַלטע היימען.

עס שרייען סאַבוועס.

עס שרייען מאַשינען.

עס רעווען שיפן.

אין מיט פון דעם אַלעם שרייט דער איד ז י י ן און אַלעמענס געשריי.

אַזוי שוין זעקס צענדליק יאָר.

ס'איז דאָ גענוג טראַדיציע.

זאָלן די אידישע שרייבער די דאָזיקע טראַדיציע דערפילן און דערזען אין זייער פאַרמעסט „אונטערצוקומען" דעם לייענער, דעם אידישן לייענער אין אַלע וועלט־טיילן.

ווער האָט עס אויסגעמאָסטן און אָפּגעוואויגן גענוי וויפל יאָר עס איז גענוג צו לעבן, בכדי מען זאָל שוין קאָנען צוחתמענען דאָס וואָרט טראַדיציע?"

עס איז כדאי צו לייענען „נויאָרק — זשאַרגאָנישע שטאָט" און „די באַלאַדע פון מיינע קינדער" — ביידע פון מאַטעס דייטש. מ. ג. ניצים האָט אַ לאַנגע דערציילונג „באָדן": אַ פאַרזוך צו באַהערשן דעם אַלטן מאַטעריאַל („ליבע און אייפערזוכט"!) אויף אַ נייעם טעכנישן אופן, אָבער — עס איז צו טעכניש אויסגעפירט. —

אין יולי־נומער ״צוקונפט״:

״געזאַנג אויף ימים צו מאַמע־לשון״, פון מלך ראַוויטש. אַ הייסע און פּשוטע דערקלערונג אין ליבע צו אונדזער שפּראַך. דער אָנהויב:

״פאַרשטויסענע מאַמע, לשון פון אונדזער פּראָסטן פאָלק, ◈ אומעטום דיזעלבע, אָרים־הייליקע, אויף אַלע פינף קאָנטינענטן. ◈ דער מידער קאָפּ אין דיין שויס, די ליפּן וועלט־ווינט און וועלט־צער פאַרברענטע, ◈ זייך איך, דיין זון, באַ דיינע פּיס. ◈ לאָז מיך קושן דיינע אַלטע שקראַבעס; ◈ צינד־אָן די ליכט אין די קאַרטאָפליעס־לייכטער: באַ דיר איז אייביק שבת! ◈ נאָר באַ מיר, באַ מיר איז שטענדיק אינדערוואָכן, ◈ אַלע מיינע געטער האָב איך אַליין צעבראָכן, ◈ אַלע מיינע גלויבנס האָט די וועלט צעשטאָכן״.

דער סוף:

דיך האָב איך געפונען, מאַמע, ◈ ווען אַלץ איז שוין פאַרלוירן! ◈ ווען אַלץ וועט גיין צום שטאַרבן, ◈ וועסט דו נאָך אין געזאַנג און אין וויי ◈ אַ נייע וועלט געבוירן!״

וואָס דאָס דערמאָנט אָן א. לעיעלעסעס אויסגעשריי, אין איינעם פון די ערשטע נומערן ״אינזיך״: ״אידיש וועט אמאָל נאָך אויפרייסן דעם אוניווערז!״ —

״אויפקום״, דעצ., 1934:

דריי בירָאבידזשאַן־לידער פון ז. ווײַנפּער. דאָס וואַרעמסטע צווישן זיי: „אין גומענע שטיוול״ איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ווײַנפּערן, וועלכער ווײַנט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט. —



סטודיאָ, נומער 2:

ר. אייזלאַנדס אַרטיקל וועגן סטעפאַן געאָרגע איז אַ זייטנליכט אויף דעם ענין היטלעריזם: דער פּראָווידיאַנישער צוגאַנג איז צו שמאָל אויף צו דערקלערן די גאַנצע דערשייונג. עס באַלייכט אפשר די ווילדע פאַרמען וואָס דער היטלער־פאַשיזם האָט אָנגענומען, אָבער דעם תוך זיינעם קאָן קלאָר מאַכן בלויז אַ סאָציאַלער צוגאַנג.

ב. ריווקין, אין ״דאָס ליד וואָס ווערט באַלד מקוים״ (שלום פון נומער 1), וואַרפט מיט לאָזונגען אין סימבאָלן, ווי אַ קינד וואָס פאָכעט מיט אַ ברענענדיקער ראַקעטע ניטקוקנדיק וואוהין די פונקען פאַלן: ״משיח״, ״נביא״, ״לידער וואָס זענען עבודה״... דאָס זענען אַלץ אויסגערינטע סימבאָלן וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן אפילו די שאָטנדיקע עקזיסטענץ זייערע, און וואוהין עס פירן פאַרזוכן זיי אויפצולעבן קאָן מען זען באַם פינצטערן ליכט פון די לעצטע פּאַסירונגען אין דעם פּאָליטישן לעבן פון דער וועלט. ״משיח״... פאַר די מאַסן מיינט עס: אַ דערלייזער — אַ פירער — פאַרוואָס ניט אַ היטלער? פאַרן יחיד איז עס: קאָנצענטראַציע אויף פערזענלעכער דערלייזונג — אויפן אייגענעם ״געוויסן״ — אויפן אייגענעם איך — איכיזם.

די ווירקונג פון דער פאַרעלטערטער סימבאָליסטיק אויף אונדזער פּאָעזיע איז אויך געווען אַ ניטגינסטיקע: משה לייב האָט זיך ניטאיינמאָל דערשריגן צו הייזעריקער, טונקעלער פּראָזע — טאַקע צו פּראָזע ממש, און ניט צו דער ״עקסטרעמער פשטות פון פאָרם״; ביי לייוויקן האָט עס געפירט צו אַ פאַרשפּעטיקטן צוריקקער צו דער אַלעגאָרישער סימבאָליסטיק פון אַ לוצאַטו, פון אַ ״לישרים תהלה״, וואו דער ״אמת״ און דער ״שקר״ פּאַראַדירן אין הויזן ווי לעבעדיקע מענטשן — ווי אין דער ״גאולה־קאָמעדיע״ און זיינע אַנדערע ווערק פון דעם שניט.

וואָס איז שייך צו "באַלד מקוים ווערן" און צו "עבודה", איז דאָס האַרסט־ווערסעל־ליד "באַלד מקוים געוואָרן", און די "עבודה" פון רע־ליגיעזע פּראָצעסיעס האָט אַלעמאָל געהאַט אַ נייגונג צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פּאָגראָם אויף אידן אָדער בכלל אויף אַנדערש־גלויביקע. —

צבי הירשקאַן גיט אַ פּאָרטרעט פון ביאַליקן אין מערערע פּאַסעטן — "קוביסטיש" אויסגעפירט. נאָך ביאַליקס טויט האָט שלום אַש גע־שריבן: "נישטאָ מער דער מענטש ביאַליק, עס הויבט זיך אָן די לעגענדע ביאַליק". זייער גוט. אָבער עס איז צייט אַז די לעגענדע זאָל זיך אויסלערנען ליב צו האָבן דעם אמת און ניט צו גערייען אויף שיינע ליגנס. —

א. גרינבערג, אין דער פּאָעמע "מיטזומער נאַכט", באַמיט זיך אַריינ־דרינגען מיט זיין בליק אין דער אינטימקייט פון אָן אַנדער לעגענדע. שוין פיר הונדערט יאָר אַז דער מענטשלעכער געדאַנק הערט זיך ניט אויף צו אינטערעסירן מיט דער רעטענישדיק־פילזייטיקער געשטאַלט וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. —





## שרייבטיש

### אברהם משה דילאָן

באַ דער לויה פון א. מ. דילאָן האָבן אַלע קאָלעגן־שרייבער געוויינט ווי די ביבערס. פאַרוואָס האָבן זיי געוויינט? אַז אַ מענטש שטאַרבט איז נישטאָ וואָס צו וויינען: דער סך־הכּל איז אונטערגעפירט — אַלע חשבונות זענען געענדיקט — פולשטענדיקע רו איז דערגרייכט פאַרן אַוועקגעגאַנגענעם און, אין באַצוג צו אים, פאַר די לעבנגעבלי־בענע.

און אויב וויינען — פאַרוואָס אַזוי שפּעט? באַדאַרפט וויינען פריער, ווען ער האָט געלעבט, פאַר דעם סאָרט לעבן וואָס ער האָט אַריינגע־קראָגן. עס ווידערהאָלט זיך די געשיכטע מיט משה לייב האַלפּערן. די טעג האָב איך געהערט אויף דער ראַדיאָ, אויף דער „פאָרווערטס" שטונדע, ווי עס ווערט אַנאָנסירט, אַז עס וועט געזונגען ווערן אַ ליד „פונם פאַרשטאָרבענעם פּאָעט משה לייב האַלפּערן". פריער האָבן זיי אים געלאָזט „פאַרשטאַרבן" — אונטער „זיי" מיין איך אַלעמען: דעם „פאָרווערטס", די אַנדערע צייטונגען, די חברים־שרייבער, — און איצט זינגען זיי זיינע לידער.

אָך, נישטאָ וואָס צו ריידן און נישטאָ צו וועמען. און צום לייענער זאָג איך: ווין נישט אויפן טויט פון אַ דאָקטער (דיכטער)! ווייל אויב דו ביזט צו אים בלויז ג ל י י כ ג י ל ט י ק באַ זיין לעבן, זענען זיינע חברים שרייבער צו אים — ווי די וועלף.

### פלאָראַ יהואש

צו דער לויה פון פלאָראַ יהואש איז געקומען זייער אַ גרויסער עולם פון דער שרייבערישער און קולטורטוערישער וועלט. די פאַרשטאָרבענע

איז געווען פֿיל מער ווי בלויז די אלמנה פֿון איינעם פֿון די אָנגעזעענסטע אידישע דיכטער. יהואש האָט געהאַט דאָס גליק צו האָבן אַ לעבנספֿריינט וואָס האָט גענומען אַן אַקטיוון אינטערעס אין אַלע זיינע טעטיקייטן בעת זייער צוזאַמענלעבן און האָט ניט אָפּגעלאָזן איר האַנט אפֿילו נאָך זיין טויט. כמעט ביז די לעצטע טעג פֿון איר לעבן האָט זי געאַרבעט אויף בריינגען אין אָרדנונג זיין ירושה און באַזונדערס איבער דעם וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר זיין וויכטיקסטער אַרבעט: די איבערזעצונג פֿון דער ביבל. אירע כּוחות זענען אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט דער פֿאַרענדיקונג פֿון איר אַרבעט. —

## מ. ל. האַלפּערנס ירושה

עס זענען אַרויס פֿון דרוק צוויי נייע בענדער פֿון מ. ל. האַלפּערנס לידער. דער ערשטער באַנד אַנטהאַלט די ערשטע זאַמלונג פֿון געדרוקטע זאַכן, דער צווייטער — לידער פֿון מאַנוסקריפּט, די אייגנטלעכע ירושה. עס זענען נאָך פֿאַרבליבן אַ סך פֿון זיינע שריפֿטן אין פּראָזע; האָפֿנטלעך, וועלן זיי אויך ווען עס איז געפֿינען אַ תּיקון. —

## 25 יאָר בערגלסאָן

איך בין ניט פֿאַרליבט ניט אין יובילעיען אָדער יאָרצייטן און ניט אין שרייבאַכצן צוליב קאַלענדאַרישע געלעגנהייטן. וועגן בערגלסאָנען וועט געשריבן ווערן אין די ווייטערע נומערן ″סטודיאָ″, דערווייל אָבער שיק איך אָפּ דעם לייענער צו נומער 42 פֿון די וואַרשעווער ″ליט. בלעטער″; דער נומער איז אינגאַנצן געווידמעט בערגלסאָנען, און פֿון דעם גאַנצן באַקומט זיך ע פּ ע ס — הגם ניט זייער צופֿרידנשטעלנדיקס: מער טאָסטן און לחיימס איידער אָפּשאַצונג. אַ זאַכלעכן אַרטיקל וועגן בערגלסאָנען גיט משה כּץ אין דעצ.־נומער ″האַמער″, געשריבן, פֿאַרשטייט זיך, פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיק.



אַן אינדירעקטע שייכות צו בערגלסאָנען האָט א. טאַבאַטשניקס רעצענזיע איבערן ביכל פֿון ב. טוטשינסקי: ″בין־השמשותן און שטורעמווינטן″ (פֿאַרלאַג ″טשערנאָוויצער בלעטער″, טשערנאָוויץ, 1935), וואָס איז אַ קאָלעקציע פֿון עסייען איבער בערגלסאָנען. טוטשינסקי שרייבט מיט אומברחמנותדיקער ליבשאַפֿט צו בערגלסאָנען, און טאַבאַטשניק איז גערעכט ווען ער זאָגט אַז טוטשינסקי ″באַגרעניצט צופֿיל דאָס שאַפֿן מיטן שרייבער אַליין″, אַז ″דאָס שאַפֿן פֿון אַזאַ גרויסן קינסטלער ווי בערגעלסאָן איז פֿיל אומפּערזענלעכער און עפּישער, פֿיל מער אונטערוואָרפֿן צו די געזעצן פֿון דער ווירקלעכקייט ווי צו די אייגענע קאַפּריזן″. עס איז אויך אמת, אַז טוטשינסקי איבערזאַלצט זיין אַרבעט מיט מעטאַפֿאָרן און מליצות און דריידלט צופֿיל זיין שפּראַך (דאָס לעצטע איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן שווערפֿיסיקן אייראָפּייאישן אידיש — זיי טראָגן דאָך נאָך דאָרט קאַלאָשן, און אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד אפֿילו וואַליקעס! דאָס איז דער איינפֿלוס פֿונם לאַנגאָטעמדיקן רוסישן סינטאַקסיס). פֿונדעסטוועגן איז דאָ איין יונגער קריטיקער אַביסל צו שטריינג צו אַ צווייטן: טוטשינסקי אָפּערירט — דערווייל אַביסל אומגעשיקט — גראָד מיט יענע מיטלען וואָס וועלן פֿון אים אפֿשר מאַכן, ווי טאַבאַטשניק אַליין האָפֿט, אַן „עסעאיסטישן קריטיקער″. טשיקאַווע איז, וואָס טוטשינסקי אַליין (ערגעץ אין אַן אַרטיקל אין אַן אַנדער שריפֿט) טרעט אַרויס קעגן קריטישע ″אימפּרעסיעס″, בעת עסעאיסטישע קריטיק קאָן ניט נ י ט ז י י ן היפּשלעך אימפּרעסיאָניסטיש.

איך וויל צוגעבן, פֿון מיין זייט, אַז טוטשינסקי איז אונטערן איינפֿלוס פֿון לעוו שעסטאָוו. דאָס איז ניט געזאָגט געוואָרן לגנאי: ל. שעסטאָוו איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש, און אַ יונגער שרייבער האָט גוטע שאַנסן דורך אים צו געפֿינען דעם וועג צו זיך.—

ניטגעקוקט אויף דעם געזאָגטן אין אָנהייב פֿון דער נאָטיץ, ווילט זיך מיר צוגעבן צום שלום: ס'אַ שמחה אין אונדזערע געצעלטן — פֿינפֿאונצוואַנציק יאָר בערגעלסאָן. —

## א. ראַבאָי

נאָך אַ יובילעי: א. ראַבאָי איז געוואָרן 50 יאָר אַלט. די דאַטע איז געפּייערט געוואָרן פון פּראָלעטפּען און פון דער "מ.־פרייהייט" דורך אַן "אָוונט" וואָס איז געווען גוט באַזוכט פון אַרבעטער. פון די "בור־זשואַזע" שרייבער האָט זיך קיינער, אָדער כמעט קיינער, ניט באַ־טייליקט — צי ווייל די "לינקע" האָבן קיינעם ניט געלאַדן, צי ווייל ראַבאָי האַלט זיך די לעצטע פּאַר יאָר פונדערווייטן פון זיינע אַמאָליקע קאָלעגן.

אין איינעם פון די קומענדיקע נומערן "סטודיאָ" וועלן מיר געבן אַן אַרטיקל וועגן א. ראַבאָי. —

## א. מ. ווייסענבערג

און אַז מיר האָבן זיך שוין אַריינגעלאָזן אין יובילעיען, דערמאָנט אונדז די וואַרשעווער "וואָכנשריפט" וועגן נאָך אַ יובילעי: עס איז געוואָרן 30 יאָר זינט ווייסענבערג האָט זיך באַוויזן אין דער אידישער ליטעראַטור. אָבער ווייסענבערג האָט זיך דערווייטערט פון אַלע שרייבער און האָט זיך צו קיינעם ניט דערנענטערט — די סיבות זענען אונדז ניטקלאָר און ניטפאַרשטענדלעך — און איז, צום באַדויערן, כמעט אַ פאַרגעסענער. —

## ח. זשיטלאָווסקי־יובילעי

דער ח. זשיטלאָווסקי־יובילעי־קאָמיטעט (מענדל עלקין, סעקרעטאַר) גייט אָן מיט זיינע פאָרבאַרייטונגען צו פייערן דעם 70־יאָריקן יובילעי פון דר. חיים זשיטלאָווסקי.



## די רדיפות אויף אידיש אין פּאַלעסטינע

זיי ווערן רעגלמעסיק אָפּגעלייקנט און ווערן רעגלמעסיק באַשטעטיקט. דער סאַמע לעצטער פאַל איז די מעשה "נייוועלט" — אַ צווייוואָכנ־שריפט וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון די לינקע פּועלי־ציון, אונטער דער רעדאַקציע פון נ. י. ראַפּאַלקעס ("ניר"). דאָס איז דער ערשטער פּרואוו אַרויסצוגעבן אין פּאַלעסטינע אַ צייטשריפט אויף אידיש. נו, האָט זיך אונדזער "ישוב" — ד. ה., די וואָס קאָמאַנדעווען איבערן ישוב — אַ ריר געטון: געשעפּטלעכער דרוק אויף דער דרוקעריי — גיפטיקע פיילן פון דער העברייאישער פרעסע — גוואַלט־טאַטן מצד דעם "גדוד מגיני השפה". "נייוועלט" איז געצוואונגען זיך צו דרוקן אין אַן אַראַבישער דרוקעריי (אַך! וואָס וועלן זאָגן די אַלע "כבושים": כבוש העבודה, כבוש הארץ, כבוש הביזנעס ?...) און קלאַפּט טרע־וואָגע דאָ באַ אונדז, אין אַמעריקע. עס האָט זיך דאָ געגרינדעט אַ "ליגע פאַר די רעכט פון אידיש אין פּאַלעסטינע". מ'באַמיט זיך צו שאַפן אַ פולשטענדיקע דרוקעריי און זי שיקן דער "נייוועלט" צו הילף. דאָס איז זייער גוט. נאָר דער וויץ איז (אַ שלעכטער וויץ...) וואָס די "הסתדרות" — ד. ה. די געווערקשאַפטן, די אָ ר ג אַ נ י ז אַ־צ י ע פ ו ן א י ד י ש ע אַ ר ב ע ט ע ר אין פּאַלעסטינע — שפּילט כמעט די ערשטע פידל אין דער דאָזיקער הייליקער מלחמה אויף אידיש. נאָך אַ וויץ: די לינקע פּועלי־ציון זענען אַ טייל פון דער "הסתדרות". איך שלאָג פאָר דער הסתדרות: שליסט אויס די לינקע פּועלי־ציון און אַלע אידישיסטן פון אייער אָרגאַניזאַציע! וואָס דאַרפט איר זיך "באַדערן" ?!

פונדעסטוועגן מעג די "הסתדרות" וויסן, אַז מיר דאָ, אין "גלות", די איבערוועגנדיקע מערהייט פונם אידישן פאָלק — פונם א מ ת ד י ק ן אידישן פאָלק, יו נאָו! — באַטראַכטן זייער באַציאונג צו דער אידי־שער שפּראַך ווי אַנטידעמאָקראַטיש, אַנטיסאָציאַליסטיש און אַנטינאַ־ציאָנאַל. מיר זעען פאָראויס, אַז אָדער דער אידישער ישוב וועט קיינ־מאָל ניט אויפגעבויט ווערן ווי געהעריק איז אָן אידיש; אָדער דאָס העכסטע וואָס זיי קאָן זיך איינגעבן איז — אָפּצורייסן אַ שבט מישראל,

וואָס וועט פאַרלירן יעדן צוזאַמענהאַנג מיטן אידישן פאָלק. אויפן פאָ־
ליטישן לשון רופט מען עס "סעפּאַראַטיזם". מיר האָבן גאָרניט קעגן די
וואָס ווילן העברייאיש — דאָס איז זייער זאַך און זייער רעכט; נאָר
מ י ר פ אָ ד ע ר ן ג ל י י כ ע ר ע כ ט פ אַ ר ד ע ר א י־
ד י ש ע ר ש פּ ר אַ ך א י ן פּ אַ ל ע ס ט י נ ע.

## בירָאָבידזשאַן און דער איקאָר

איצט, אַז די סאָוועטנמלוכה האָט זיך גענומען בויען בירָאָבידזשאַן
ווי אַ אידישע טעריטאָריע אויף אַן אמת, הויבט אָן די באַוועגונג פאַר
ב. ב. דאָ, בא אונדז אין אַמעריקע, אַרויסצוצייגן סימנים פון שטיי־
גענדיקער ענערגיע. עס וואַקסט די מיטגלידערשאַפט פונם איקאָר, און
עס האָט זיך געגרינדעט אַ בירָאָבידזשאַן־געזעלשאַפט צווישן די באַלע־
באַטישע קלאַסן. אין דער לעצטער וועלן, פאַרשטייט זיך, גיין פאַר־
מעגלעכע מענטשן און יענע פון די יאהודים וואָס פאַרנעמען זיך מיט
אידישע ענינים; דער איקאָר, ווידער, קאָן רעכענען הויפּטזעכלעך
אויף אַרבעטער. צו וועלכן פון די צוויי שטראָמען עס וועט צושטיין
דער אידישער קליינבירגער, וועט זיך ו ו ע נ ד ן אָ ן ד ע ר
ט אַ ק ט י ק פ ו נ ם א י ק אָ ר: בא אַ ריכטיקער טאַקטיק האָט
ער גרויסע שאַנסן, אַז דער קליינבירגער זאָל גיין מיט אים.

* * *

אַ חוץ דער אומגעהייערער פּראַקטישער באַדייטונג פון בירָאָבידזשאַן
פאַר אונדזער פאָלק, איז דער גאַנצער ענין פון גרויסער וויכטיקייט
פאַר אונדזער געדאַנקלעכן לעבן.

פאַר די לעצטע פופציק יאָר קומט פאָר אין אונדזער אידישן גייסטיקן
לעבן אַ ראַנגלעניש צווישן דעם סאָציאַליסטישן און דעם נאַציאָנאַליס־
טישן געדאַנק. אין דער ביטערניש פונם קאַמף איז דער סאָציאַליס־
טישער געדאַנק דערגאַנגען ביז צו קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט אָדער



געגעבן דער אַסימילאַציע אַ פרייע האַנט, אָדער אפילו זי דערמוטיקט.
פון דער אַנדערער זייט, איז אונדזער נאַציאָנאַליזם — דער אין זיך
גופא באַרעכטיקטער נאַציאָנאַליזם פון אַ פאָלק אונטער דער בייטש
פון אונטערדריקונג און פון "נאַטירלעכער" אַסימילאַציע — ניט־
איינמאָל דעגענערירט געוואָרן אין שאָוויניזם. דער אַנטיסעמיטיזם
איז געשטעלט געוואָרן, דורך אונדזער נאַציאָנאַליזם, אונטער עפּעס
אַ מיסטישן צייכן: אַ ל ע פ ע ל ק ע ר ה אָ ב ן א ו נ ד ז
פ י י נ ט — און פאַרטיק. דער אויספיר דערפון האָט געקאָנט זיין
אָדער אַז מיר זענען נידריקער, ע ר ג ע ר פון אַלע פעלקער — אַז
אויספיר וואָס קיין שום פאָלק וועט אים ניט וועלן אָננעמען; אָדער
אַז מיר זענען ב ע ס ע ר פון אַלע פעלקער — אַן אויספיר וואָס
וועט י ע ד ן פאָלק זיין צום האַרצן. אַזוי־אַרום האָבן מיר זיך גע־
שאַפן אַ פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונג פונם גאַנג פון דער געשיכטע און
אַ קרומען, אויסטערלישן באַגריף וועגן אונדזער אייגענער ראָלע אין
דער וועלט און וועגן די סבות פונם אַנטיסעמיטיזם אין קאָנקרעטע
לענדער און קאָנקרעטע צייטשניטן.

דער ענין ווערט קאָמפּליצירטער דורך דעם, וואָס אין דער גאַנצער
פאַנטאַסטיק איז פונדעסטוועגן יאָ פאַראַן אַ לאָגישער קערן. אויב
מ'זאָל אָנשטאָט דעם מיסטישן צייכן — "אַלע האָבן אונדז פיינט" —
אַוועקשטעלן: "נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, געפּאָרט מיט עקס־
טעריטאָריאַליטעט", כאַראַקטעריסטיש נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, אָן אַן
אייגענער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און קולטורעלער סביבה — וועלן מיר
באַקומען דעם וואָרצלדיקן ווידערשפּרוך אינעם אידישן לעבן וואָס דער
אַלטער — מענשעוויסטישער — סאָציאַליזם האָט איגנאָרירט און
אפילו נעגירט.

איז געקומען דער קאָמוניזם און האָט דערקלערט, אַז די פּאָזיטיווע
לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין
פּראָגראַם. א יז געקומען דער ב אָ ל ש ע ו ו י ז ם און האָט זיך
גענומען אָנווענדן דעם דאָזיקן פּונקט פון דער קאָמוניסטישער פּראָ־
גראַם טאַקע אויף אַן אמת — אפילו צו דער שווערסטער פּראָבלעם,
צו דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. פון איצט אָן וועט בירָאָבידזשאַן

ווערן — אָדער נ י ט ווערן — אַ אידישע רעפּובליק אָפּהייַנגיק פון דעם אָפּרוף פון די אידישע מאַסן גופא.

דאָס וואָלט באַדאַרפט פירן צו אַ דערנענטערונג צווישן דעם סאָציאַליזם און דעם נאַציאָנאַליזם אין אונדזער אידישן לעבן. אָבער אַ פּופּציקיעריקער קריג קאָן זיך, אַפּנים, ניט ענדיקן אַזוי ראַפּטאָם. רינגלט אונדז נאָך אַלץ אַרום אַן אַטמאָספערע פון חשד און אומצוטרוי. דאָס סאַמע וואָרט נאַציאָנאַליזם איז נאָך אַלץ טרייף בײַ די אידישע קאָמוניסטן — אפילו אין פאַרבינדונג מיט ביראָבידזשאַן, מיט בויען די אידישע טעריטאָריע בפירוש אויף סאָציאַליסטישע יסודות, אין אייַנקלאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פונם גאַנצן סאָוועטנפאַרבאַנד. קוקן די נאַציאָנאַליסטן נאָך אַלץ מיט חשד אויף דער באַציאונג פון די אידישע קאָמוניסטן צו "נאַטירלעכער" אַסימילאַציע. מ'דאַרף אָבער האָפן, אַז די ענדערונגען אינם "זייַן", אין דער אַקטועלער ווירקלעכקייט, וועלן ענדערן דאָס "דייַנקען". די פּאַקטישע עקזיסטענץ פון דער אידישער טעריטאָריע און די אַקטיווע מיטאַרבעט אין די פּלענער פון דער סאָוועטנמלוכה וועלן אָפּפייַלן די שאַרפע ווינקלען.

עס איז אָבער אויך אויפן פּלאַץ באַוואוסטזיניקע אַרבעט אין דער דאָזיקער ריכטונג איצט און שוין, און דער ניי־געגרינדעטער "אידיש־קולטור־צווייַג" (שרייבער און כללטוער) באַם איקאָר קאָן דאָ פיל העלפן דורך געדולדיקער און פרייַנטלעכער קריטיק.

## צענטראַלע ביבליאָטעק

אין נויאָרק האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט מיטן צוועק צו פאַררופן "אַ קאָנפערענץ פאַר אַ אידישער צענטראַלער ביבליאָטעק און אַרכיוו פאַר פּרעסע און סאָציאַלע באַוועגונגען". די קאָנפערענץ ווערט פאַררופן אויף זונטאָג, פעב. 3, צוויי אַזייגער בייטאָג, אין אירווינג פּלאַזאַ האָל. דער אַרויסגעלאָזענער אויפרוף לאַדט איין אָרגאַניזאַציעס, צייַטונגען און זשורנאַלן צו שיקן דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ.

אונטערגעשריבן זענען די פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: "איווו"א", איד. קולטור־געזעלשאַפט, איד. אַרבעטער־שולן, אַרב.־רינג (בילדונגסקאָמיטעט), איד. נאַצ. אַרב.־פאַרבאַנד, פאַרבאַנד פון פּוילישע אידן אין אַמעריקע.



# אָפּרופן וועגן "סטודיאָ"

אין אַלגעמיין האָט די פּרעסע זיך אָפּגערופן וועגן דעם ערשטן נומער גינציק און פרייַנטלעך. עס זענען געווען אויך שטורכעס. די לעצטע דאַרף מען דאָ דערמאָנען.

א. מ ו ק ד ו נ י, אין "מאָרגן־זשורנאַל", מאָנט: "דאָס ליטעראַרישע טעלערל פון הימל אַהער! צוגעזאָגט, דאַרף מען האַלטן וואָרט".

אפשר קאָן זיך א. מוקדוני דערמאָנען, ווען און וואו לאַמעד שאַפּיראָ האָט צוגעזאָגט דאָס "טעלערל פון הימל"?... —

ווייטער זאָגט מוקדוני: "סטודיאָ" איז קאָמוניסטיש, אָבער טיפּיש שאַפּיראָאיש. דער מיוחס, דער ליטעראַרישער "גוטער־איד", וועט נישט עסן קאָמוניזם פון איין קעסל מיט אַלע פּלעבעיער צוזאַמען. ניין, ער וויל אַז פאַר אים זאָל מען קאָכן קאָמוניזם ספּעציעל, אין אַ ספּעציעל טעפּעלע פאַר אים אַליין".

דאָס איז וויציק און אפילו שאַרפזיניק געזאָגט. לאַמעד שאַפּיראָ וואָלט זיך געמעגט פאַרטראַכטן איבער דעם.

ש. נ י ג ע ר האָט אויסגעשייגעצט דעם ערשטן נומער „סטודיאָ" פאַר דער נאָטיץ וועגן דער "צוקונפט".

וואָס פאַר אַ זינען האָט עס צו פאַרגלייכן די פאַרדינסטן פון אַ זשורנאַל וואָס איז 30—35 יאָר אַלט מיט די פאַרדינסטן פונם ע ר ש ט ן נומער פון אַ נייעם זשורנאַל? 30—35 יאָר פון אַ זשורנאַל זענען אַזוי־פיל יאָרן פון ליטעראַרישן לעבן — אין פאַרשיידענע פּעריאָדן

— אונטער פאַרשיידענע פּירער: פאָרנבערג — ווינטשעווסקי — יעקב מילך — א. ליעסין... און וואָס פאַר א שייכות האָט עס צו א קריטישער באַציאונג צו אַזאַ זשורנאַל אין יעדן געגעבענעם מאָמענט? דאָס קאָן מיינען בלויז איינס: אַ זשורנאַל "מיט אַ באָרד" טאָר מען נישט קריטיקירן — ער האָט "פאַרדינסטן". די פּאָר באַמערקונגען אינם ערשטן נומער "סטודיאָ" זענען געמאַכט געוואָרן טאַקע אין דעם גייסט פון קריטישער באַציאונג צו אַ זשורנאַל מיט אַ באָרד וואָס דרימלט בּאַ דער הרובע, אפילו ווען עס קומען אין אים אַריין פון צייט צו צייט גוטע זאַכן. שוין דער פאַקט אַליין וואָס אַזאַ זשורנאַל קאָן נישט פאַרטראָגן אַ שקאָציישן שטורך פון אַ אינגערן קאָלעגע באַווייזט — אַז ער נויטיקסט זיך אין דעם שטורך אַזויווי אין לעבן. —

אָט האָט "דער האַמער" אויך געקראָגן אַ "שטורך" אין דעמזעלביקן נומער "סטודיאָ" און האָט גאָרנישט געפונען פאַר נויטיק אויף אים צו רעאַגירן. אַוואַדע זענען זיי דאָרט אויך זייער "מענטשלעך" אין "האַמער" — וואָדען ניין? אָבער דער צעווייטיקטער, דער אָנטצינדעטער, דער צעיאַטרעטער שרייבערישער עגאָ קאָן דאָרט פאָרט נישט פאַרנעמען אַזויפל פּלאַץ — וויכטיקע זאַכן שטייען אין קאָן!

פון "לינקס" האָט מען אויך רעאַגירט, אָבער — אויף אַ פּרינציפּיעלער פראַגע: "סטודיאָ" איז, הייסט עס, נישט געווען גערעכט צו דער אידסעקציע בנוגע צו איר קורס אין אידישע אָנגעלעגנהייטן.

מחשבותן — איך מוז זאָגן, אַז נישט דער "האַמער" און נישט די "צוקונפט" האָבן זיך נישט אָפּגערופן דירעקט. דאָס האָט משה כץ געשריבן אין דער "מ.-פרייהייט" און ש. ניגער אין "טאָג".

מיר האָבן דערהאַלטן פון לייענער אַ צאָל בריוו מיט שבחים, ווי אויך מיט פריינטלעכער קריטיק. פון די לעצטע ווען מיר דערמאָנען דעם פאָרוואורף פון חבר ראָטבאַרט פון פּיטסבורג, אַז "סטודיאָ" האָט ניט־ריכטיק באַהאַנדלט דעם "איוו"אַ, אַז דער אינסטיטוט פאַרנעמט זיך ניט בלויז מיט אויסזוכן און קאָנסערווירן אַלטע שמות — אַט האָט ער



אַרויסגעגעבן אַ ניי, איצט־געשאַפן ווערק וועגן דער עקאָנאָמיק פון די אייראָפּייאישע אידן אין 19טן יאָרהונדערט, פון יעקב לעשטשינסקי, א. אַז. וו.

דערויף מוזן מיר זאָגן: "סטודיאָ" האָט ניט גערעדט ג ע ג ן איוו"א, נאָר וועגן איוו"א. ל. שאַפּיראָ איז געווען איינער פון די גרינדער פון אַ צווייג פון איוו"א אין 1927־28. דאָס שליסט ניט אויס די מעגלעכקייט און נויטיקייט פון אַ קריטישער באַציאונג צו דער פּאָזיציע וואָס אַזעלכע אינסטיטוציעס פאַרנעמען בּאַ אונדז. וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַרויסגעבן פון אַן איינציקן בוך אָדער אפילו פון עטלעכע ביכער אין פאַרגלייך מיטן אַפּאַראַט וואָס איוו"א האָט איינגעשטעלט אין דער אידישער וועלט און מיט די מיטלען אין געלט און ענערגיע וואָס ער ציט אַרויס? ניין, די טעטיקייט פונם אינסטיטוט איז געווען און געבליבן אַ זאַמלערישע, אַ קאָנסערווירנדיקע. פרעגט זיך, ווי קאָן מען אַוועקגעבן די גאַנצע ענערגיע פאַר אַ טעטיקייט פון אַזאַ כאַראַקטער, בעת אונדזערע לעבעדיקע קוואַלן זענען מאָגער און געשטערט, בעת אַ בוך געפינט אַזוי שווער אַ לייענער און אַ זשורנאַל — אַן אַבאָנענט? אָבער וויכטיקער דערפון איז די פּסיכאָלאָגישע איינשטעלונג אונדזערע, דער איבערטריבענער, באַלעבעסלדיקער רעספּעקט פאַר אַ "וויסנשאַפט" וואָס איר אמתער נאָמען איז ל ו מ ד ו ת, אויף ענגליש — "סקאָלערשיפּ" — אַ וויסן וואָס לײַדט אַ היפּש ביסל פון זקנישער אומפּרוכטבאַרקייט, ווייל עס איז אַריינגעטון אין דער פאַרגאַנגענהייט און האָט אַ קנאַפּן אינטערעס צו אונדזער איצט און צו אונדזער צוקונפט. אַזאַ קוק אויף אונדזער קולטור, אַזאַ דיספּראָפּאָרציע פון אינטערעס צו דער אָפּגעגאַנגענער קולטור פון איין זייט און צו דער לעבעדיקער פון דער צווייטער, האָבן מיר, אידישיסטן, פּשוט איבערגענומען בּאַ די העברייאיסטן, כדי צו ווייזן אונדזער יחוס, אַז מיר זענען אויך ניט־נעכטן געבוירן געוואָרן, אַז מיר האָבן אַן עבר, א. אַז. וו. — מיר האַלטן, אַז דאָס איז קרום און שעדלעך. איז פאַרוואָס טאָר מען עס ניט זאָגן, אפילו ווען דער אינסטיטוט איז, פאַר זיך גענומען, ניצלעך און וויכטיק? —

נאָך דעם ווי די אויבנדיקע שורות זענען אָנגעשריבן געוואָרן, איז נעקומען קיין אַמעריקע י ו ד ל  מ אַ ר ק ס, דעלעגאַט פון אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט צו דער יערלעכער קאָנפערענץ פון דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג. אין אַן אינטערוויו מיט אַ מיטאַרבעטער פון „טאָג" האָט דער גאַסט זיך אויסגעדריקט, אַז דער ייוו"א „טרעט אַריין אין אַ נייער תקופה, וואָס איר הויפּט־לאָזונג איז: "מיטן פּנים צום לעבן!" — אין אַ גוטער שעה. מיר'ן וואַרטן און זען וואָס דאָס מיינט אין דער ווירקלעכקייט. —



## צו די לייענער

קודם כל, ווילן מיר זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר דער גרויסער פֿאַרשפּעטי־קונג פון דער נומער: "די רעדאַקציע" איז געווען קראַנק. צוליב דער פֿאַרשפּעטיקונג האָט זיך אָנגעזאַמלט אַסך מאַטעריאַל, אַזוי אַז כאָטש דער נומער איז מיט 16 זייטן גרעסער ווי געפּלאַנט, זענען ניט אַריינגעגאַנגען זאַכן וואָס האָבן געזאָלט אַריינגיין, זענען ניט באַרירט געוואָרן ענינים וואָס האָבן געדאַרפט באַרירט ווערן, זענען ניט דערמאָנט געוואָרן צייטשריפטן וואָס מיר האָבן געוואָלט דער־מאָנען. פון דער דאַטע אויף דער הילע וועט דער לייענער זען, אַז מיר האָבן ניט בדעה איינצושלינגען דאָס פֿאַרלאָפענע פּערטליאָר. מיר'ן זיך באַמיען אַרויסצולאָזן דעם דריטן נומער אַזוי שנעל ווי מעגלעך, און ביזן סוף "סטודיאָ"־יאָר וועלן מיר אויסגלייכן דעם חשבון: געבן די צוגעזאָגטע צאָל דרוקבויגנס אין פיר נומערן.

און איצט — אַ בקשה:

דער ערשטער נומער איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען ביז דער לעצטער קאָפּיע, און דאָס מאַכט אונדז שוועריקייטן מיט די ניי־צוקומענדיקע אַבאָנענטן וואָס ווילן זען דעם ערשטן נומער. מיר בעטן דעריבער יענע פון די לייענער וואָס זענען ניט קיין זאַמלער פון זשורנאַלן, זיי זאָלן אונדז טון די טובה און צוריקשיקן זייערע קאָפּיעס פון ערשטן נומער. ווער עס וועט פֿאַרלאַנגען, וועלן מיר אָנהויבן רעכענען זיין אַבאָנעמענט פון צווייטן נומער. מיר בעטן זייער צו נעמען אונדזער בקשה אין אַכט, ווייל פאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פון אַ נייעם זשורנאַל איז דאָס אויספֿעלן פון ערשטן נומער אַ גרויסע שטערונג.

און — דאָס ברענגט אונדז צו אונדזער צווייטער בקשה:

אין דער קאַמפּאַניע וואָס איז אָנגעפֿירט געוואָרן פֿאַר דער באַשאַ־פונג פון „סטודיאָ" איז אונדז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו דער־קלערן, אַז  ד י  אַ ב אָ נ ע נ ט ן  ז ע נ ע ן  ד י  א מ ת ע  אַ ר ו י ס ג ע ב ע ר  פ ו נ ם  ז ש ו ר נ אַ ל. דאָס מיינט: "סטר־

דיאָ" איז ניט קיין ביזנעס־אונטערנעמונג; קיין קאַפּיטאַל שטייט ניט הינטערן זשורנאַל; קיין אַנאָנסן נעמען מיר ניט; קיינער זוכט ניט קיין "פּראָפיטן". "סטודיאָ" האָט בלויז אויף אַזויפיל "ביזנעס" אין זיך, אויף וויפיל ס'איז אַבסאָלוט נויטיק כדי צו דעקן דעם מינימום אויסגאַבן וואָס אָן זיי קאָן איבערהויפּט קיין אונטערנעמונג ניט עקזיסטירן אין אונדזער וועלט. אַלץ וואָס איז נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון "סטודיאָ" ווי זי איז פאַקטיש אָרגאַניזירט איז אַ געוויסע, גאָר ניט קיין צו־גרויסע, צאָל אַבאָנענטן. נו, אין אונדזער אידישער וועלט נעמט עס אַ היפּשע צייט צונויפזאַמלען אפילו די דאָזיקע באַשיידענע צאָל לייענער, כאָטש מיר זענען איבערצייגט, אַז ז י י ז ע נ ע ן ד אָ, אַ ז ז י י ל ע ב ן. מיר האָבן נאָך די נויטיקע צאָל אַבאָנענטן נ י ט. פון צייט צו צייט געפינען זיך יחידים וואָס העלפן אַביסל דעקן דעם דעפיציט, אָבער דאָס דאָזיקע מיטל איז אומזיכער, קנאַפּ און, דעם אמת געזאָגט, ניט זייער ווירדיק: ד י ל י י ע נ ע ר דאַרפן עס זיין די־יעניקע וואָס האַלטן אויס זייער זשורנאַל. דעריבער בעטן מיר אַלע די וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דער דערשיינונג פון "סטודיאָ": העלפט דעם זשורנאַל דורך זאַמלען אַבאָנענטן; ווען יעדערער פון די שוין פאַראַנענע אַבאָנענטן וואָלט צוגעקראָגן צו זיך כאָטש נאָך איין אַבאָנענט, וואָלט „סטודיאָ" ניט געדאַרפט אָנקומען צו קיין שום זייטיקער הילף. אַקטיווערע מענטשן פון דער פּראָווינץ וואָלטן אפילו געמעגט אָנפירן אַ שטיקל קאַמפּאַניע פאַר אַבאָנענטן. די צאָל אַבאָנענטן מוז פאַרטאָפּלט ווערן שפּעטסטנס ביז צום סוף פון דעם ערשטן יאָר.

נאָך אַ וואָרט: די אַבאָנענטן וואָס האָבן געביטן זייערע אַדרעסן זענען דרינגלעך געבעטן תיכף אַריינצושיקן זייערע נייע אַדרעסן. מיר קאָנען ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יענע וואָס דערהאַלטן ניט דעם זשורנאַל צוליב זייער פאַרנאַכלעסיקן דעם דאָזיקן פּונקט. —



## אין די ווייטערדיקע נומערן "סטודיאָ", צווישן אַנדערע זאַכן:

**ברוך גלאַזמאַן:** דער טויטנטאַנץ

**אַ. טאַבאַטשניק:** אַ. ראַבאַי

**ב. טוטשינסקי:** משה קולבאַק

**ב. ב י אַ ל אָ ס ט אָ צ ק י:** דער קולט פון ניטוויסן

**לאַמעד שין:** וועגן עסעי

**ל. שאַפּיראָ:** דער אַמעריקאַנער שד

סטודיאָ דערשיינט איין מאָל אין דריי חדשים, אנטהאַלט 128 זייטן, אין אַ הילע פון פּאַפּיר, און קאָסט 2 דאָלער אַ יאָר, פּאָסט פריי. סטודיאָ נעמט ניט אָן קיין אַנאָנסן, אויסער מודעות וועגן ביכער אָדער אַנדערע קולטור-אונטערנעמונגען, און איז אויסגערעכנט אויסשליסלעך אויף מענטשן, וואָס נעמען ערנסט די קונסט פון וואָרט.

סטודיאָ דרוקט דערציילונגען, לידער, עסעיען, רעצענזיעס און אַ קאָמענטאַר איבער די לויפנדיקע פּאַסירונגען פון אונדזער ליטעראַרישן און קולטורעלן לעבן. אין סטודיאָ האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אַלע שרייבער וואָס האָבן וואָס צו זאָגן.

יעדער נומער סטודיאָ גיט זיך אָפּ, אין זיין גרעסטן טייל, מיט אַ ספּעציעלער פּאָרמע פון ליטעראַרישער און קינסטלערישער טעטיקייט. עס איז פּראָוויזאָריש אָנגעמערקט דער פאָלגנדיקער פּלאַן:

1. די דערציילונג און דאָס ליד.
2. דער ראָמאַן.
3. דער עסעי.
4. קריטיק.
5. זשורנאַליסטיק.
6. דראַמאַטורגיע.
7. טעאַטער און קינאָ.
8. מעמואַרן און בריוו.

אַלע לייענער וואָס זענען פאַראינטערעסירט זענען געבעטן אַריינצושיקן תיכּף זייער אייגענעם אַבאָנעמענט, ווי אויך צו זאַמלען אַזויפיל אַבאָנענטן וויפיל זיי קאָנען.

סטודיאָ איז אויסגערעכנט בלויז אויף אַבאָנענטן און ווערט איינצל ניט פאַרקויפט.

פּאַרלאַג "אַליין"

"סטודיאָ"
נאָר פאַר אַבאָנענטן
צוויי דאָלער אַ יאָר

ביכער פון ל. שאַפּיראָ:

| | |
|---|---|
| די אידישע מלוכה | $1.50 |
| נויאָרקיש | $1.25 |
| א יאָר „סטודיאָ" מיט איינעם פון די ביכער | $3.00 |
| מיט ביידע ביכער | $4.00 |

LAMED SHAPIRO
166 Second Avenue
New York, N. Y.